STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11062

IN UMRU

Moshe Litvakov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11062-0

9780657110628T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

מ. ליטוואַקאָוו

אין אומרו

צווייטער באַנד

1926

Отпечатано в типографии „Дер Эмес",
Москва, Покровка, 9, в коли-
честве 3000 экз. Главлит
№ 59621

אין דעמדאָזיקן באַנד גייען אַריין אַרטיקלען, גרעסערע און קלענערע, וואָס האָבן א שאייכ:ס
באַר צו ליטעראַטור און צו איינזיקע פראַגן, וואָס זיינען מיט ליטעראַטור ענג פאַרבונדן. אין צוגאַנג
צו פראַגן פון ליטעראַטור און קונסט האָב איך אין מיינע אַרבעט;—סאַי אין אידיש איבער אידישער לי-
טעראַטור און קונסט און סאַי אין רוסיש איבער רוסישער און אויסלענדישער ליטעראַטור — שטענ-
דיק אָנגעווענדעט דעם מאַרקסיכטישן מעטאָד. מיט דעמדאָזיקן מעטאָד איז, נאַטירלעך, דורכגעדרונ-
גען אויך דערדאָזיקער באַנד. אָבער...

אָבער די אַרטיק·לען, וואָס זיינען אַריין אין דעם באַנד, האָבן זיך געשריבן און געדרוקט
אין אַ מעשעך צייט פון 1918 ביז 1926 איינגעשלאָסן. פאר דער צייט, וועלכע איז אַזוי פול מיט
וועלט-ה סטאָרישע געשעענישן און ענדערונגען, איו אין מיין אייגענעם לעבן אַלס אַרבעטער-טוער
און שרייבער אויך, פאַרשטייט זיך, פאָרגעקומען אַ קאָלאָסאַלע ענדערונג: פון אַ מיטגליד און טוער פון
אַ אידישער נאַציאָנאַל-סאָציאַליסט·שער פאַרטיי האָב איך געהאַט דאָס גליק און די ערע צו ווערן א
מיטגליד און טוער פון דער רוסלענדישער (איצט—אַלפאַרבאַנדישער) קאָמוניסטישער פאַרטיי (באָלשעווי-
קעס). פאַרשטייט זיך, אַז דער מאַרקסיסטישער מעטאָד אין דער אָנווענדונג פון אַ מענשעוויק און דער-
זעלבער מעטאָד אין דער אָנווענדונג פון א קאָמוניסט-לעניניסט איז ניט איינס און דאָס זעלבע,—
ס'איז פאָלג מיך אַ גאַנג...

דאָס האָט מיך געצוואונגען אין די אַרטיקלען, וועלכע זיינען דאַטירט מיט די יאָרן 1918-19,
אַריינטראָגן איינזיקע ענדערונגען לעאַכער האמאַיסע, קעדיי צו פאַריכטן אירעאישע פעלערן און פאַרהיטן
די איינהייטלעכקייט פונם בוך. צום גליק איז מיר אויסגעקומען אריינצוטראָגן אין זיי ווייניק ענדערונגען,
ווייל אין פראַגן פון ליטע-אַטור און קינסט זיינען מיינע מענשעוויסטישע זינד געווען, ווי ס'האָט
זיך אַרויסגעוויזן, ניט אַזוי גרויס. מיר איז אויסגעקומען צו ענדערן אַביסל די פראַזעאלאָגיע, מער
פאַרפינקטלעכן די סאָציאַלע ציל-איינשטעלונג—אָבער ניט אין טאָך. דאָס באַציט זיך, לעמאָשל, צום
אַרטיקל וועגן דעם אלנאַנאך „אייגנס". אַז אין מיין צוגאַנג צום דעמאָטיקן בערגעלסאָן, ניכטער
א. א. בין איך געשטאַנען אַפן ריכטיקן וועג, באַווייזט די קרענקלעכע רעאַקציע, וואָס דער אר-
טיקל האָט אַרויסגערופן מיצאַד בערגעלסאָנען אינם זשורנאַל „ביכער-וועלט" (דערדאָזיקער אַרויסטריט
בערגלסאָנס ווערט ציטירט אין לויף פון דעמדאָזיקן בוך.) געענדערט זיינען אויך די לעצטע שורעס פונם
אַרטיקל איבער א. ווייטער (אויסער די אלגעמיינע ענדערונגען אין דער פראַזעאלאָגיע א. א. וו.).
דידאָזיקע ענדערונג איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם, וואָס עס זיינען באַוואוסט געוואָרן אַלע
פאַרדריסלעכע פראַטים פון זיין טראַגישן סאָף...

אָבער אויך אין די אַרטיקלען, וואָס האָבן זיך געשריבן שוין אין מעשעך פון מיינע קאָמו-
ניסטישע יארן, באַמערקן זיך גיוואַנסן בענויגייע צו איינע און דיזעלבע שרייבער און ליטעראַרישע
דערשיינונגען. דאָס איז אויך פאַרשטענדלעך. די קאמוניסטישע קריטיק ווערט פאַרשארפט אַף דעם

אָדער יענעם פונקט, אין דער אָדער יענער ריכטונג אין העסקעם מיט דער אויפגאַבע, וועלכע ווערט געשטעלט אַפן געגעבענעם געביט אין געגעבענעם מאָמענט. אויב אַפילע אונזער ליטעראַטור גו-פּע איז, ווי איך באַמי זיך דאָס צו באַווייזן אינם „אַנשטאָט אַן אַריינפיר“, געוואָרן פילבאַר צו יעדן ריר פון אונזער אַלטעגלעכקייט, איז שוין פון דער קאָמוניסטישער קריטיק אָפּגערעדט...

אָבער אין אַלגעמיין איז דאָך, ווי מיר שיינט, די ליניע פוס בוך אַן איינהייטלעכע.

מ. ל.

מאָסקווע, מארט 1926.

יערושע און העגעמאָניע

(אַנשטאָט אַן אַריינפיר)

I

פראַגן, וואָס שטייען.

וואָס מער אונזער סאָוועטישע אידישע ליטעראַטור הויבט זיך אָן זעלבסט-באַשטימען, וואָס מער זי קריסטאַליזירט זיך אויס אַלס אַ נייער און אייגנאַר-טיקער קולטור-פאַקטאָר אין לעבן פון די אידישע מאַסן, ווערן אַרום איר און אין צוזאַמענהאנג מיט איר אויפגעהויבן אַ ריי וויכטיקע ליטעראַריש-געזעלשאפט-לעכע פראַגן. אייניקע פון דידאָזיקע פראגן ווערן באַזונדערס פאַרשאַרפט, אַף וויפל מיר קומען אין באַריר מיטן אידיש-ליטעראַרישן אויסלאַנד, — אַלץ איינס, צי דערדאָזיקער באַריר דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס אונזערע ליטעראַרישע שאַפונגען ווערן באהאנדלט אין אויסלאַנד, צי אין דעם, וואָס אידישע שריי-בער פון אויסלאַנד הויבן אָן באַזוכן דעם ראַטנפאַרבאַנד און אַפן אָרט זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דער נייער קולטור-בויאונג, וואָס קומט באַ אונז פאָר.

אַזוי אַרום, זיינען דערוועקט געוואָרן באַזונדערס צוויי וויכטיקע פראַגן. ערשטנס, וועגן אונזער באַציאונג צו דער ליטעראַרישער יערושע, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די פאָריקע דוירעס; און, צווייטנס, וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דער אידישער ליטעראַטור אין ראַטנפארבאַנד און דער אי-דישער ליטע-אַטור אין אויסלאנד, — דעריקער אין אַמעריקע און אין פוילן. אַפן באַנקעט פון קאַבאָלעס-פּאָנים דעם אידיש-אַמעריקאַנישן דיכטער ה. לייוויק אין מאָסקווע (18-טן סענטיאבר 1925) איז די לעצטע פראַגע פאָרמולירט געוואָרן ווי אַ פראַגע וועגן העגעמאָניע, און דאָס וואָרט „העגעמאָניע״ איז פון דעמדאָזיקן באנקעט אַפילע אַוועק שפּאַצירן איבער פאַרשיידענע ליטעראַרישע אויסגאַבן אין אויסלאַנד מיט די אָדער אַנדערע פיירושים...

דעם גאַנצן סכום פראָבלעמען, וואָס זיינען דערוועקט געוואָרן סאַי אַפן דערמאנטן באנקעט, סאַי אַף די אנדערע געזעלשאפטלעכע באַגעגענישן, וואָס דער דיכטער לייוויק האָט געהאט בעשאס זיין רייזע איבערן ראַטנפאַר-באנד, פאָרמולירט כ׳ לייוויק גופע אַף זיין דיכטערישן לאָשן אַף אַזאַ אויפן:

„ליטעראַרישעס.

גוטער, וואוילער איזי כאריק. ליבער פּאָעט פון „מינסקער בלאָטעס״. אַף זיינע נאַאיוועס, נאָך אינגלשדיקע פּלייצעס נעמט מען און מע לייגט אַרויף אַזאַ גרויסע, אַזאַ

שרעקלעכע מאַסע: אַן אַנהויב פון אַ ליטעראַטור.
פּערעצן דאַרף מען ניט.
שאָלעם-אַלייכעמען אויך שוין ניט.
אַשן אַוואַדע ניט.
די וואַרשעווער — אָפּגעמעקט.
די ניו-יאָרקער — אָפּגעשניטן.
די אידישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד דאַרף זיך אָנהויבן פון 1923 אַן ערעך.
אַן אייגענע ליטעראַטור. אַ נייע.
אַ פּראָלעטאַרישע.
דעם פריערדיקן „כלאם״ דאַרף מען מער ניט האָבן, אָפּטרייסלען זיך פון אים.
יערושע-ש־מל.
אַ ווייסע זילבערנע לעוואָנע הענגט איבערן הימל פון דער נייער אידישער פּאָעזיע אין ראַטן-רוסלאַנד.
אַ ווינטערדיקער הימל. קאַלט.
שטייט דער ליבער איזי כאַריק אונטערן ווייסן הימל און האָט מוירע אומצוקוקן זיך אַף הינטער.
ער — דער אָנהויב.
זיינע אַקסלען נעמען צוקן, אין די קני פיבערן. זיינע אויגן בעטן זיך: גאַזלאָנים, ווער האָט עס מ־ר ארויפגעלייגט אַט די שרעקלעכע מאַסע?
ער וויל אַ קוק טאָן אַף הינטער און וואגט ניט. מע טאָר ניט. אָפּגרונט.
זיינע ליפּן כאַלעשן אַרויסצופליסטערן: עלטערע ברידער מיינע, פּאָעטן פון ניו-יאָרק און וואַרשע, העלפט מיר.
אָבער מע טאָר ניט. אָפּגרונט.
די אידישע פּאָעזיע אין נייעם רוסלאַנד דאַרף זיך אָנהויבן פון 1923 אַן ערעך אָדער גאָר עפּשער פון 1925.
אַן אייגענע.
אַ פּראָלעטאַרישע.
דעם פריערדיקן „כלאם״ דאַרף מען מער ניט האָבן.
אָפּטרייסלען זיך.
יערושע-שימל.
רירנדיקער גוירל פון איזי כאַריק... פון איציק פעפער...״ *)

איז ווי שטייען בעעמעס דידאָזיקע פראַגן און ווי קאָן מען זיי ווי דאַרף מען זיי פאַרענטפערן?

II

די פראַגע וועגן יערושע

ערשטנס, די פראַגע וועגן יערושע.

כ׳ לייוויק האָט אַראַנק זיין אינדיווידואַליסטישן אַרט דענקען שלעכט באַנומען די פראגע און דעריבער האָט ער ניט ריכטיק געשילדערט די לאַגע. מיר, אין ראַטנפאַרבאַנד, באַציִען זיך ניט מיט ביטל צו אונזער ליטעראַרישער יערושע. קאָמוניסטן באציִען זיך איבערהויפּט ניט מיט ביטל צו קולטור-יערושע,

*) „אַפן ראַנד פון אָנהויב״. קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור-ליגע״. נאָך פריער געווען געדרוקט אין דער ניו-יאָרקער „פרייהייט״ ווי אַ בריוו פון ראַטנפאַרבאַנד.

אַף וויפל עס ליגן טאַקע אין איר אָנגעזאמלטווירקלעכע קולטור-ווערטן. צוגיין צו אַ קולטור-ירושה מיט אַ מארקסיסטישן אַנאַליז און אויפדעקן איר סאָציאַלע אָפּשטאַמונג און באדייט, הייסט ניט אָפּלייקענען זי, נאָר אַדעראַבע פארפעסטיקן פאר איר אַ באשטימט אָרט אינם קולטור-באוואוסטזיין פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. אַזוי האנדלען אויך מיר, אידישע קאָמוניסטן, לעגאַבע געיארשנטע אידישע קילטור-ווערטן.

און דעריבער איז טאקע אַזוי קאַריקאַטוריש דאָס בילד, וואָס עס מאָלט כ׳ ליוויק: „פערעצן דאַרף מען ניט. שאָלעם-אַלייכעמען אויך שוין ניט“ א. אז. וו.

פערעצעס יאָרצייט האָבן מיר ניט לאנג געפייערט דאפקע אין ראַטנפאַרבאַנד מיט מער מאמאָשעס, ווי אומעטום אין אויסלאַנד. אין אַלע ארבעטער-קלובן, אין אַלע שולן, קינדער-קאָמונעס, פיאָנערן-אָטריאַדן א. אז. וו. מיר גרייטן זיך איצט גאנץ ענערגיש צו פייערן שאָלעם-אלייכעמס צענטן יאָרצייט. עס שטייען פאָר גאַנץ אימפּאָזאַנטע פייערונגען פונם 50-יאָריקן יובילײ פונם אידישן טעאַטער, געשאפענעם דורך גאָלדפאַדענען. אין אַלע אונזערע כרעסטאָמאַטיעס פיגורירן מענדעלע, פערעץ, שאָלעם-אלייכעם, שאָלעם אַש און אנד. מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ באנד געקליבענע שריפטן פערעצעס, מיר גיבן ארויס עטלעכע בענדער געקליבענע שריפטן שאָלעם-אלייכעמס, מע קלערט וועגן אקאדעמישע אויסגאַבן פון אונזערע קלאַסיקער א. אז. וו.

און דאָס הייסט ביטל צו ירושע?.. באשער מיר טוען דאָס אלעס, באַגלייט מיט אַ דורכדרינגענדיקן מארקסיסטישן אַנאַליז, אָן נאַציאָנאליסטיש-אידישיסטישן שעמענזאיס?..

אָבער כ׳ ליוויק האָט דאָך דערפילט און אָנגעטאַפּט איין ווירקלעכן פאקט: די סאָוועטישע אידישע ליטעראטור פילט זיך, ווי „אפן ראנד פון אָנהייב“, אַז בא דער גאנצער אכטונג, וואָס זי פילט צו אונזער ליטערארישער ירושע, באַ איר גאנצן ווילן צו ציען איר מעסוירע פון אונזער פאָריקער ליטעראטור, פילט זי און אַנערקענט אין דערזעלבער צייט, אַז זי האָט ווייניק וואָס אָנצוואווענדן פון דערדאָזיקער ירושע באַ די גאָר נייע, ראַדיקאָל געענדערטע פראָבלעמען פון איר אייגענער בויאונג...

האגאם די אידישע ליטעראטור, וואָס ביז דער אָקטיאבער-רעוואָלוציע, האָט אין זין פון *פאקטישער* אודיטאָריע, פון *פאקטישער* „קליענטור“ זיך שטענדיק אָריענטירט אף די ארבעטנדיקע מאסן, אָבער *אידעאָלאָגיש* און *קינסטלעריש* האָט זי זייער ווייניק מיט זיי מיטגעארבעט אין זייער רעוואָלוציאָנערן קאמף פאר באפרייאונג.

אין דער הינזיכט האָט די אידישע ליטעראַטור געהאט אַן אנדער אנטוויקלונגס-גאנג איידער די רוסישע ליטעראטור. די רוסישע ליטעראטור איז געווען אַ שטענדיקע מיטהעלפערין פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג אין לאַנד. אָנהויבנדיק פון פושקינען (און פריער) און ביזן לעצטן דיכטער פון ערעוו-אָקטיאבר, אָנהויבנדיק פון גריבאָיעדאָוון (און נאָך פריער) און ביזן לעצטן שרייבער פון ערעוו אָקטיאַבר, האָט די רוסישע ליטעראטור אָפּגעשפיגלט דעם אַנטוויקלונגס-גאנג פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, האָט אויסגעדריקט די שטי-

מוגגען, האָפּענונגען, באַגערן און טרוימען פון די אַלע נייע שיכטן, וואָס האָבן זיך מיט יעדן קער פון דער אַנטוויקלונג פון לאַנד אַריינגעגאָסן אין סאָציאַל־קולטורעלן לעבן.

די רוסישע ליטעראַטור האָט אַף יעדן אַנטוויקלונגס־עטאַפּ געשאַפן ניט בלויז ווערק, וואָס האָבן געדינט אַלס הילפס־געצייגן אינם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די פאַרשיידענע קלאַסן און שיכטן, ניט בלויז טיפּן און געשטאַלטן, וואָס האָבן באַרייכערט דעם סאָציאַל־פּאָליטישן באַוואוסטזיין, — זי האָט אַפילע באַרייכערט דעם וואָרט־אוצער פון דער פּובליציסטיק, פון יעדן פּאָליטישן קעמפער, אַגיטאַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט. מיט איר אינהאַלט, פאָרמען און אַפּילע לעקסיקאָן איז זי געוואָרן אַ מעכטיק געהילפס־מיטל פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף. אין איר שטופנווייזער אַנטוויקלונג איז זי דערגאַנגען ביז צום ראַנד פון אָקטיאַבר, און ווען אָקטיאַבר איז געקומען, האט די נייע ליטעראַטור ניט געהאט קיין פּוסטן כאָלאָל, קיין פּוסטן צווישנרוים, וואס זי זאָל דאַרפן אַריבערשפּרינגען, — זי האט געקאָנט פאָרזעצן אָפּן באָדן פון דער באַקומענער ירושע, — און דאָך האָט זיך אַפילע די דוסישע ליטעראַטור דערפילט ווי אין אַ קלעם פון אַ נייעם אָנהויב, וואָס נאָר מיט גרויס מאַטערניש איז זי אים בייגעקומען.

גאָר אַן אַנדער גאַנג זעען מיר אין דער אידישער ליטעראַטור. האָבנדיק אַלס פאַקטישן געברויכער נאָר איין קלאַס — דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט און די אַרבעטס־מאַסן, וואס גרופּירן זיך אַרום אים, האט זי מיט זיין קאַמף קימאַט ווי זיך ניט פאַרנומען. די אידישע ליטעראַטור האָט אָפּגעשפּיגלט נאָר די באַוועגונגען פון דער אידישער בורזשואַזיע: די האַסקאָלע־באַוועגונג פון אירע העכערע שיכטן און די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פונם קליינבירגערטום. אָבער די האַסקאָלע־באַוועגונג האָט געטראָגן נאָר אַ נאַציאָנאַל־אויפקלערערישן כאַראַקטער, — אין פּאָליטישן זין איז זי געווען מערסטנטייל רעאַקציאָנער. דאָסזעלבע זיינען אויך די נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונגען פונם קליינבירגערטום זעלטן אויסגעוואַקסן צו דער שטופּע פון פּאָליטישער רעוואָלוציאָנערישקייט.

האָט טאַקע די אידישע ליטעראַטור געהאַט נאָר אַ באַדייטונג פאַרן נאַציאָנאַלן קולטור־קאַמף, וואָס נאָר אַדאַנק די אָנשטרענגונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז אים צוגעגעבן געוואָרן אויך אַ פּאָליטישער כאַראַקטער. טיפּן און געשטאַלטן, וואָס זאָלן מיטהעלפן אין דער אָריענטאַציע אַף פּאָליטישן קאַמף, אַף רעוואָלוציע, האָט די אידישע ליטעראַטור ווייניק געשאַפן. פּערעץ האָט אָנגעהויבן שאַפן אין דער ריכטונג — און האָט זיך באַלד פון דעם וועג אָפּגעקערט, שאָלעם אַלייכעם האָט געשאַפן אָריענטירנדיקע סאָציאַל־שטייגערדיקע געשטאַלטן, אָבער ניט קיין פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערע. שאָלעם אַש האָט זיך געהאַט אַ קער געטאָן צום „קוילער־געסל״ — און איז באַלד אַוועק צו „מאָשיאַכס־צייטן... ס׳זיינען געווען פּרואוון ווייסנבערגס א. א. — זיי האָבן אָבער קיין פאָרזעצונג ניט באַקומען...

האָט שוין די אידישע ליטעראַטור אויך ניט באַשאַפן קיין לעקסיקאָן

וועלכער זאָל אַריין אין געברויך פונם פּאָליטישן קאַמף, וועלכער זאָל באַרייכערן אונזער פּובליציסטיק, די פּאָליטישע רייד-קולטור. אויסער אייניקע סאָציאַל-שטייגערדיקע שלאָגווערטער שאָלעם אַלייכעמס און אַשס, אויסער אייניקע אינטעליגענטישע אויסדריקן פּערעצעס א. א. האָט די פּאָליטישע קולטור אונזערע גאָרנישט ניט געגנאַשט פון דער פּאַראָקטיאַבער-ליטעראַטור אונזערער. און דאָס האָט זיך אויך געפונען אין העסקעם מיטן גאַנצן סטיל פון דער אַלטער ליטעראַטור: אַ פּאַטריאַרכאַליש-האַרכאַוועדיקער באַ מענדעלען, אַ באַריידעוודיקער קאַסרילעווקער הוי-האַ בא שאָלעם-אַלייכעמען, אַ אינטעליגענטיש-רעמאָזימדיקער באַ פּערעצן, אַ אימפּרעסיאָניסטיש-מינאָרישער באַ בערגעלסאָנען א. א. וו. — אָבער אַלץ אַף אַן אַפּאָליטישן פּאָן, טעמפּ און ריטם פון קליינבירגערלעכער שטעטל-קולטור...

עמעס, אונזער דיכטונג איז אין דעם פּראַט געוועזן נליקלעכער. אָנגעהויבן האָט זי זיך אין געשטאַלט פון מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזנפעלד, עדלשטאַט, באָווּשאָווער, אַווראָם רייזין אַלס דירעקטע אָפּשפּיגלונג פונם אַרבעטער-קאַמף און אין ענגער פאַרבינדונג מיט אים. אָבער אויסער מ. ראָזנפעלד און א. רייזין איז זי געוועזן גיכער אַ געמאַכטע, איידער אַן אָרגאַנישע דיכטונג, — און אַף וויפל ראָזנפעלד און רייזין זיינען טאַקע געוועזן עמעסע דיכטער, האָבן זיי טאַקע געלאָזט עכט-ליטעראַרישע יערושע. און ניט אומזיסט פילט מען אין איזי כאַריק אַ נייע דערהויבונג פונם רייזינישן עלעמענט אין אונזער סאָוועטישער דיכטונג...

און שפּעטער, נאָך אַ לאַנגער האַפּסאָקע, ווען די אידישע דיכטונג איז געשטאַנען אַף די אויבן געצייכנטע וועגן פון דער אידישער פּראָזע, איז ווידער געקומען אַ צייט, ווען זי האָט זיך באַהעפט מיט די שטימונגען און די ריטמען פון די מאַסן: דאָס איז די טקופע פון דער אוקראַינישער גרופּע דיכטער — אָשער שוואַרצמאַן, קוויטקאָ, מאַרקיש און האָפשטיין, וועלכע האָבן אויסגעדריקט דעם ערעוו פון דער רעוואָלוציע...

דעריבער האָט די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע געטראָפן די אידישע ליטעראַטור אין עכטן „מיטן-דרינען". די אָנגעקומענע דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, דער ראַטן-רעזשים, וועלכער איז געבויט דירעקט אַפן צוזאַמענשלוס פון די מאַסן אַרבעטער און פּויערים, די נייע קולטור, וואָס שאַפט זיך אַף דעמדאָזיקן צוזאַמענשלוס, — דאָס אַלץ האָט אין דער פּאָריקער אידישער ליטעראַטור ניט געפונען קיין סימען, קיין זייכער פון צוגרייטונג. צווישן דער אַלטער אידישער ליטעראַטור און דער נייער, דער סאָוועטישער, וועלכע האָט געדאַרפט געשאַפן ווערן, האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פּוסטער כאָלאָל, אַ צווישנרוים, וואָס דער נייער ליטעראַטור איז פאָרגעשטאַנען און עס קומט נאָך אויס אַדהאַיאָם אַריבערצושפּאַנען מיט אייגענע קויכעס, — אין דער הינזיכט האָט די באַקומענע יערושע מיט גאָרנישט ניט געקאָנט פאַרלייכטערן די אויפגאַבע. האָט זיך טאַקע די סאָוועטישע אידישע ליטעראַטור דערפילט „אַפן ראַנד פון אָנהויב", די אידישע פּראָזע מער, די אידישע ריכטונג — צוליב די אויבן אָנגעוויזענע סיבעס — ווייניקער.

* *
*

ס'איז אָבער פֿאַראַן נאָך איין אומגעהויער וויכטיקע סיבע, פֿאַרוואָס די סאָוועטישע אידישע ליטעראַטור פֿילט זיך „אַפּן ראַנד פון אָנהויב".

דער מאַטעריאַל, איבער וועלכן עס אַרבעט און מיט וועלכן עס אָפּערירט די ליטעראַטור, איז דאָס וואָרט. אָבער דאָס אידישע וואָרט איז ביז דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע געווען אויסערסט באַגרעניצט אין זיין געברויך-שעטאַך. האַגאַם אַף אידיש האָבן געדעט דאָס ראָוו שיכטן פונם אידישן פֿאָלק, אָבער אַ נאַטירלעך געצייג אין אַלע לעבנס-אויסערונגען איז אידיש געווען נאָר פֿאַר די פֿאָלקס-מאַסן מיטן פּראָלעטאַריאַט בעראָש. דער אידישער אַרבעטער, דער אידישער פֿאָלקס-מענטש האָט גערעדט אידיש, געלייענט אידיש, געקעמפּט אין אידיש, — נאָר אויך דאָ האָט דאָס אידישע וואָרט ניט געהאַט קיין פֿאַרזעצונג אויסער דער היים און די באַזונדערע קאַמפּס-מאָמענטן אין גאַס. אינם אַרומיקן קולטור-לעבן, אין מאַגע-מאַסע מיט דער „געזעלשאַפֿט", ווער שמועסט נאָך אין פֿאַרקער מיט דער מעלוכע, האָט אידיש קיין שליטע ניט געהאַט.

איז מעמיילע געווען באַגרעניצט דער שעטאַך און פֿאַרנעם פון דער אידישער ליטעראַטור. אַלס אָביעקט פון קינסטלערישער אויפֿמערקזאַמקייט האָבן געקאָנט זיין און זיינען טאַקע געווען נאָר די לעבנס-געביטן, וועלכע זיינען געווען פֿאַרבונדן מיט אידיש אַלס לעבעדיקע שפּראַך.

דער אידיש-אַמעריקאַנישער שרייבער ב. גלאַזמאַן האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געשילדערט אינם זשורנאַל „טעאַליט" די פּראָגע וועגן דער באַגרעניצטקייט פון דער שפּראַך פון אונזער ליטעראַטור צוליב דער באַגרעניצטקייט פון דער צאָל שיכטן, וואָס אונזער ליטעראַטור באַדינט.

„פֿאַרלאַנגט אַ אידישע שפּראַך פֿאַר העלדן „אינטעליגענטן"—ווענדעט ער זיך צום לייענער.—

„עס האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן נייע סאָרטן מענטשן, און די אידישע ליטעראַטור איז אין אָט דעם זינען געוואַקסן... אָבער די שפּראַך איז געוואָרן צו אָרים פֿאַר דעם נייעם גרויסן וואוקס.

„איין קלייניקייט!

„אָט די אַלע נייע העלדן, מיט די אלע מענטשן ריידן בעדערעך קלאַל גאָר אָדער קימאַט גאָר קיין אידיש ניט...

„און אָט איז די פּראָבלעם פונם איצטיקן אידישן בעלעטריסט—שאַפֿן אַ שפּראַך פֿאַר אָט דער נייער סוויווע, פֿאַר אָט די נייע העלדן...

דער־הויפּט רייד איך דאָ פון די אַזוי גערופֿענע „אינטעליגענטן" און סטאַם פון אַלע, וועלכע געהערן ניט צו די פֿאָלקס-מאַסן, די אידיש ריידנדיקע.

„דאַרף דער בעלעטריסט נעמען און שאַפֿן אַ שפּראַך אַ אידישע קימאַט פֿאַר אַלע זיינע העלדן.

„ניט נאָר זיך קליגן, אָפּט אָפּילע נאָכקוקן אין ווערטער-ביכער און געפֿינען נייע אידישע ווערטער פֿאַר דער באַשרייבונג פון דער נייער סוויווע, נאָר האַלטן אין שאַפֿן נאָכאַנאַנד אויך אַ נייע שפּראַך, אַ אידישע שפּראַך, פֿאַר זיי, פֿאַר אָט די נייע טיפּן און העלדן, מיט וועלכע דער שרייבער קומט אַזוי אָפּט אין באַרירונג.

„ווערט דערמיט גופֿע אַוועקגענומען באַם שרייבער איינס פון זיינע וויכטיקסטע מיטלען: דאָס מאָלן אַ כאַראַקטער טיילווייז מיט דער הילף פון דער באַזונדערער, אייגנאַר-

טיקער שפּראַך, וועלכע ער רעדט אין לעבן. אַז יענע ריידן ביכלאַל ניט אין לעבן די שפּראַך, אין וועלכער דער אידישער שרייבער שרייבט, פאַרשטייען זי אָפטמאָל אַפילע ניט.

„באַמיען זיך דאָך די שרייבער צו שאַפן אַ שפּראַך פאַר זייערע העלדן—איז קלאָר, אַז אַזאַ שפּראַך מוז קלינגען פרעמדלעך, ווייל—

— קיינער האָט זי נאָך אין לעבן קיינמאָל ניט געהערט; קיינער, די העלדן גופא, האָבן זי אין לעבן קיינמאָל ניט גערעדט...״ *)

ב. גלאַזמאַן גיט זיך דאָ ניט אָפּ קיין רעכענונג וועגן דער סאָציאַלער פונקציע פון ליטעראַטור. אַ ליטעראַטור האָט אַן עקזיסטענץ-זין און באַדייטונג אַף אַזוי פיל, אַף וויפל זי ווערט געשאַפן פון און פאַר געוויסע קלאַסן, אָדער שיכטן פון אַ פאָלק, און אויב „די שיכטן, גרופּן און קלאַסן״, וואָס ריידן ניט און פאַרשטייען ניט קיין אידיש, „זיינען צו גרויס, צו פּילצאָליק״, וועלן זיי קיין אידישע ליטעראַטור ניט שאַפן און ס'וועט פאַר זיי קיין אידישע ליטעראַטור ניט געשאַפן ווערן. דעם אָדער יענעם אידישן שרייבער קאָנען אינטערעסירן „העלדן״ פון דידאָזיקע „שיכטן, גרופּן און קלאַסן״ און ער קאָן אין זיין דיכטונג שאַפן פאַר זיי אַ בעקיוונדיקע אידישע שפּראַך, אָבער דערמיט וועט ער זיי ניט איינבירגערן אין דער אידישער ליטעראַטור אַלס אָרגאַנישע טיפּן און ער אַליין וועט ניט ווערן זייער שרייבער, פונקט ווי קיפּלינג, לעמאָשל, איז ניט קיין אינדישער שרייבער, האָגאַם ער שילדערט אָרטגעבירטיקע „העלדן״ פון אינדיע און שאַפט פאַר זיי אַן ענגלישע שפּראַך, אַף וועלכער זיי ריידן ניט, אָדער סעראָשעווסקי איז ניט געוואָרן קיין יאַקוטער שרייבער, האַגאַם ער האָט פאַר העלדן פון זיי געשאַפן אַ שפּראַך, אַף וועלכער זיי ריידן ניט...

וויכטיק איז אָבער די קאָנסטאַטירונג, וואָס עס מאַכט איינער פון די נייסטע אידישע שרייבער וועגן דער באַגרעניצטקייט פון דער שפּראַך-ירושע פון דער אידישער ליטעראַטור אַדאַנק דער באַגרעניצטקייט פון דער צאָל שיכטן, וואָס די ליטעראַטור האָט באַדינט. אָבער אויך דאָ מאַכט ב. גלאזמאַן אַ וויכטיקן פעלער. ער האַלט, אַז די אידישע ליטעראַטור האָט ניט אָפּגעשפּיגלט בלויז „די אַזוי אָנגערופענע „אינטעליגענטן״ און סטאָם אַלע, וועלכע געהערן ניט צו די פאָלקסמאַסן, די אידיש-ריידנדיקע״, אָבער די פאָלקסמאַסן האָט זי, קומט אויס, יאָ אָפּגעשפּיגלט און באַדינט. אין דערווירקלעכקייט איז דאָס ניט ריכטיק.

די אידישע ליטעראַטור איז געשאַפן פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ, און דאָס אידישע קליינבירגערטום אין זיין ריין-אידישלעכן גילגל האָט געלעבט אין קיך, אין קראָם, אין שול (בייסמעדרעש),—און נאָר די שפּראַך פון דערדאָזיקער דרייאיינציקונג האָט די ליטעראַטור געגעבן. דאָס לעבן און דעם קאַמף פון די מאַסן, וואָס זיינען מיט אידיש פאַרבונדן אָרום און אָרום, אין אַלע געביטן, האָט די ליטעראַטור מערסטנטייל איגנאָרירט, די נייע קולטור, וואָס דידאָזיקע מאַסן האָבן אין זייער קאַמף געשאַפן, האָט ניט אינם אינהאַלט פון דער ליטעראַטור און ניט אין איר שפּראַך קיין אָפּשפּיגלונג קימאַט ניט געפונען.

*) „טעאַליט״, ערשטער יאָרגאַנג, נומער 3, יאַנוואר 1924, ניו-יאָרק.

די פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס און מאַניפעסטאַציעס, די שטרייקן, די שטרייק-קאַסעס, די פּראָפּאַריינען, די „צענטראַלע סכאָדקעס" אָדער שלאַכ-אַפּטיילן („בעאָען") א. א. וו. האָבן אין דער ליטעראַטור קימאַט קיין שפּור ניט געלאָזט. קיין בערשטער, וועבער, בויער, טאַבאַק-אַרבעטער א. אַ. פיגורירן אין איר ניט. עס פעלט אַריין אַ שניידער-יונג, אַ מאָטל קאַמזויל אָדער אַ „פּעפּערל", ווי אַן אויטעטרלישער שטייגער-עפּיזאָד. די נייע קאַמף-שפּראַך פון דער אידישער פובליציסטיק איז איר געבליבן פרעמד. די רוסישע ליטעראַטור האָט אַף אַלע אירע אַנטוויקלונגס-עטאַפּן ניט בלויז געשאַפן שלאָגווערטער פאַר דער פובליציסטיק, נאָר זי האָט אַליין אויך אין זיך אַריינגעזאַפּט די שפּראַך פון דער פובליציסטיק,—די אידישע ליטעראַטור האָט אין דעם פראַט אַליין ניט געווירקט און איז אויך ניט באַווירקט געוואָרן.

די לאַגע האָט אין זיך אַנטהאַלטן דיאַלעקטישע ווידערשפּרוכן:

די ליטעראַריש-קינסטלערישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג, די ליטעראַריש-קינסטלערישע קריטעריען האָבן געשאַפן די העכערע שיכטן, די געברויכער זיינען געוועזן די פאָלקסמאַסן. האָט די ליטעראַטור זיך טאַקע געווענדעט צו די מאַסן, אָבער די קינסטלערישע אָריענטאַציע איז אַלץ געגאַנגען פון אונטן אַרויף. און אַז מע איז אין דערדאָזיקער אָריענטאַציע פון אונטן אַרויף דערגאַנגען צו דער נויטווענדיקייט געבן אַ שפּראַך און אַ סטיל פון אַ „העכערן" שיכט, האָט יעדער שרייבער די אויפגאַבע געלייזט אַף זיין שטייגער. פערעץ האָט זיך געווענדעט צום נאַציאָנאַל-ראמאנטיזם און האָט געשאַפן אַ פאַרהעברעאישטן סטיל פון כסידישע טאַלמידיי-כאַכאָמים. א. ווייטער האָט אַריינגעלייגט אין מויל פון זיינע אינטעליגענטישע פערסאָנאַזשן אַבסטראַקטע רייד פון אַלעגארישע מאנעקענעס. בערגעלסאָן האָט זיינע אינטעליגענטישע פיגורן איינגאַנצן פאַרמאַכט דאָס מויל און זיי געצוואונגען ריידן אַף שטום-לאָשן, א. א. וו., א. ד. גל. ווייל אין דער נאַטור האָבן ניט עקזיסטירט „אינטעליגענטן און סטאַם אַזעלכע, וועלכע געהערן ניט צו די פאָלקסמאַסן", וואָס זאָלן ריידן אידיש, באַזונדערס אין „דערהויבענע" מאָמענטן, און דער קינסטלערישער אינסטינקט פון די שרייבער האָט זיי ניט דערלויבט זיך ווענדן צו מעכאַנישע מיטלען פון ווערטערביכער אָדער „איבערזעצונגען אין קאָפּ", ווי עס רעקאָמענדירט ב. גלאזמאַן...

צוליב די אָביעקטיווע באַדינגונגען איז די אידישע מאַסן-קולטור געווע שרעקלעך באַגרעניצט אין אירע מעגלעכקייטן, און אַלס איר איינציקער רעזערוו איז פאַרבליבן בלויז דאָס אידישע וואָרט, וואָס איז אַליין אויך געווען באַגרעניצט אין זיין געברויך-שעטאַך. איז דעריבער די איינציקע פאַרקערפּערונג פון אידישער קולטור געוואָרן די אידישע ליטעראַטור, אין וועלכער מע האָט אַריינגעלייגט דאָס גאַנצע נאַציאָנאַליסטישע „דאָברע מאַזל". אַזוי אַרום האָט די אידישע ליטעראַטור קימאַט אויפגעהערט צו האָבן אַ ס אָ צ י אַ ל ע פ ו נ ק צ י ע (די, וואָס זי האָט אָפּגעשפּיגלט, האָט זי ניט באַדינט, און ד י, ו וָ א ס ז י ה אָ ט באַדינט, האָט זי ניט אָפּגעשפּיגלט),—זי איז געוואָרן אַ מין נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע מ י צ ו ו ע.

די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע האָט ראַדיקאַל און גרינדלעך געענדערט די לאַגע.

עס זײַנען אַראָפּגענומען געוואָרן די פּענטעס פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, פון די אידישע פאָלקסמאַסן און — מעמיילע אויך פון זייער שפּראַך, פון אידיש. דאָס אידישע פאָלק האָט אָנגעהויבן ניט נאָר א י ב ע ר ג ע ב ו י ט ווערן, — ס׳האָט אָנגעהויבן א ו י פ ג ע ב ו י ט ווערן אַף ס׳נײַ. עס האָט אָנגעהויבן צוקומען אַ נייער שיכט אינם אידישן ארבעטער-קלאַס — אַ שיכט אַרבעטער פון דער גרויס-פּראָדוקציע, אינדוסטריעלע פּראָלעטאַריער; עס האָט אָנגעהויבן געשאַפן ווערן אַ נייער קלאַס אין אידישן פאָלק — אַ אידיש פּויערטום, און די נייע שיכטן צוזאַמען מיט די אַלטע האָבן אָנגעהויבן אַף אַ נייעם שטייגער אָרגאַניזירט ווערן ניט בלויז געזעלשאַפטלעך, נאָר אויך מעלוכיש, — ווייל צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע איז באַשאַפן געוואָרן א אידיש מעלוכע-לעבן אָדער אַ מעלוכע-לעבן אַף אידיש...

שטעטלדיקע און דאָרפישע ראַטן, געריכטן, מיליצײַ-צירקלען אָדער ראַיאָנען, פאַבריק-קעמערלעך — פּארטייאישע און קאָמיוגישע, פּיאָנערן-אטריאַדן, פּראָפאַריינען, אַרבעטער-קלובן, לייענשטיבלעך, פאָלקסהייזער (סעלבודן), קוסטאַרן-געזעלשאַפטן, קוסטאַרן-קלובן, לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלעקטיוון, אַרטעלן, דערפער, קאָאָפּעראַטיוון און אָרימפּויערים-קאָמיטעטן, אַ נעץ קולטור- און בילדונגס-אנשטאַלטן, וועלכע הויבט זיך אָן פון דער נידעריקסטער שטופע און דערגרייכט ביז דער העכסטער. און נאָך, און נאָך, און נאָך.

און אומעטום, אין אַלעם און פאַר אלעס איז אידיש אלס אומגאַנגשפּראַך, אַלס הערשנדיקע שפּראַך...

פאַרשטייט זיך, אז פילעס פון דעם, וואָס מיר האָבן איבערגערעכנט (און וואָס מיר האָבן ניט איבערגערעכנט), עקזיסטירט נאָך אין דער סכעמע, געפינט זיך נאָך „אַפן ראַנד פון אָנהויב“, — ווייל מיר געפינען זיך אין ראַטנפאַרבאַנד ביכלאַל אַפן ראַנד פון אָנהויב, ביפראַט נאָך אין געביט פון איבערבויען און אויסבויען דאָס אידישע לעבן. אָבער אַף דעמדאָזיקן „ראַנד פון אָנהויב“ איז שוין אומגעהויער פיל דערגרייכט געוואָרן, און דאָס האָט אומגעהויער פאַרברייטערט דעם געברויך-שעטאַך פונם אידישן וואָרט.

אויס דאַלעדאַמעס פאַרן אידישן וואָרט, — עס האָבן זיך פאַר דעם געעפנט ווייטע האָריזאָנטן! דאָס אידישע וואָרט האָט באַקומען עקספּאנסיע אין דער ברייט, אין דער הויך, אין דער טיף, — און באם רעזשים פון פּראָלעטארישער דיקטאַטור איז שווער אָנצוצייכענען איצט די מעגלעכע גרעניצן פאר דערדאָזיקער עקספּאנסיע. אין געביט פון קולטור און בילדונג האָט שוין דידאָזיקע עקספּאנסיע פיל דערגרייכט. אין געביט פון מעלוכע-לעבן הויבט זי זיך ערשט קימאט אָן, אין אַנדערע געביטן ווערט זי ערשט צוגעגרייט, — אָבער אומעטום, אין אַלע געביטן, ווערן פאַר דעם ברייט צעפּראַלט טיר און טויער.

עס מערט זיך די צאָל שיכטן און גרופּן, וואָס ווערן אַרײַנגעצויגן אונטער דער ווירקונג פונם אידישן וואָרט און וואָס דאָס אידישע וואָרט פאלט אַרונטער אונטער זייער ווירקונג. דער אידישער פּראָלעטאריאַט אין אלע זײַנע

שיכטן, די קוסטאַרן און באַלמעלאָכעס, די ניט אַרבעטנדיקע אָרימקייט, דאָס אידישע פויערטום, די פאַרשיידנאַרטיקע אינטעליגענץ, וואָס באַדינט די אַלע שיכטן און נרופּן. אַן אייגענע פאָלקס-אינטעליגענץ, וואָס מיר האָבן אַליין געשאַפן—די לערערשאַפט, די שילער פון די סאָיופאַרטשולן, די סטודענטן פון די פעדטעכניקומס, ארבפאַקן, פון די פאַרשיידענע הויכשולן. און אַ אינטעליגענץ, וועלכע קומט צו אונז צו אין פּראצעס פון דער גרויסער איבערבויאונגס=ארבעט, וואָס מיר פירן, אין רעזולטאַט פונם צוזאַמענשלוס, וואָס ברייטערט זיך אַלץ אין דער אידישער סוויווע.

שוין אויס „טריארע״: בייסמעדרעש, קראָם, קיך, פון וואַנען די שפּראַך האָט געשעפּט איר דערפאַרונג. דאָס אידישע וואָרט קומט פון ראַט, פון דער שול פון אַלע מאַדרייגעס, פונם פּיאָנערן-אָטריאַד, פונם קאָמיוגישן קרייז, פון געריכט, פון טעאַטער, פון קלוב, פון מיליציע, פונם פאַבריק-קעמערל, פונם פּראפאַריין א. א. וו. א. ד. גל. אַ שפּראַך שוין פון פאַרשיידענע דיאַפּאַזאָנען, און מע דאַרף שוין ניט אָדער מע וועט ניט דאַרפן ניט באַנוצן ווערטער-ביכער, קעדיי צו שאַפן פאַר דערווייטערטע שיכטן אַן אויסגעטראכטע שפּראַך, ווי עס רעקאָמענדירט ב. גלאזמאַן, ניט אָנווענדן קיין שטום-לאָשן, ווי עס האָט פּראַקטיקירט בערגעלסאָן. דער ראַטן-טוער, דער פּראָפטוער, דער סטודענט, דער ריכטער, דער אַרבעטער, דער קאָאָפּעראַטאָר, דער אַגראָנאָם, דער פויער, דער מיליציי-אויפזעער א. א.—אַלע ריידן זיי אידיש. פאַרשטייט זיך, מיר ריידן נאָר פון אַ פּראצעס, פון אַ טענדענץ, מיר זיינען נאָך אַפן ראַנד פון אָנהויב — אָבער דער אָנהויב איז פאַראַן...

איז ווען ס'האָבן זיך פארן אידישן וואָרט מיטאמאָל אַזוי ברייט צעפראַלט טיר און טויער, האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן, אז דער אידישער וואָרט-מאַטעריאַל איז פאַרוואָרלאָזט, ניט באַאַרבעט, ניט צונויפגעקליבן, ניט אָפגעקליבן. מיט וואָס האָט דאָ אונז געקאָנט צונוץ קומען די ליטעראַרישע יערושע? אויב אַפילע ב. גלאזמאַן אין אַמעריקע פילט זיך אומבאַהאָלפן מיט דער ליטעראַרישער יערושע, ווען ער קוקט זיך בלויז צו צו פרעמדס און זייטיקס, הייַנט ווי זאָלן זיך פילן אונזערע שרייבער, ווען זיי האָבן מיטאמאָל באקומען אַזויפיל אייגענע אַשירעס?... און ווי קאָן גאָר געמאָלט זיין, אז ווען בײַ איזי כאַריקן אָדער בײַ עמיץ אַן אַנדערן פון אונזערע שרייבער און דיכטער „כאָלעשן די ליפּן״ צו געפינען אַ וואָרט אדער אַן אויסדריק פאַר איינעם פון די נייע און אומגעהערטע באַגריפן, געדאַנקען, שטימונגען, האָפענונגען, באַגערן אָדער פיגורן און געשטאלטן פונם נייעם שלאַל באַגריפן, געדאנקען, פיגורן און געשטאָלטן, וואָס מיר האָבן באַקומען פון דער אָקטיאַבער-וועלט, זאָל ער גאָר אַפילע וועלן „אויספליסטערן: עלטערע ברידער מיינע, פאָעטן פון ניו-יאָרק און וואַרשע, העלפט מיר״?! ניין, „עלטערע ברידער״ פון אלע לענדער, אַזעלכע ווערטער זיינען גאָר אין אייער לעקסיקאָן ניטאָ, ניט געקוקט אף אלע גלאזמאַנישע ווערטער-ביכער, אזעלכע ווערטער איז שווער צו געפינען אויך אין דער יערושע פון די ליטעראַרישע אָוועס אין די געוועזענע „רוסלאַנד, ליטע און פוילן״...

געוויס „כאַלעשן די ליפּן" בײַ דער אידישער ליטעראַטור אף אויסצופליסטערן די נויטיקע ווערטער, אָבער אין דעם זין טיילט זי נאָר דעם גורל פון דער גאַנצער נייער אידישער מאַסן-קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד, בײַ וועלכער די ליפּן זיינען פאַרכאַלעשט אין ווערטער-זוכענישן. דאָס וואָרט לעבט איבער אַ געוואַלדיקן קריזיס פון אומגעריכטן וואוקס, איז ווי קאָן די ליטעראַטור, וועלכע איז [illegible] אף וואָרט-מאַטעריאַל, ניט איבערלעבן קיין קריזיס?

מע זיצט בײַ אונז אין די רעדאַקציעס און מע מאַטערט זיך צו אנטפּלעקן פאָלקס-ווערטער און בויען לויט זייער שניט נייע ווערטער. מע זוכט ווערטער און טערמינען אין די שולן, אין אלע אַנדערע אנשטאַלטן. די מאַסן אליין זוכן ווערטער פאַר די אויסגעוואַקסענע באַגריפן, פאַר די נויטן פון דער שפּראַך-עקספּאַנסיע. ווען איך און דער דיכטער כ׳ ליפּע רעזניק זיינען געווען אין דעקאַבר אין אידישן דאָרף קאַדלוביצע (הינטער פּאַסטאָוו), האָבן די פּויערים, איינשפּאַנענדיק די פערד אף אָפּצופירן אונז צום וואָקזאַל, זיך געווענדעט צו אונז נאָך א שפּראַך-הילף: ווי זאָל זיין די געשפּאַן-טערמינאַלאָגיע אין אידיש — „קעדיי מיר זאָלן מיט דער „סקאָטינע" ניט דאַרפן ריידן גויאיש"... פאַרשטייט זיך, אַז די פראַגע נעמט זיך בײַ די פּויערים ניט פון אידישיזם, כאָלילע, — ווי קומט אידישיזם צו פּויערים? נאָר ס׳איז אן אָרגאַנישער רעזולטאַט פון דער אָביעקטיווער „אידישיזאַציע" פון אונזער לעבן, וועלכע קומט פאָר אין אַלע געביטן. אייניקע קאַדלוביצער פּויערים, עמעסע פּויערים, האָבן אונז איבעראַשט מיט זייער שיינער נייער שפּראַך.

— פון וואַנען קענט איר אַזא אידיש? — האָבן מיר זיי געפרעגט.

— פון דער צייטונג, פון די רעדנער און דעריקער פון די „קינדער".

ווייזט זיך אַרויס, אַז בײַ זיי אין דאָרף האָט פאַרבראַכט אַ זומער אַ קיעווער אידישע שול-קאָמונע מיט אַן אייגענעם פּיאָנערן-אָטריאַד, וועלכע האָבן פאַר איין זומער פיל אויפגעטאָן פאַר דער קולטור-דערציאונג פונם דאָרף און אויך פאַר דער אידישער שפּראַך פון די פּויערים. דאָס איבעריקע האָבן זיי גענומען בײַ די פאָרטרעגער (לערער, פּאַרטיי-טוער א. א.), אין דער פּרעסע א. א. וו.

דאָזעלבע קומט פאָר אויך אין אַנדערע שטעטלעך און דערפער, וואוהין די נייע קולטור צוזאַמען מיט דער נייער אידישער שפּראַך ברענגען אַריין פּאַרטיי-מיטגלידער, קאָמיוגיסטן, לערער, פּיאָנערן, די קאָמפּרעסע.

אלע ארבעטן איבערן וואָרט-מאַטעריאַל און צוזאַמען מיט אַלעמען ארבעטן די שרייבער, די ליטעראַטור.

באַם אָקטיאַבר-רעזשים ווערט שוין די ליטעראַריש-קינסטלערישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג, די ליטעראַריש-קינסטלערישע קריטעריען געשאַפן דורך די אונטערשטע שיכטן מיטן פּראָלעטאַריאַט בעראָש. ווען עס קומען צו פאָרן אידישע ליטעראַטן קיין האָמעל, לעמאָשל, מעלדן זיי זיך צו די אַרבעטער, צו די קוסטאַרן, און בלויז זייער אורטייל באַשטימט דעם קולטור-עסטעטישן גורל פון די שרייבער. קומט לייוויק פון אַמעריקע, מוז ער פּעכטן אף די

טריבונעס פון די אַרבעטער-קלובן, פון די קוסטאַרן-קלובן, פאַר דער פּראָלעטאַרישער לערערשאַפט, פאַר דער פּראָלעטאַרישער סטודענטשאַפט, פאַר קאָמיוגיסטן און פּיאָנערן, און פון זיי אַלעמען איז געווענדט זיין אַקלימאַטיזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד. אַראָפּ זייַנען פון דער אַרענע די אַמאָליקע פּניי, אויף וועלכע די ליטעראַטור האָט זיך געהאַלטן אין אָריענטירן.

איז טאַקע דער אידישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד אויסגעקומען און ס'קומט איר נאָך אַדהאַיאָם אויס זיך איבערגרופּירן, איבערבויען איר פראָנט. מיר זעען דאָ איבערהויפּט אַ דערשיינונג, וואָס ווייסט ניט איר גלייכן אין דער געשיכטע פון דער וועלט-ליטעראַטור: א ליטעראטור, וואָס בויט זיך לויט א באַוואוסטזיניקן פּלאַן. אין ראַטנפאַרבאַנד באַקומט איבערהויפּט דער פּלאַן-פּרינציפּ אַלץ מער שליטע אין אַלע געביטן פון לעבן, אָבער אָרגאַניזירן לויט אַ באַשטימטן פּלאַן די קינסטלערישע אינטואיציע — דאָס זעען מיר צום ערשטן מאָל, און דאָס איז טאַקע די שווערסטע זאַך.

די סאָוועטישע אידישע ליטעראַטור אָרגאַניזירט זיך צום ערשטן מאָל מיט אַ פּלאַן צו באַדינען און אָפּשפּיגלען אַ באַשטימטן קלאַס — דעם פּראָלעטאַריאַט און דערנאָך די סאָציאַלע שיכטן, וואָס גיסן זיך אַלץ אַריין אין צוזאַמענשלוס מיט אים. זי אָריענטירט זיך צום ערשטן מאָל אַקטיוו אויף יעדן טראָט פון לעבעדיקן לעבן. און דאָס איז ניט קיין קלייניקייט, דאָס קומט אָן אומגעהויער שווער, דאָס מוז אויף אַ לענגערער צייט שאַפן אַ צושטאַנד פון פערמאַנענטן קריזיס, ווייל די סאָוועטישע אידישע ליטעראַטור האָט אין דער הינזיכט קיין שום פּרעצעדענטן אין איר פאַרגאַנגענהייט ניט געהאַט, זי האָט אויף דעם קיין יערושע ניט באַקומען.

און די סאָוועטישע אידישע ליטעראַטור איז טאַקע אַזוי באַהעפט מיטן לעבן, ווי נאָך קיינמאָל ניט אין איר געשיכטע. אפילו אַזעלכע שרייבער, וואָס שוועבן אין ווייטערע אוילעמעס, גרופּירן זיך איבער אין דער ריכטונג פון דער ענגסטער נאָענטקייט. פיניבערג, לעמאָשל, שרייבט קאָנקרעטע לידער וועגן דעם טאָג פון דער קאָנסטיטוציע פון פסס"ר, כאַשטשעוואַצקי פאַרנעמט זיך מיט לידער וועגן דער פּאָליגראַפישער פּראָדוקציע, האַלקין באַזינגט פּיאָנערן און אַרבפּאַקאָוועס...

און די ליטעראַטור מאַכט טאַקע דורך אויף איר שטייגער אַלע פאַזיסן און עטאַפּן, וואָס די פּאַרטיי און די ראַטנמאַכט האָט דורכגעמאַכט אין דער אידישער סוויווע. אין די יאָרן פון מיליטערישן קאָמוניזם, — יאָרן פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, — האָט די ליטעראַטור אויסגעדריקט אָקטיאַבר-פּאַטאָס. אין די ערשטע קריזיס-יאָרן פון „נעפּ" איז זי געווען פאַרנומען מיט מאָרעשכוירעדיקן ישעוו-האַדאָאַס. ווען דאָס שטעטל איז אַנטדעקט געוואָרן אין אַלע זיינע שוואַרצע פאַרבן, האָט די ליטעראַטור געהאַלטן אין איין ברענגען צו קוואורע דאָס שטעטל. ווען די פּאַרטיי און די מאַכט האָבן זיך געווענדעט „מיטן פּאָנים צום שטעטל", האָט אונזער ליטעראַטור גלייך דערזעען „בליענדיקע מיסטן", און די ערד-איינאָרדענונג האָט שוין באַוויזן צו שאַפן אַ רייכע פּאָעזיע.

שאַפן, וועלכע האָט צוגעגרייט דעם באָדן שוין פאַר דער ליטעראַטור, וואָס איר פאָרמעלע אויפגאַבע איז שאַפן קונסט-געשטאַלטן און קונסט-פיגורן. און אפילע אין זיין אייגענער שאַפונג מערקן זיך אָן צוויי פאַזן: פון ריינער „אונטערהאַלטונגס-ליטעראַטור", האַגאַם פון א העכערן טיפ—דאָס זיינען זיינע ראָמאַנען, און אַן איבערגאַנג צו שאַפן קינסטלערישע סימבאָלן, וואָס זיין העכסטע אנטפלעקונג געפינען מיר באַזונדערס אין דער דערציילונג „יאָסעלע"...

דינעזאָן איז דורכגעווייקט מיט סאנטימענטאַלקייט—מיט אָט דעם נאַיוון ראָמאַנטיזם פונם פּאָשעטן פאָלקס-מענטש. ער טראָגט אָבער אין אים אַריין אויך דעם נאַיוון רעאַליזם פון דער פאָלקס-סוויווע. באַ אים ענדיקן זיך ניט זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען מיט א בעשאָלעמדיקן פינאַל—פאַרקערט, ער ווייסט און מאָלט, ווי עס קומט פאָר איןווירקלעכן לעבן, אַז די אַוולע הערשט און זיגט און דער יוישער איז אונטערדריקט. די אַוולע איז באַ אים פאַרקערפערט אינם אידישן גוויר, אינם הערשנדיקן באַלעבאַס, וועלכן ער מאָלט אָפּט צו אַלעגאָריש, און דער יושער—אין געשטאַלט פונם אידישן אַרבעטסמאַן.

דינעזאָן האָט פאַרפולקומט אונזער שפּראַך, האָט מיטגעהאָלפן אויסצואַרבעטן איר בילדער-פאַרמעגן, ער האָט געשאַפן, באַזונדערס אין „יאָסעלע" און אייניקע נאָוועלן—פיגורן, וואָס האָבן אַ קינסטלערישן ווערט. אבער אין אַלגעמיין איז ער דער גרעסטער און לעצטער פאָרשטייער פון אונזער „ערעוו-היינטוועלטיקער" ליטעראַטור, ער האָט ניט געשאַפן קיין פיגורן און סימבאָלן, וואָס זאָלן זיין אויסגערעכנט לעדוירעס, ער געהערט אינגאַנצן דער ליטעראַטור-געשיכטע, מיט אייניקע אויסנאַמען, וואָס וועלן קאָנען פיגורירן אין אַ כרעסטאמאַטיע...

און ניט אומזיסט איז דינעזאָן די לעצטע יאָרן געווען מער באַוואוסט אין די שרייבער-קרייזן איידער אין דעם לייענער-פובליקום. ער איז געווען באַוואוסט אַלס דער פאַרזאָרגער פון די אידישע שרייבער און באַזונדערס אלס נאָענטסטער פריינט און נויסע-קיילים פונם פאַרשטאָרבענעם י. ל. פּערעץ. דאָס איז געווען א באַליבטע און קאלאריטישע פיגור פון אונזער ליטעראַרישן אמאָל, א פאַרקערפערטע שטיק ליטעראַטור-געשיכטע אונזערע.

דעקאבער 1919

י. ל. פּערעץ.

I

פּערעץ איז א האַרבע פּראָבלעם אין אונזער ליטעראַטור.

אַ דיכטער, וואָס האָט געהערשט איבער אַ גאַנצן דאָר לעזער און שרייבער, — און דאָך איז זיין איינפלוס אזוי גיך און אַזוי אומבאַמערקט צעפלאָסן געוואָרן, ניט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין באַשטימטן אָפּזאַץ ניט פאַרן נייעם שרייבער און ניט פאַרן נייעם לעזער. ער איז פאַרבליבן אין דער ליטעראַטור ווי אַ בליק־ערינערונג, וועלכע רעגט און אינטריגירט סאַי דעם נייעם שרייבער, סאַי דעם נייעם לעזער, אָבער נאָר אַלס אַ זייכער פון דעם, אַז „אמאָל איז געווען א מיילעך״, אַז דאָ ניט לאַנג האָט געלעבט אַ זוכנדיקער גייסט מיטן נאָמען פּערעץ, — אָבער ניט אַלס אַ פאַקטאָר פון לעבעדיקער שאַפונג, וועלכע פליסט איצט.

אַפּילע דער נייער לעזער האָט באַקומען בירושע פונם פאָריקן לעזער־דאָר א טיפן דרערכערעץ צו פּערעצן און אַן אומקלאָרן באַוואוסטזיין, אז אָן פּערעצן דאַרף מען זיך ניט באַגיין, — אָבער אין דער זעלבער צייט פילט ער, אז אָן פּערעצן קאָן ער זיך באגיין... א דויערדיקער צויבער פון א קולטור־היסטאָרישער פּערזענלעכקייט, וועלכע איז באַם לעבן געווען דער וואַקלדיקער אומרו פון אַ פאַראנטוואָרטלעכער צייט און וועלכער האָט דעמדאָזיקן וואַקלדיקן אומרו פאַרקערפּערט אין א ריי ווערק, וואָס זיינען אָבער ניט אַזוי אָביעקטיווע קונסט־ווערטן, ווי צאַפּלדיקע אויסדריקן פונם אייגענעם, סובייעקטיוון וועזן.

ווייל פּערעץ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א מין שיידוועג פון אונזער ליטעראַטור.

מענדעלע האָט אין זיין שאַפונג אויסגעדריקט דעם אומרו פונם פּאַטריאַרכאַלן אידישן קלאַל ערעוו זיין צעפאַלן ווערן אונטער די קלעפּ פונם אָנקומענדיקן קאַפּיטאַליזם. שאָלעם־אַלייכעם — דאָס איז דער אויסדריק פון דער נאַיווער בעהאָלע פונם קליינבירגערלעכן אידישן האַמוין צוליב די מעשונעדיקע „ניסים״ און „פּאַטעפּאַלנאַסטן״ פונם קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט אַריינגעריסן אין דער אידישער סוויווע. פּערעץ — דאָס איז שוין די מאַניפעסטאַציע פון דער דיפערענצירטער אידישער בורזשואזער פּערזענ-

לעכקייט, וואָס, אָקערשט אויפגעקומען, געפינט זי זיך שוין אונטער דער אויפווירקונג פון צוגווינטן, וואָס בלאָזן פון פאַרשיידענע אזוי איבערגעפלאָכטענע עפּאָכן: פאַרצויגענער אידישער מיטלאַלטער, טריומפירנדיקער קאַפּיטאַליזם און אויפקומענדיקע אידישע אַרבעטער-באַוועגונג.

אַן אָנהויב פון אַ דיפערענצירטעד בורזשואזו-אינטעליגענטישער ליטעראַטור מיטן גאַנצן איבערפלעכט פון אירע פאָרמען, מיט דער גאַלעריי פון אירע געשטאַלטן, מיטן גאַנצן קנויל פון אירע אידעאָלאָגישע ווענדונגען, אָבער נאָר אַן אָנהויב אַפן שיידוועג פון דער אַלטער קולטור צו דער נייער.

אן אָנהויב פון אַלע מאָדערנע ליטעראַרישע זשאַנרען: לידער, דראַמאַטישע פּאָעמען, נאָוועלע, ראָמאַן, פּיעסן, — אָבער קיין איין זשאַנר ניט דערפירט ביז האַשלאָמע, אף ווערן אַ מוסטער פון קינסטלערישער שאַפונג.

אָנפאַנגען פון אַלע געשטאַלטן: קלייקוידעש, סויכער, אינטעליגענט, פאָלקס-מענטש, אַרבעטער, פרוי, — קימאַט קיין איין געשטאַלט ניט פאַרוואנדלט געוואָרן אין אַ סימבאָל, קיין טיפ ניט געוואָרן.

פיינפולע בלאָנדזשעניש איבערן לאבירינט פון פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס: האַסקאָלע, סאָציאַליזם, נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָניזם, מיטלאלטערלעכע פאָלקס-מיסטיק, — פון אַלע זיך אָפּגעשאָקלט און געבליבן א אינדיווידואַליסטישע באַלטשואווע, אָן א באַשטימטן פונקט, וואוהין זיך צושפּאַרן...

II

פערעצעס זוכענישן און בלאָנדזשענישן זיינען געווען אידעאָלאָגישע, און די פילארטיקייט פון זיינע ליטעראַרישע זשאַנרען איז געווען אַ באַווייז ניט אַף קינסטלערישע פאַרשיידנאַרטיקייט, נאָר אַף קינסטלערישע פאַרענדערלעכקייט, ניט-שטאַנדהאפטיקייט, וועלכע האָט אין לעצטן סאכאקל אויך געשטאַמט פון זיין אידעאָלאָגישער פאַרענדערלעכקייט.

ווייל פערעץ איז געווען ניט אַזוי א דיכטער, וואָס זיינע קינסטלערישע זעאונגען ווערן דורך דער קראַפט פון אינטואיציע דערהויבן צו דער מאַדריגע פון אידעאָלאָגישע פאַראַלגעמיינערונגען, נאָר אַ דענקענדע פערזענלעכקייט, וואָס שטרעבט צו דערווייזן אירע אידעאָלאָגישע טעזיסן דורך קינסטלערישע פאָרמולעס. אָבער געדענקט האָט פערעץ מיט נאַציאָנאַל-געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס. צווישן אונזערע קלאַסיקער איז ער געווען דער איינציקער, אין וועלכן עס האָט אזוי שטאַרק געלעבט אי דער באַוואוסטזיין, אי דער כוש פון אידיש-נאַציאָנאַלער געשיכטלעכקייט. ער איז געווען פול מיט יערושע פון דוירעס, ער האָט אין זיך, ווי א שוואם, איינגעזאַפּט די גאַנצע ספאָרים-כאָכמע און מינדלעכן מאַסן-פאָלקלאָר פון אונזער פאַרגאַנגענער נאַציאָנאַלער קולטור. פונם אויצער פון געשיכטלעכקייט האָט ער געשעפּט די בילדערישע אַרגומענטאַציע פון זיינע אידעאָלאָגישע טעזיסן, אין געשיכטלעכע אידעאָלאָגישע פאַראַלעלן פלעגט ער זוכן אַ קוואַל פאַר קינסטלערישער באַגייסטערונג.

אָבער ניט נאָר דעם כיין פון דער אידיש-נאַציאָנאַלער געשיכטלעכקייט

האָט פּערעץ געפּילט, נאָר אויך איר קאָשמאַר, ניט נאָר יראַסאַקאָוועד צו איר האָט אין אים געלעבט, נאָר אויך אַ אינערלעכער דראַנג און באַדערפֿעניש אין איר ווידערשפּעניקן. אַלס די ערשטע דיפּערענציִרטע בירגערלעכע פּערזענלעכקייט אין אונזער מאָדערנער קולטור האָט ער באַזונדערס שאַרף געפּילט און דערפילט די דעספּאָטישע באַגרעניצטקייט פון דער אידישער מיטלאַלטערלעכער געשיכטלעכקייט, און זיין שאַפונג איז פול מיט מאָמענטן פון אויפשטאַנד קעגן איר.

אָבער זיין אָרגאַנישער אויסגאַנגס-פונקט איז געווען געשיכטלעכקייט, געדענקט האָט ער מיט נאַציאָנאַל-געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס, געדיכטעט האָט ער מער מיט דער הילף פון נאַציאָנאַל-געשיכטלעכן ז י ק אָ ר ן איידער מיט דער הילף פון א י נ ט ו א י צ י ע.

דאָ ליגט דער סאָד פון אַ מערקווירדיקער דערשיינונג באַ פּערעצן, די דערקלערונג דערפון, וואָס באַ אים פאַלן ניט צוזאַמען די מאָמענטן פון אידעאַלאָגישן אויפשטייג מיט די מאָמענטן פון קינסטלערישער דערהויבנקייט. די אידעאָלאָגיש פּאָרגעשריטענע ווערק פּערעצעס זיינען קינסטלעריש שוואַך, און די ווערק פון זיין אידעאָלאָגישער יערידע זיינען דאַפקע קינסטלעריש מער וווערטפול.

אידעאָלאָגישער פּאַרשריט באַדייט — באַפרייאונג פון געשיכטלעכקייט, באַדייט אַן אָנהויב פון אַ נייער, קומענדיקער געשיכטלעכקייט. די לעבנס-דערשיינונגען, וועלכע ליגן אין יעסאָד פון אידעאָלאָגישן פּאַרשריט, זיינען נייע, פּריש אויפגעקומענע. פּאַר אַן אויג, וואָס איז צוגעוואוינט צו שפּאַצירגענג אין לאַבירינטן פון געשיכטע, זעען דידאָזיקע דערשיינונגען אויס נאַקעט און בלויז, אָנטאָן זיי די קינסטלערישע הויט און ביין וואָלט געקאָנט אַ דיכטער, וואָס שאַפט דעריקער מיט דער הילף פון א י נ ט ו א י צ י ע, — דעם נאַציאָנאַל-היסטאָרישן ז י ק אָ ר ן זאָגן נייע דערשיינונגען ווייניק אָדער טאָקע גאָרנישט.

דערפאַר זיינען אַזוי בלאַס באַ פּערעצן זיינע סאָציאַליסטישע דערציילונגען, זיינע אַרבעטער-נאָוועלן. די אַרבעטער-באַוועגונג איז פאַר אים נאַקעט, אָן נאַציאָנאַל-געשיכטלעכע אַקסעסוארן, דער אַרבעטער און זיין קלאַסנקאַמף האָט ניט קיין פּרעצעדענטן אין דער נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט, ער איז נאָך ניט באַוואַקסן געוואָרן מיט געשיכטלעכן פאָלקלאָר, מיט מאמאָרים פון כאַכאָמים און שפּריכווערטער און לעגענדעס פון פאָלקסקלוגשאַפט. אָף אויסדיכטן דעם אַרבעטער, דעם מאָדערנעם אינטעליגענט, דעם מאָדערנעם קאַמף צווישן קלאַסן און גרופּן איבערהויפּט, דאַרף פּערעץ שעפּן פון זיך, פון אייגענער אינטואיציע, — און דאָס איז אים שווער. ווייל דיכטן דיכטעט ער מיט זיין נאַציאָנאַל-היסטאָרישן זיקאָרן און דענקען דענקט ער מיט פאָלקסגעשיכטלעכע קאַטעגאָריעס.

אָבער וואָס ווייטער אָף צוריק ער גייט אידעאָלאָגיש, ווערט ער מער איינגעטונקען אין געשיכטלעכקייט, זיין זיקאָרן אָריענטירט אים דאָרט פּעסטער און זיכערער, ער געפינט די נויטיקע אַקסעסוארן, די געשטאַלטן באַקומען הויט און ביין, בלוט און פלייש, — און די ווערק גייען ארויס בוילעטער,

בלוטפולער, ארויסרופנדיק די אילוזיע פון דיכטערישע ניישאפונגען, בעאייס זיי זיינען קימאט מער ניט ווי קינסטלערישע רעסטאווראציעס פון אלטער שאַפונג, אונטער וועלכע דער דיכטער האָט נאָר אונטערגעפירט א נייעם, אן אייגענעם אידעאָלאָגישן באַזיס...

III

פערעצעס טיפקייט, זיין געהיימניספולע רעמאָזימדיקייט, דער נעפל פון זיין נאציאָנאַל-ראָמאנטישער סימבאָליק שטאמען פון זיין עצעם אלס „פּראָבלעמאטישע נאטור" אין אונזער מאָדערנער ליטעראטור.

אין מעשעך פונם גאנצן אידישן מיטלאלטער פלעגן אָפט דורכבליצן אזעלכע „פּראָבלעמאטישע נאטורן". דאָס זיינען געווען נייע גייסטער, פאר וועלכע עס זיינען ענג געוואָרן די שמאָלע ראמען פונם אידישן מיטלאלטער, וועלכע עס האָט שטארק געדריקט די אויסגאנגלאָזע באגרעניצטקייט פון דער קאָהאָלש-ראבאָנישער קולטור, און זיי האָבן געשטרעבט צו ברעכן אירע ראמען („פוירעץ געדער זיין"). אָבער אין די אָביעקטיווע באדינגונגען פון זייער צייט און סוויווע האָבן זיי ניט געהאט אף וואָס צו שטיצן זיך אין זייער אומקלאָרער גייסטיקער בענקשאפט. האָבן זיי אין זייער צווייפל, אין זייער לייקענען ניט געוואגט צו דערגיין ביזן סאָף ניט נאָר פאר דער אויסערלעכער סוויווע, נאָר אפילע פאר זיך אליין, — און האלבע ווערטער, סוידעספולע רעמאָזים, מעטושטעשע פריידענק-באגערן האָבן זיי גענוצט ניט בלויז צוליב קאָנספיראציע פאר אויסן, נאָר טאקע פאר זיך אליין אויך. עמעס, די שטרענגע און אָנגעשטרענגטע אויפמערקזאמקייט פונם מיטלאלטערלעכן אידישן קלאָל פלעגט דאָ דערשפירן אפיקאָרסישע געמיטער, ער פלעגט ווערן שטארק וואכזאם, — אָבער ענדיקן פלעגט זיך דאָס דערמיט, וואָס זיי אליין פלעגט מען סאָפקאָלסאָף קאָנאָניזירן, און זיי אליין פלעגן פארוואנדלט ווערן אין עלעמענטן פון מיטלאלטערלעכער קולטור, איבערלאָזנדיק נאָך זיך בלויז קוים באמערקבארע שפורן פון דעם אינערלעכן סאָציאלן און אידעאָלאָגישן קאמף, וועלכער האָט ביסלעכווייז געהאלטן אין אונטערגראָבן די יעסוידעס פונם מיטלאלטער.

אזעלכע „פּראָבלעמאטישע פיגורן" זיינען געווען, לעמאָשל, עבן-עזרע, ראלבאג אין פריען און שפעטערן אידישן מיטלאלטער און א גאנצע ריי אנדערע אין אנדערע לענדער און צייטן.

פערעץ פארענדיקט מיט זיך דידאָזיקע גאלעריי פיגורן און אין דערזעלבער צייט הויבט ער אָן מיט זיך א נייע גאלעריי.

ער איז די ערשטע קלאָר אויסגעשפּראָכענע בורזשואזע פערזענלעכקייט פון אונזער מאָדערנער קולטור אין דער צייט, יוען דער קאפיטאליזם האָט שוין אָנגעהויבן דרייסט ברעכן דאָס געביי אויך פונם מער שטאנדהאפטיקן אידישן מיטלאלטער. ער האָט געיארשנט אי דעם אָפשיי פאר דער קראפט פונם אידישן מיטלאלטער, אי דעם אינערלעכן קאָשמאר-געפיל צו אים. פון דער אנדערער זייט, האָט ער געזעען און באנומען, אז אפילע די האסקאָלע, אָט די

אידעאָלאָגיע פון דער ניי-אויפגעקומענער אידישער בורזשואזיע, וואָס אין אַלגעמיין נעמט זי אָן די יעסוידעס פון דער בורזשואזער קולטור, שטרעבט צו שאַנעווען די יעסוידעס פונם אידישן מיטלאַלטער. איז דען דער קאַמף פון דער האַסקאָלע ניט געפירט געוואָרן אין נאָמען פון טאַנאַך, פון טאַלמוד, פון די „בעסערע" פּאַסקים? זיינען דען די לאָזונגען פונם קאַמף ניט געווען רעליגיעזע „רעפאָרמען" א. ד. גל., דאַס הייסט, א קאַמף אין נאָמען און מיט דער שטיצע פון די יעסוידעס פונם אידישן מיטלאַלטער?

האָט זיך פאַר פּערעצן געשאַפן גאָר א נייע סיטואַציע. אַלס די אויסגעהאַלטענע בורזשואַזע פּערזענלעכקייט, איז ער געווען מיט זיין גאַנצן וועזן אויך קעגן דעם אידישן מיטלאַלטער. אָבער זיך שטיצן אַף די בורזשואַזע קויכעס אין דער אידישער געזעלשאַפט האָט ער ניט געקאָנט. „וואָס ווייטער צום מיזרעך פון אייראָפּע, דאָס שוואַכער, פּאַכדאָנישער, נידערטרעכטיקער ווערט אין פּאָליטישער הינזיכט די בורזשואזיע, און דאָס גרעסערע קולטורעלע, פּאָליטישע אויפגאַבן פאַלן אויס אַפן כיילעק פונם פּראָלעטאַריאַט", — זאָגט דער מאַניפעסט פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן אַף איר ערשטן צוזאַמענפאָר אין 1898-טן יאָר. אין א פיל גרעסערער מאָס באַציט זיך דאָס צו דער אידישער בורזשואַזיע ביכלאַל, און אין רוסלאַנד ביפּראַט. פאַר זיך — אַלערליי „פּראָוועס" און אומבאַגרעניצטע עקספּלואַטאַציע-פרייהייט, פאַר די מאַסן — אומבאַרירטער אַזיאַטישער מיזרעך-ריעשים פונם אידישן מיטלאַלטער, — דאָס איז געווען, דאָס איז די פּאָליטיק פון דער אידישער בורזשואַזיע אומעטום. און דער איינציקער צעשטערער פונם אידישן מיטלאַלטער איז נאָר דער אידישער פּראָלעטאַריאַט. און פּערעץ האָט זיך געווענדעט צו דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע איז דאַן אין געשטאַלט פון „בונד" אויפגעקומען מיט איר גאַנצן יוגנטלעכן ברען און באַגייסטערונג.

אָבער די צילן פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג זיינען געווען ניט פּערעצעס צילן, — די דערנענטערונג איז פאָרגעקומען בלויז אַפן באָדן פון ד ע ר ו ו י י ל געמיינזאַמע פּאָליטיש-קולטורעלע פּראָבלעמען. דאָס איז פון איין זייט. פון דער אַנדערער זייט, איז דער דורכגעזאַפּטקייט זיינער מיט אידישנאַציאָנאַלער געשיכטלעכקייט געווען דערווידער די אויסערלעכע היסטאָרישע באַקעטקייט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, איר אָפּגעריסנקייט פון קאַנאָניזירטע שאַפונגס-קוואַלן. און דאָס אַלץ אַפן פאָן פון טיפן אָפּשיי פונם דיכטער פאַרן אידישן מיטלאַלטער, פון זיין איינגעוואָרצלטער ליבע און טרייהייט צו דער גאַנצער אידישער נאַציע אפילע אין געשטאַלט פון דער מיטלאַלטערלעכער „קנעסעס יסראָעל"...

האָט זיך בא פּערעצן געשאַפן דער קאָמפּליצירטער איבערפלעכט פון ווידערשפּרעכיקע געדאַנקען, שטימונגען און באַגערן, וואָס זייער פלאָנטער האָט באַשטימט זיין אויסערלעכן רעמאַנטיזם-סטיל. ס'איז ניט קיין מיסטיק, — פּערעץ איז צו ראַציאָנאַליסטיש פאַר מיסטיק. ס'איז ניט קיין סימבאָליק, — פּערעץ איז צו ניכטער און בורזשואַז-יונג פאַר סימבאָליק, — ס'איז אַ מין פאַרשטעלטע

שפראַך, אַלעגאָריעס און מעשאָלים, וואָס דאַרפן אָפט אָן דעם וויסן פונם דיכטער גופע פאַרקאָנספּירירן זיינע עמעסע מיינען אי פאר אים אליין, אי פאר דער אַרבעטער-אוידיטאָריע, מיט וועלכער ער האָט זיך פאַרבונדן נאָך אין אָנהויב פון זיין שרייבערישן וועג...

און אידעאָלאָגיש האָט דאָס בא פערעצן געשאפן אַן אייגנאַרטיקע „לעגאַלע אַרבעטער-ליבשאפט", א מין אידיש-קינסטלערישער וואריאנט פונם „לעגאַלן מאַרקסיזם" אין דער רוסישער סוויווע, און אַ נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָניזם, וועלכער ווערט אין טאָך געשפייזט מער מיט נאַציאָנאַלע עמאציעס פון דער פאַרגאַנגענהייט, איידער מיט סאָציאַלע מאָטיוון פון דער געגנוואַרט, — פון דער צוקונפט שוין אָפגערעדט...

IV

פערעצעס דערשיינען איז געווען אַן איבעראַשונג אין דער אידישער ליטעראַטור, דעריקער פאר דער אידישער אַרבעטערשאַפט. ער האָט זיך גאַנץ גיך אָפגעזאָגט פון דער מאַסקיליש-העברעאישער פאַרשלעפעניש, מיט וועלכער ער האָט געהאַט אָנגעהויבן, און אין זיין שאַפונג האָבן זיך באַלד אַרויסגעוויזן די אַרבעטער-ליבשאַפט און דער נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָניזם, פון וועלכע מיר האָבן גערעדט.

אָבער דידאָזיקע צוויי גרונט-עלעמענטן אין זיין שאַפונג פון זיין ערשטן פעריאָד האָבן, ווי געזאָגט, געשטאַמט פון גאָר באזונדערע קוואַלן: פון האַס צום מיטלאלטער באַם גרויסן אָפשיי פאר אים און פון טיפער דורכגעדרונגענקייט מיט אידיש-נאַציאָנאלער געשיכטלעכקייט. דאָס האָט באַשטימט דעם באַזונדערן קינסטלערישן צוגאנג פערעצעס צו דער נאַטור פונם ארבעטער און צום טאָך פון דער ארבעטער-באוועגונג.

דער ארבעטער און זיין קאמף האָבן פאר אים אויסגעזעען צו נאקעט, היסטאָריש בלויז און ראָמאנטיש אָרים. באָנציע שווייג פארלאנגט ניט מער, ווי ברויט מיט פוטער. אין דער צוקונפט וועלן אלע האָבן איין פאָנים, און דעם אדלער וועט מען צווינגען עסן פון איין קאָרעטע מיט געגנז („האָפענונג און שרעק"). קיין ראכמאָנעס צו ליידן „ביכלאל", ניט צו קלאסן-ליידן, — וועט ניט זיין, ליבע וועט ניט זיין קיין מאָטיוו פאר רעכט אף איינצואָרדענען דאָס אייגענע לעבן לויטן „אייגענעם שניט" („אמאָל איז געווען א מיילעך"). דאָס זיינען אלץ מאָטיוון פון פארשיידענע פעריאָדן — אָבער זיי זיינען איינהייטלעך לויט זייער צוגאנג. פון אונטער דער „ארבעטער-ליבשאפט" איז, ווי ס'הערט זיך: „לאָמיר גיין זיך לערנען בא דער בורזשואזער קולטור מיט דער היסטאָריש-קאָמפליצירטער פערזענלעכקייט אירער".

און פערעץ האָט טאַקע אויס אַרבעטער-ליבשאַפט זיך געווענדעט צו דער היסטאָרישער קולטור פון דער אידישער נאַציע. ווי ער וואָלט זיך דערביי שטעלן צוויי אויפגאַבן: פון איין זייט, פאַנאַנדערשיפרירן דידאָזיקע קולטור פון טאַלמידיי-כאַכאָמים, אַראָפנעמען פון איר אירע העברעאישע שלעסער און זי

איבערדיכטן פאַר די „אַמאַראַצים", פאַר די פאָלקס-מאַסן. פון דער אַנדער זייט, פאַרשענערן די איצטיקע „נאַקעטע" באַגערן און שטרעבונגען פון די מאַסן, זיי פאַרבינדנדיק דורך אַ „גאָלדענער קייט" מיט די זאָל זיין מיסטישע, אָבער פרייהייטלעכע אויפבראַזן פון די מאַסן אין דער פאַרגאַנגענהייט.

פערעץ האָט ערפאָלגרייך אויסגעפילט ביידע אויפגאַבן, אָבער אין רעזולטאַט איז ער אַליין דאָ געפאַלן אַ קאָרבן.

פערעצעס ווערק האָבן ווירקלעך אַנטפּלעקט פאַר די מאסן פיל פון דער פאָלקשאַפונג, וועלכע איז דורך דער ראַבאָנישער קולטור פאַרפאַלמעסט געוואָרן און געלעגן אָן באַוועגונג אין העברעאישן מוזיי. ער האָט אַריינגעטראָגן נייע קולטור-מאַטיוון אין דער אידישער ליטעראַטור, וואָס, אומאָפּהענגיק פון זייער סאָציאַלן ווערט, רעגן זיי דעם געדאַנק און געפיל פון די אַרבעטער-מאַסן און באַוועגן זיי צו זעלבשטענדיקן באַזיגען און אָפּשאַצן זיי. דערמיט האָט ער פאַרלייכטערט די אויפגאַבע פון דער אַרבעטערשאַפט צו באַהערשן די פאָריקע נאַציאָנאַל-בורזשואַזע קולטור און מאַכן פון איר דעם געהעריקן אָפּקלייב: וואָס מע דאַרף ליקווידירן און וואָס מע דאַרף יאַרשענען, דאָס איבעראַנדערשנדיק.

פון דער אנדערער זייט, האָט ער מיטגעהאָלפן צו געפינען די פאַרבאָרגענע וועגן און שטעגן, וואָס פירן פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון דער אַרבעטערשאַפט צו די אומקלאָרע און אומבאַהאָלפענע פרייהייט-באַגערן, וואָס אין די באַדינגונגען פון קאָהאָלשן-ראַבאָנישן מיטלאלטער זיינען זיי פאַרקריפּלט געוואָרן אין מיסטישע אויפבראַזן פון פאַלש-משיחישע און כסידישע באַוועגונגען.

די דורכפירונג פון דערדאָזיקער צווייאייניקער אויפגאַבע האָט מיטגעהאָלפן דער קוואַליפיקאַציע פון דער אידישער מאַסן-קולטור, האָט פון איר אַראָפּגענומען דאָס ביטל-הייטל פון מאַסקיליש-ליבהאָבערישן פאלקלאָר און האָט באַפרוכפּערט דעם באָדן פון דער קולטור אין דער מוטערשפּראַך פון די מאַסן אין קאַמף קעגן העברעאיש פאַר אַליינהערשאַפט אַלס די נאַציאָנאַלע קולטור פונם אידישן פאָלק.

נאָר דאָס איז דער אָביעקטיווער היסטאָרישער רעזולטאַט פון פערעצעס ווערק אין די ערשטע פעריאָדן פון זיין שאַפן, ווען אין אים האָט נאָך געשפּילט די אַקטיווע „אַרבעטער-ליבשאַפט". אָבער ער אַליין איז דערביי ליקווידירט געוואָרן אלס דיכטער, וועלכער איז נאָענט צו די אַרבעטער-מאַסן. ווייל ניט בלויז די אַרבעטער-ליבשאַפט, נאָר דער נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָניזם פון זיין בורזשואַזער נאַטור האָט אים געצויגן צו דער „עקספּעדיציע" אין די געביטן פונם אידישן מיטלאלטער. זיך לאָזנדיק אַהין מיט צילן און קאַוואָנעס פון אַ בורזשואַזן אַרבעטער-פריינט, האָט ער ניט אויסגעהאלטן דעם פּאָנים על פּאָנים מיט די אידייען און געשטאַלטן פונם מיטלאלטערלעך-בורזשואַזן קלאַל-יסראָעל און איז צוריק גענומען געוואָרן דורך זיי אין געפענגעניש. ביפראַט, אַז די ארבעטער-שלאַכטן פון דער רעוואָלוציע אין 1905-טן יאָר או ערעוו דער רעוואָלוציע האָבן אים שטאַרק אָנגעשראָקן און פיל אָפּגעקילט זיי

אַרבעטער-ליבשאַפט, פאַרוואַנדלענדיק זי אין אַ רעשטל סענטימענטאַלער גוטמוטיקייט צום האַמוין. אנשטאָט זיך אומקערן פון זיין רייזע איבערן מיטל-אַלטער מיט פון מיסטיק אָפּגערייניקטע פרייהייט-באַגערן פון מאַסן האָט ער פון דאָרטן געבראַכט צוריק דעם אַלטן בורזשואַזן ביטל צום האַמוין און די פאַרגעטערונג פון דער איינצלנער פערזענלעכקייט: אַמאָל דער מאָשיאַך, דער טאַלמיד-כאָכעם, דער גאָען, — איצט דער צאַדיק, דער כסידישער רעבע. אנשטאָט נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָניזם פאַרפאַרבט מיט ארבעטער-ליבשאפט האָט ער זיך אומגעקערט צוריק מיט דער אידעאלאָגיע פון דער אלטער אידישקייט, פאַרפאַרבט מיט נאציאָנאל-דעמאָקראטיזם...

די געשיכטלעכקייט האָט גוויווער געוועזן די היינטצייטיקייט. דער מיטל-אלטער האָט צוריק געפונען זיין כיין אַף פארשטארקן די הערשאפט פון דער בורזשואזער קולטור. פון דער ארבעטער-ראָמאנטיק איז געוואָרן נאציאָנאל-ראָמאנטיק.

די אידישע ארבעטערשאפט האָט דאָס גלייך דערפילט און זיך פון פערעצן אָפּגעקערט, אָבער לאנג האָט זי נאָך געדענקט און געשעצט אין אים איר ליטערעריש-קולטורעלע יוגנט-ליבע, דאָס געדענקט זי און שעצט נאָך איצט אויך.

V.

וואָס ערן מיר אין פערעצן? וואָס באַדייט ער פאַר דער ליטעראַטור פון די אידישע מאַסן?

פערעץ איז פאַר אונז, ערשטנס, דער ערשטער אידישער שרייבער-שרייבער אין זין פון ליטעראַטור-פאַכמאַן. די פאָריקע שרייבער האָבן געשריבן, „ווי ס'האָט זיך געשריבן". אין זיי האָט ניט געלעבט דער געפיל אָדער באַוואוסטזיין, אַז ליטעראַטור נעמט זיך ניט בלויז פון „רואַך האַקוידעש", פון אינטואיציע, נאָר אַז זי איז אויך אַ פאַך, אַ מעלאָכע, אַ פראָפעסיע. דערביי זיינען זיי אַליין געוועזן אַ מין שטיק ס ט י כ י ע. מע קאָן זיך געפינען אונטער דער ו ו י ר ק ו נ ג פון אַ סטיכיע, מע קאָן זיך אָבער באַ איר ניט ל ע ר נ ע ן. קעדיי זיך לערנען באַ א סטיכיע דאַרף מען פריער זי קענען ב אַ ז י ג ן, פאַרשטיין, ווי זי צו באַ ה ע ר ש ן. שאָלעם-אַלייכעם, לעמאָשל, איז דער גרעסטער פון אונזערע קינסטלער-קלאַסיקער, אונטער זיין ו ו י ר ק ו נ ג האָט זיך געפונען די גאַנצע אידישע ליטעראַטור, אָבער זיך ל ע ר נ ע ן באַ אים איז געווען שווער. זיין ווירקונג פלעגט אין זין פון ליטעראַרישער טעכניק גיכער פאַרפירן, איידער לערנען. ווייל פון שאָלעם-אַלייכעמען האָט סטיכיש ג ע ש ט ר אָ מ ט, — ג ע ב ו י ט, ק אָ נ ס ט ר ו א י ר ט האָט ער קיינמאָל ניט. דערפאַר איז פאַר שאָלעם-אלייכעמען קיינמאָל אויך ניט געשטאַנען די פראָבלעם פון סטיל, פון טעכנישן געבוי פון זאַץ. ער האָט זיך געהאַלטן באם קלאל „יאַק בי ניע ריידעלע, אַבי דאָברי מיינעלע". פערעץ איז געווען דער

ערשטער שרייבער, וועלכער האָט דערפילט וואָרט-ליידן, די האַרבע פּראָבלעם פון סטיל. ניט אומזיסט האָט ער זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אנגעהויבן מיט קלאָגן זיך, אַז „אנדערש וואָלט זיין ליד געקלונגען, ווען ער זאָל זיין ליד פאַר גויאים זינגען, ניט פאַר אידן, ניט זשאַרגאָן". דאָ האָט געשמעקט ניט מיט ביטל צו דער פאָלק-שפּראַך, נאָר געבורט-ווייען פון אַ ליטעראַרישער טעכניק, וועלכע האָט ערשט געדאַרפט באַשאַפן ווערן.

און ס'איז אויך גאַנץ פאַרשטענדלעך. פּערעץ איז געווען אין דער ליטעראַטור די ערשטע מאָדערנע בורזשואַזע פּערזענלעכקייט, וועלכע איז אויפגעקומען אין דער אידישער געזעלשאַפט אדאַנק דעם קאַפּיטאַליזם. ביז דעמאָלט האָט זיך די אידישע שפּראַך גרופּירט אַרום דער שול, דער קיך און דעם מאַרק. דער קאַפּיטאַליזם האָט אומבאַגרעניצט פאַרברייטערט דעם שטאַך לעבן פון די אידישע קלאַסן און מאסן. עס זיינען אויפגעקומען אָן אַ שיר נייע דערשיינונגען, שטימונגען, באַגריפן, — און פּערעץ האָט זיי דער ערשטער געדאַרפט אויפברענגען אין דער ליטעראַטור אף אידיש. פּערעץ האָט ניט אַזוי געדיכטעט, ווי געדענקט, ניט אַזוי אויפגענומען, ווי באַזינט. פון אים האָט ניט געשטראָמט, ער האָט שוין באַוואוסטזיניק געבויט, — איז ער געוואָרן דער ערשטער, פאַר וועלכן עס האָבן זיך געשטעלט פּראָבלעמען פון שרייבערשער טעכניק, פון ליטעראַרישער פּראָפּעטיע.

עמעס, פּערעץ האָט דאָך קיין איינהייטלעכן סטיל ניט געשאַפן. זיין סטיל איז אַ פאַרענדערלעכער, ער האָט די גאַנצע צייט אין א געוויסן זין עקספּערימענטירט. ער איז אויך (באַזונדערס אין לעצטן פּעריאָד פון זיין שאפן) אָפט געגאַנגען לויט דער ליניע פון קלענערן ווידערשטאַנד, און אַנשטאָט צו שאַפן ווערטער און זאצן אָדער איבערדיכטן לעבעדיקע פאָלקס-אויסדריקן האָט ער זיך אַריינגעטאָן אין העבריאיש-טאַלמודישע פּסוקים. אויב שאָלעם-אליכעם איז אָפט פאַרפלייצט געוואָרן דורך דער „אמאראַצישער" פאָלק-סטיכיע, האָט זיך פּערעץ אונטערגעגעבן דער קראַפט פון די טאַלמיד-כאָכעמשע" קלישע.

אָבער דאָך איז פּערעץ דער גרינדער פונם מאָדערנעם סטיל אין דער אידישער ליטעראַטור, דער ערשטער, וואָס זיין שאַפן שטעלט די פראגן פון ליטעראטור-טעכניק, פונם זאַצן-בוי, פון שאַפן אַ נייע שפּראך פאַר נייע באַגריפן, די פראגע פון דער שרייבער-קונסט אַלס פאַך, אלס מעלאָכע. דידאָזיקע פראַגע האָט א קאָלאָסאלע באַדייטונג פאַרן פּראָלעטאַריאַט. שוין בלויז די שטעלונג פון דער פראַגע באַווייזט, אז שרייבן איז ניט קיין גאָט-זאַך, וואָס איז צוטריטלעך בלויז פאַר „אויסדערוויילטע" אָדער פאַר בורזשואַזע מעפּונאָקים—נאָר ס'איז אויך אַ פאַך, וואָס מע דאַרף, עמעס, שטודירן, אָבער מע קאָן אים דערגרייכן, דערווערבן, נאַטירלעך, באַם באַדינג פון טאַלענטירטקייט. און פּערעצן שעצן מיר אלס דעם ערשטן שרייבער, וואָס אין זיין שאַפונג טרעט דידאָזיקע פראַגע אַזוי בוילעט אַרויס.

דערפאַר איז טאַקע פּערעץ געווארן דער ערשטער סטיל-לערער אין דער אידישער ליטעראַטור. אונטער שאָלעם-אליכעמס ווירקונג האָט מען

זיך געפונען — אָבער געלערנט האָבן זיך אונזערע שרייבער באַ פּערעצן. שאָלעם-אלייכעם האָט די נייע ליטעראַטור באַגייסטערט, י. ל. פּערעץ האָט זי אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט, און דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס—

צווייטנס, איז פּערעץ געווען דער ערשטער און גרעסטער א י נ ט ע ל ע ק ט אין אונזער מאָדערנער ליטעראַטור.

אונזערע שרייבער זיינען געווען און מערסטנטייל זיינען זיי נאָך אַדהאיאָם אָדער סטיכישע פּאָלקס-מענטשן אדער קליינבירגערלעכע האַלב-אינטעליגענטן. אָדער זיי זיינען ניט געווען גייסטיק בעקויעך צו באַזינגען און דערהויבן צו דער מאדרייגע פון אידייען דאָס, וואָס אין זיי האָט גערעדט די סטיכיע, אָדער זיי האָבן אונז אונטערגעטראָגן האַלב-אינטעליגענטישע סוראָגאַטן פון אידייען און געדאַנקען. דערפאַר האָט אונזער ליטעראַטור, אַראָפּגערעכנט מענדעלע און שאָלעם-אַלייכעם, געשפּילט אַזא קליינע ראָלע אין אונזער געזעלשאַפטלעכער דערציאונג. פּערעץ איז דער ערשטער מ אָ ד ע ר נ ע ר א י נ ט ע ל ע ק ט אין אונזער ליטעראַטור. ער איז געווען דעריקער א א י ד י י ע ן-שרייבער. עמעס, ער האָט געבלאָנדזשעט און איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן. אָבער אין זיין בלאָנדזשען גופע האָט ער געשטעלט פּ ר אָ ב ל ע מ ע ן. זוכנדיק שטענדיק פ אָ ר ם, האָט ער צו איר ניט פאַרקנעכטעט דעם א י נ ה א ל ט, — און דאָס האָט מיטגעהאָלפן, אַז דער אידישער אַרבעטער-לעזער זאָל, זוכנדיק שטענדיק אין דער ליטעראַטור אַ באַשטימטן א י נ ה א ל ט, דאָך ניט גרינגשעצן די פ אָ ר ם אַלס אַזעלכע. שוין דער פאַקט פון דעם גרויסן אינטערעס, וואָס דער אידישער אַרבעטער-לעזער האָט געהאַט צו פּערעצן, באַ וועמען סאַי די פאָרם, סאַי דער אינהאלט זיינען גאַנץ קאָמפּליצירטע, באַווייזט די קראַפט פון פּערעצעס א י נ ט ע ל ע ק ט, פון זיין גייסט. מיר וואַרפן אָפּ פּערעצעס ק אָ נ ק ר ע ט ע א י ד י י ע ן, — מיר אנערקענען אָבער דעם גרויסן ווערט פון זיין ד ר אַ נ ג צ ו א י ד יי א י ש ק יי ט א י ן ק ו נ ס ט, מיר אַנערקענען, אז דערדאָזיקער דראַנג האָט באַפרוכפּערט און באַפרוכפּערט נאָך איצט די אידישע ליטעראַטור. א דראַנג צו אידייאישקייט עקזיסטירט איצט נאָר אין דער אידישער ליטעראטור אין ראַטנפאַרבאַנד. עמעס, דעמדאָזיקן דראַנג האָט אין איר אַרויסגערופן די אָקטיאַבר-רעוואָלוציע. אָבער אויך אין פּערעצן האָט דעם אידייאישן דראנג אַרויסגערופן דער רעוואָלוציאָנערער באַגינען פון דער אידישער אַרבעטער-באוועגונג, און דערפאַר איז פּערעץ אין דעם פּראט אונז נאָענט.

און שוין דערמיט אליין שעצן מיר אין פּערעצן די גרעסטע פּערזענלעכקייט אין אונזער מאָדערנער ליטעראַטור. ער איז געקומען אין דער ליטעראַטור מיט שלאַכטן און האָט אין איר געלעבט מיט שלאַכטן. ער האָט מיט זיך אליין דערוויזן, אַז די אידישע בורזשואַזיע איז שוין ניט בעקויעך גייסטיק צו שפּייזן מיט איר קולטור אירע גרעסטע פּערזענלעכקייטן, אַז קעדיי גייסטיק צו לעבן מוזן אַזוינע פּערזענלעכקייטן זיך ווענדן צו די קוואַלן פון האַמויִשער פאָלק-שאַפונג, וואָס איר איינציקער יוירעש, פאָרזעצער און באַנייער איז דער פּראָלעטאַריאַט. עמעס, פּערעץ האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם ניסאָיען

פון צוזאַמענשאַפן מיטן פּראָלעטאַריאַט און איז געוואָרן אַ בורזשואַזער באַל-טשואווע, — אָבער די טיפקייט פון זיין פערזענלעכקייט איז אים געלונגען צו פאַרהיטן נאָר אַדאַנק זיין יוגנטלעכער אַרבעטער-ליבשאַפט און דער פּראָלע-טאַרישער יוגנט-ליבע צו אים. פאַרזעצן זיין שאַפונג האָט ער געקאָנט נאָר אדאנק דעם, וואָס נאָר צו אים, צום איינציקן, האָט די אַרבעטערשאַפט פאַר-היט איר ליבע און דערעכערעץ אַפילע נאָך זיין אידעאָלאָגישער יערידע. ווייל שעצן פערזענלעכקייטן קאָן נאָר דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט.

ביפראַט נאָך, ווען דידאָזיקע פערזענלעכקייט איז פאַרקערפּערטער גייסט-אומרו. ווייל אומרו, הייליקער אומרו פון שטערן און בויען איז די גרונט-אייגנשאַפט פונם פּראָלעטאַריאַט, און באַפרוכפּערנדיקער שעפערישער אומרו — דאָס איז דער איקער-שטריך, וואָס מיר שעצן אין פּערעצן. זיין אומרו האָט אים, עמעס, פאַרפירט, אָבער ער ברויזט דאָך פון זיינע ווערק, ער רעגט, אינטריגירט און לערנט דעם נייעם אַרבעטער-שרייבער, אַז „אָביעקטיווע״ קונסט איז קונסט פון סאָריסים...

פּערעץ דער סטיל-לערער, דער אידייען-שרייבער, דער אינטעלעקט, די פערזענלעכקייט, דער פאַרקערפּערטער גייסט-אומרו, — אָט ווען מיר ערן שטענדיק, און וועמעס אָנדענק מיר פאַרצייכענען צו זיין צענטן יאָרצייט.

מאַרט 1925.

י. ל. פּערעץ.

(טעזיסן *)

1. פּערעץ איז אין אונזער ליטעראַטור געווען די גרעסטע מאַניפעסטאַ-ציע פון דער נייער בורזשואַזער פערזענלעכקייט אין דער אידישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן דיפערענצירן אונטערן דראַנג פונם קאַפּיטאַליזם.

מענדעלע האָט אויסגעדריקט דעם סאָציאַלן אומרו פונם קליינבירגער-לעך-פּאַטריאַרכאַלן אידישן קלאַל ערעוו דעם אָנקומענדיקן קאַפּיטאַליזם. שאָלעם-אַליכעם איז געווען דער אויסדריק פון דער נאַאיווער בעהאָלע פונם קליינבירגערלעכן אידישן האמוין איבער די „ניסים״ פונם קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט אַריינגעריסן אין דער אידישער טוויווע. פּערעץ איז געווען די מאַניפעסטאַציע פון דער נייער בורזשואַזער אידישער פערזענלעכקייט, וועלכע האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אונטער דעם אָנגריף פונם קאַפּיטאַליזם קעגן דעם פאַרצויגענעם אידישן מיטלאַלטער פון איין זייט, און אונטער דער ווירקונג פונם ערשטן יוגנטלעכן אויפברויז פונם קלאַסנקאַמף פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, פון דער אַנדערער זייט.

2. אין דעם ערשטן מאַניפעסט פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָ-קראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי ווערט געזאָגט: „וואָס ווייטער צום מיזרעך פון

*) געווען באַוויליקט דורך דער צענטראַלער אידישער ביוראָ באַם פאָלקאָמבילד פון ר. ס. פ. ס. ר.

אייראָפּע, אַלץ שוואַכער, פּאַכדאָנישער און נידערטרעכטיקער ווערט אין פּאָלי=
טישער הינזיכט די בורזשואַזיע, און דאָס גרעסערע קולטורעלע, פּאָליטישע
אויפגאַבן פאלן אויס אָפּן כיילעק פון פּראָלעטאַריאַט". נאָך אין אַ גרעסערער
מאָס באַציט זיך דאָס צו דער אידישער בורזשואַזיע, באַזונדערס אין רוסלאַנד.
די אידישע בורזשואַזיע איז אין קיינפאַל ניט געווען בעקויעך און פּאַרינטערע-
סירט צו ברעכן די אידישע מיטלאַלטערלעכע קולטור און שטייגער, וואָס האָבן
געהאלטן אין קנעכטשאַפט און אין פינסטערניש די אידישע פאָלקס=מאסן. דער
איינציקער רעוואָלוציאָנערער צעשטערער פונם פארצויגענעם אידישן מיטלאַל=
טער איז געווען דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, און דאָס האָט צו אים צוגע=
צויגן די סימפּאַטיעס פון די מער מאָדערנע און פּראָגרעסיווע בורזשואַזע פער-
זענלעכקייטן, שאפנדיק די שטימונגען פון „לעגאַלער אַרבעטער-ליבשאַפט" —
אַ מין אידיש=קינסטלערישן וואריאנט פונם „לעגאַלן מארקסיזם" אין דער רוסי-
שער סוויוועי. דער אויסדריקער פון דידאָזיקע שטימונגען אין דער ליטעראַטור
איז געווען פּערעץ אין ערשטן פּעריאָד פון זיין שאַפן, און דאָס האָט אים
דערנעענטערט צום „בונד" — דער אָרגאַניזאַציע פונם יוגנטלעכן ברען פונם
רעוואָלוציאָנערן אידישן פּראָלעטאַריאַט.

דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די „יאָנטעוו=בלעטלעך", וואָס י. ל.
פּערעץ האָט אַרויסגעגעבן צוזאמען מיט מאָרדכע ספּעקטאָרן נאָך פּאַר דער
אָרגאַניזירונג פון „בונד" און וואָס האָבן אין זייער צייט געדינט אַלס די
ערשטע לעגאַלע מאַטעריאלן פון אַנטירעליגיעזער און אַנטיבורזשואַזער אגיטא=
ציע און פּראָפּאגאנדע. שפּעטער אַביסל האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין זיינע
סאָציאַלע דערציילונגען און דערציילונגען פון מאסן-שטייגער, ווי „דאָס שטריימל",
„באָנציע שוויג", „אין קעלער-שטוב" און אנד., וואו עס ווערט צום ערשטן
מאָל אין אַ קינסטלערישער פאָרם געשילדערט דאָס שווערע לעבן פון די מאסן
און די קלאַסן=סטירעס צווישן דעם לוין-אַרבעטער און דעם קאַפּיטאַל, עס
ווערט אויפגעדעקט דער קלאסן-מעהוס פון דער רעליגיעזער אידישער איידע.

3. די אידישע בורזשואַזיע איז געקומען צו מאָדערנעם פּאָליטישן לעבן
שוין אַ צעפוילטע און היסטאָריש אויסגעשעפּטע. און פּערעץ האָט אין זיך גע-
טראָגן די נאַציאָנאַל-היסטאָרישע דערפארונג פון זיין קלאַס. געדענקט האָט ער
מיט די נאַציאָנאַל-געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס פון זיין קלאַס, געשאפן האָט ער
ניט אזוי מיט אינטואיציע, ווי מיט זיין נאציאָנאַל=היסטאָרישן קלאַסן-זיקאָרן.
ווייל פּערעץ איז מער פון אַלע אונזערע קלאַסיקער געווען פול מיט יערושע
פון דוירעס, ער האָט אין זיך איינגעזויגן די פאַרגאנגענע קולטור פון נאציאָ-
נאַלע ק ס אָ ו י ם און מ י נ ד ל ע כ ן קאבאליסטיש-כסידישן פאלקלאר. ער האָט
געפילט ניט בלויז אַ שטארקן האס צום אידישן מיטלאַלטער, נאָר אויך אַ גרויסן
אָפּשיי צו דער נאַציאָנאל-בורזשואזער ספאָרים-קולטור, וואָס ער האָט באשאפן.
אָט דער האס צום מיטלאלטער צוזאַמען מיטן גרויסן אָפּשיי פאר זיין ווערט
פּאַר דער נאציאָנאלער קולטור האָט באַ פּערעצן באשאפן אַ אידעאָלאָגיע פון
נאציאָנאל-רעוואָלוציאָניזם, וואָס אדאנק דער אויבן אָנגעוויזענער צעפוילטקייט
פון דער אידישער בורזשואזיע איז זי אין ערשטן פּעריאָד פון זיין שאפן פאר-

וואַנדלט געוואָרן אין דער אידעאָלאָגיע פון „לעגאַלער ארבעטער־ליבשאפט״.

4. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די נייע שיינקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער קלאַסן-באוועגונג פונם אידישן פראָלעטאריאט האָט פערעצן ניט באגייסטערט. דעם אידישן פויעל, אָט דעם „אונטערדריקטן צווישן אונטערדריקטסטע״, וואָס הויבט אָן צו קעמפן ניט בלויז קעגן דעם גוויריש-ראַבאָנישן קאהאָל און דער נייער אידישער בורזשואזיע, נאָר טרעט אַריין אין אַ העלדישן קאמף קעגן דעם מעכטיקן צאַרישן רעזשים; וועלכער הויבט אָן ניט בלויז צעטרייסלען די יעסוידעס פון דער אַלטער אידישער געזעלשאפט, נאָר אַלס יונגער מיטגליד פון דעם אינטערנאציאָנאַלן פראָלעטאריאט באַטייליקט ער זיך מוטיק און מיט מעסיראסנעפעש אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט-באפרייאונג, — אָט דעם פויעל האָט פערעץ ניט געזעען און ניט פארשטאנען. און אויב ער האָט נאָך געהאט אַ ראכמאָנעס-פארשטאנד צום שטום-לאָשן פונם נעבעכדיקן באָנציע שוויַיג, איז אים אינגאַנצן פרעמד געוועזן דער באפרייענד-קלינגענדיקער קלאסן-לאָשן פונם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער.

5. דערמיט איז צו דערקלערן, וואָס פערעצעס ווערק פון זיין אידעאָלאָגישן אויפשטייג זיינען קינסטלעריש שוואך, בעשאס די ווערק פון זיין שפעטערדיקער אידעאָלאָגישער יערידע זיינען קינסטלעריש ווערטפול. פארן נאַציאָנאַל-היסטאָרישן זיקאָרן פונם בורזשואזן קינסטלער איז די אקארשט אויפגעקומענע אַרבעטער-באוועגונג קינסטלעריש נאקעט און ראָמאַנטיש בלויז, ער געפינט אין איר ניט קיין היסטאָרישע אקסעסוארן, זי איז נאָך ניט באוואקסן מיט מאמאָרים פון כאכאמים און מיט שפריכווערטער און לעגענדעס פון פאלקסקלוגשאפט. זיינען פערעצעס אַרבעטער-נאוועלן און אַנדערע סאָציאַלע ווערק („באָנציע שוויַיג״, „דריי נייטערינס״, „דאָס שטריימל״, „מוסער״ און אנד.) קינסטלעריש שוואך, האגאם זיי האָבן אַ גרויסן ליטעראטור-היסטאָרישן ווערט און אָפטמאָל, בא געהעריקער אויסנוצונג, אַ געוויסע אַגיטאַציע-באדייטונג נאָך אדהאיאם. סאָציאַלע דערשלאָגנקייט פונם אַלטן ראַבאָניש-קאהאלשן שטייגער, וואו ער זעט מער איין די מאכט פונם מיטאלטער, געפינען בא פערעצן אַ גרעסערן און טיפערן קינסטלערישן אָפקלאַנג, איידער די עקספלואטאציע פונם מאָדערנעם קאפיטאליזם, און שוין גאָר מער ווי סאָציאַלע מונטערקייט פונם אויפגעשטאַנענעם פראָלעטאריער. דערפאר זיינען אזעלכע דערציילונגען, ווי: לעמאָשל, „דער מעשוגענער באטלען״, „דער מעשולאך״ און אנד. קינסטלעריש מער אויסגעהאלטן, איידער „באָנציע שוויַיג״, איידער „האָפענונג און שרעק״. ניט קינסטלעריש זיינען די שווינדלדיקע ארבעטער-פיגורן אין „באַנאַכט אַפן אלטן מארק״ און שוין גאָר קינסטלעריש דעגראדירט און דערצו קאָנטער-רעוואָלוציאָנער איז „אַמאָל איז געווען אַ מיילעך״ און אנד. די לעצטע זיינען שוין, אַגעוו, געשריבן געוואָרן אין דער צייט פון זיין יערידע.

דערפאר זיינען די ווערק פון זיין שפעטערדיקער אידעאָלאָגישער יערידע, ווען ער האָט זיך אריינגעלאָזט אין די צייטן פונם אידישן מיטלאלטער און כסידישן פאָלקלאָר, קינסטלעריש מער אויסגעהאלטן. דאָ האָט אים שוין אָריענ-

טירט זיין נאַציאָנאַל-היסטאָרישער קלאַסן-זיקאָרן, דאָ האָט ער געפונען אַלע נויטיקע אַקסעסואַרן פון דער אידיש-נאַציאָנאַלער געשיכטלעכקייט לויטן שניט פון בורזשואַזן ראָמאַנטיזם.

6. נאָר איין עלעמענט פון רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע איז בּאַ פּערעצן אין דעם פּעריאָד געווען שטאַרק אויסגעדריקט — דאָס איז דער אַנטי-קלעריקאַליזם. דערדאָזיקער עלעמענט טרעט אַרויס בּולעט סאַי אין די קינסטלעריש שטאַרקערע ווערק („מעשולאַך", „מעשוגענער באַטלען", „די פרומע קאַץ" און אַנד.), סאַי אין די קינסטלעריש שוואַכערע ווערק („דאָס שטריימל" און אַ.), שוין אָפּגערעדט פון זיינע פּובליציסטישע ווערק פון יענער צייט. די ווערק פון דער קאַטעגאָריע האָבן נאָך ביז איצט ניט פאַרלאָרן אַ געוויסן ווערט פון שטאַנדפּונקט פון אַנטיקלעריקאַלער פּראָפּאַגאַנדע.

7. די אייגנשאַפטן פון פּערעצעס שעפערישער נאַטור האָבן פאַר פּערעצן אין ערשטן פּעריאָד פון זיין דיכטערישער טעטיקייט געשטעלט צוויי אויפגאַבן: איבערדיכטן אַף אידיש פאַר די מאַסן די מער ווערטפולע אוצרעס פון דער פאַרגאַנגענער נאַציאָנאַלער קולטור, קעדיי זיי זאָלן ניט ווייטער בלייבן ליגן ווי געפּאַלמעסט אינם העברעאישן מוזיי, און קעדיי די מאַסן-קולטור, וועלכע ווערט איצטער געשאַפן, זאָל ניט בלייבן היסטאָריש „נאַקעט". דאָס איז פון איין זייט. פון דער אַנדערער זייט — באַהעפטן דורך רינגען פון היסטאָרישער טראַדיציע די איצטיקע היסטאָריש „נאַקעטע" אַרבעטער-באַוועגונג מיט די באַפרייאונגס-אויפברויזן פון די אידישע מאַסן, וואָס אין די באַדינגונגען פון דער מיטלאַלטערלעכער קאַהאַלש-ראַבאָנישער קולטור זיינען זיי פאַרקריפּלט געוואָרן אין פאַלש-משיכישע און כסידישע באַוועגונגען.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, וואָס פּערעצעס ווערק זיינען אַלץ מער אָנגעלאָדן געוואָרן מיט היסטאָריש-פאָלקלאָריסטישן שטאָף און וואָס ער האָט זיך סאָפּקאָלסאָף געווענדעט צו דער קינסטלערישער באַאַרבעטונג פון דער מיסטישער פאָלקס-ראָמאַנטיק. דערמיט האָט ער מיטגעהאָלפן דער קוואַליפיקאַציע פון דער אידישער מאַסן-קולטור, דערהויבנדיק זי איבער דער שטופע פון מאַס-קיליש-ליבהאָבערשן פאָלקלאָר, ער האָט מיטגעהאָלפן דער אידישער אַרבעטער-שאַפט צו באַהערשן די ווערטפולע אוצרעס פון דער פאָריקער בורזשואַזער קולטור און מאַכן אין איר דעם געהעריקן אָפּקלייב פאַר יאַרשענען און ליקווידירן. פון דער אַנדערער זייט, האָט ער אויך מיטגעהאָלפן אויסצוגעפינען די פאַרבאָרגענע וועגן און שטעגן, וואָס פירן פון דער איצטיקער אַרבעטער-באַוועגונג צו אירע געשיכטלעכע פאָרגייער אין דער פאָרם פון פאַרשיידענע מאַסן-באַוועגונגען, האַגאַם צוליב סיבעס פון אָרט און צייט שטאַרק פאַרקריפּלטע און פאַרבלאָנדזשעטע.

אין רעזולטאַט האָבן זיך באַקומען אין ווייטערדיקן פּעריאָד פון זיין שאַפן יענע ווערק, וואָס האָבן אַ גרויסן קינסטלערישן און קולטורעלן ווערט אין דער אידישער ליטעראַטור, ניט געקוקט דערויף, וואָס זייער אידעאָלאָגישע ליניע פירט באַרג אַראָפּ אין סאָציאַלן זין. דאָס זיינען די כסידישע דערציילונגען, „די גאָלדענע קייט" (באַזונדערס דער ערשטער אַקט), אין „פאָליש אַף

דער קייט״, וואו עס קלינגען נאָך גאַנץ אייגנאַרטיקע מאָטיוון, „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק״ (וואָס ניט געקוקט אַף אַלע וואַריאַנטן פון דער זאַך, גיט זי ניט קיין באַשטימטן אידעאָלאָגישן אויסגאַנג) און א. וו.

8. אָבער די צילן פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג זיינען געווען ניט פּערעצעס צילן, — די דערנעענטערונג איז פאָרגעקומען אַפן באָדן פון צייטווייליק געמיינזאַמע פּאָליטיש-קולטורעלע אויפגאַבן. איז וואָס מער עס האָט זיך אַנטוויקלט די אַרבעטער-באַוועגונג אין אַלרוסלענדישן מאַסשטאַב, וואָס שאַרפער עס איז אַרויסגעטראָטן איר ריינער קלאַסן-כאַראַקטער, איז, ניט געקוקט דערויף, וואָס די אידישע אַרבעטער-באַוועגונג איז שוין דאַן פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אַף קליינבירגערלעך-נאַציאָנאַליסטישע וועגן, אין פּערעצן אַלץ מער אָפּגעקילט געוואָרן זיין אַרבעטער-ליבשאַפט און אַלץ וואַקער איז אין אים געוואָרן זיין בורזשואַזע נאַטור. און ווען עס זיינען אונטערגעקומען די גראַנדיעזע אַרבעטער-שלאַכטן פון דער רעוואָלוציע פון 1905, האָבן זיי צוזאַמען מיט דער גאַנצער בורזשואַזער אינטעליגענץ שטאַרק אָפּגעשראָקן אויך פּערעצן. באַ אזעלכע באַדינגונגען איז די „עקסקורסיע״ פּערעצעס אין אידישן מיטלאַלטער און אין דער אידישער מיסטיק געוואָרן פאַטאַל פאַר זיין פּראָגרעסיווער אידעאָלאָגיע פון אַ בורזשואַזן „אַרבעטער-פריינט״. אַריינטוענדיק זיך אין אידישן מיטלאַלטער, האָט ער דאָרט באַלד זיך געפונען פּאָנים על פּאָנים מיט דער נאַציאָנאַל-בורזשואַזער געשיכטלעכקייט, צו וועלכער ער האָט געהאַט אַזאַ נאַטירלעכן כוש, און ער איז צוריק גענומען געוואָרן אין געפּענגעניש דורך די געשטאַלטן און סימבאָלן פון דער אַלטער שול-אידישקייט. די אַרבעטער-ליבשאַפט האָט זיך באַ אים אינגאַנצן אויסגעוועפט, און דער נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָניזם איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ריינעם נאַציאָנאַל-ראָמאַנטיזם מיט אַן אויסגעשפּראָכענער נייגונג אַפילע צו קלעריקאַליזם. דער אַמאָליקער אַפּיקורעס, דער אידישער וואָלטעריאַנער איז אין זיין טשוואַווע דערגאַנגען צוריק ביז דער שול-אידישקייט. נאָך פריער האָט ער ניט געקאָנט באַגעמען די קראַפט פון די מאַסן, איצט האָט ער גאַנץ בוילעט אָנגעהויבן אויסדריקן דעם אַלטן ביטל צום האַמוין און אידעאַליזירן אַפן אַלטן שטייגער די העלדישע פּערזענלעכקייט. אַמאָל „איז די וועלט געשטאַנען״ אַפן „צאַדיק האַדאָר״, אַפן גאָען, מע האָט געוואַרט אַף אויסלייזונג דורכן גרויסן יאָכיד דעם מאָשיאַך, איצט דיכטעט פּערעץ וועגן דער באַפרייאונגס-קראַפט פונם כסידישן רעבע, פונם „גוטן אידן״. און דעמזעלבן גייסט פון טשוואַווע צו אידישקייט דריקט ער אַמבוילעטסטן אויס אין זיין פּובליציסטיק.

9) דערדאָזיקער איבערפלעכט פון שטימונגען און אידעאָלאָגיעס האָבן גוירעם געווען צו פּערעצעס באַזונדערן סטיל. ס'איז ניט קיין מיסטיק, — פּערעץ איז צו ראַציאָנאַליסטיש פאַר מיסטיק. ס'איז ניט קיין סימבאָליזם, — פּערעץ איז צו ניכטער און בורזשואַז-פּאָזיטיוויסטיש פאַר סימבאָליק. ס'איז אַ מין פאַרשטעלטע שפּראַך, בעקיוונדיקע רעמאָזים, וואָס דאַרפן אָפּט אָן דעם וויסן פונם מעכאַבער גופע פאַרקאָנספּירירן די מיינען פונם מעכאַבער אי פאַר אים אַליין,

לעכן” אין דער דיפערענצירטער אידישער געזעלשאפט, אין אַ באשטימטן קלאס.

נאָר דאָ זעען מיר א זייער אינטערעסאנטע דערשיינונג.

באַ אונזערע אַלטע שרייבער, באַ די קלאסיקער, איז דאָס אויסגעדענקטע שטארקער און טיפער, ווי דאָס אויסגעכאָלעמטע, זיי האבן געשוועבט איבער זייערע אויסגעדענקטע פיגורן, זיי האָבן זיי ראציאָנאליסטיש באַהערשט מער, ווי קינסטלעריש טויפעס געוועזן. דעריבער זיינען די פערסאָנאַזשן אין זייערע ווערק שטענדיק ריידעוודיקע. זיי זיינען ריידעוודיקע, פארשטייט זיך, דערפאַר, וואָס דאָס איז די טעווע פון פרימיטיווע און ניט דיפערענצירטע יעכידים, וועלכע זיינען מער עקספאנסיוו, איידער פארטיפט אין זיך. אָבער גאנץ אָפט זיינען זיי ריידוועדיק אויך דערפאר, ווייל די שרייבער פלעגן מוזן באריידן די נעשאָמע-באוועגונגען, וועלכע זיי זיינען ניט שטענדיק מעסוגל געווען איבערצוגעבן מיט קינסטלערישע רעמאָזים. זיינען אָפט די אויסגעדענקטע רייד פון די פערסאָנאזשן העכער און אינטערעסאנטער פון זייער אויסגעכאָלעמטן מעהוס.

ניט אזוי איז באַ די נייע, דעריקער באַ בערגעלסאָנען. דאָ איז דאָס אויסגעכאָלעמטע שטארקער און טיפער פונם אויסגעדענקטן. די קינסטלערישע אינטואיציע נעמט אויף — דער דענקענדיקער מויעך איז ניט שטענדיק טויפעס. גיבן זיי דעריקער נעשאָמע-באוועגונגען. זייערע פערסאָנאזשן זיינען שוין שווייגנדיקע, — זיי שווייגן, פארשטייט זיך, לויט זייער פארבאָרגענעם עצעם, אָבער גאנץ אָפט דערפאר, ווייל דער קינסטלער ווייסט פּאָשעט ניט, ווי וואָלטן זיי איבערגעזעצט זייערע נעשאָמע-צאַפּלען אַף א שפראך פון לעבעדיקע באָסאָר-וואָדאָמס.

דערפאר גיט אונז בערגעלסאָן נאָר שטומע פיגורן. זיי גייען אַרום אויסגעכאָלעמטע און פארכאָלעמטע — אָבער שווייגנדיקע. און ריידן זיי יאָ אַמאָל, זיינען זייערע רייד נידעריקער פון זייער פארבאָרגענעם פסיכאָלאָגישן מעהוס. ווייל בערגעלסאָן באהערשט זיינע פערסאָנאזשן קינסטלעריש — ער באַהערשט זיי קימאט ניט אינטעלעקטועל...

אָבער דאָס איז ניט קיין אינדיווידועלער כיסאָרן פון דעם אָדער יענעם שרייבער, — ס'איז אַ כיסאָרן פון אַ באשטימטער טקופע אין אונזער יונגער ליטעראטור, ס'איז א באזונדער פּראָבלעם, וועלכע פאָדערט אַ באזונדערע באַהאנדלונג.

איז אין „ארום וואקזאל” און „נאָך אלעמען” בערגעלסאָנען געלונגען פארמאסקירן אָט דעם צייט-כיסאָרן. ער פארמאָגט גענוג קונסט-מאכשירים, קעדיי אַפן ריינעם נעשאָמע-לאָשן אונז אנטפלעקן דעם גאנצן מעהוס פון דער אָדער יענער פיגור, און ער האָט אונז אין יענע ווערק טאַקע געגעבן א גאנצע ריי איינצלנע טיפּן פון דיפערענצירטע יעכידים, וואָס וועלן פאַרבלייבן אין דער קונסט-גאַלעריי פון דער אידישער ליטעראַטור. ווייל מען, — און מע דאַרף, — קאָן מען אַף זייער סמאַך אויספאָרשן דעם צושטאַנד פון א אידישן קלאַל פון אַ באַשטימטן קלאסן-שטאַנדפונקט, איז ניט דאס דער איקער, — האָבן זיי אַ זעלבשטענ-

דיקן ווערט אַלס אידישע און אָפט אַפילע אוניווערסאַלע סימבאָלן פון דער מאָדערנער ליטעראַטור.

אָבער דער דערפאַרונגס-קרייז פון אַ אידישן שרייבער איז נאָך אַדהאַיאָם זייער אַ באַגרעניצטער. ער האָט נאָך אַדהאַיאָם ניט אינגאַנצן גויווער געווען די דאַלעדאַמעס פונם אידישן שטעטל. ער באַנעמט שוין די פראָצעסן, וועלכע פירן פון אָט דעם קרייז אַרויס, אָבער די נייע טוויווע מיט אירע קויכעס, סאָציאַלע און אינדיווידועלע, זיינען נאָך פאַרנעפלט פאַר זיין קינסטלערישן אויג. ווייל עס איז שווער צו שאַפן אַ יעש-מעאַין (עפעס פון גאָרניט) — און די אויסערשטעטלדיקע אידישע וועלט געפינט זיך נאָך אויסער דעם טכום פון דער אידישער דיכטונג-קונסט.

בערגעלסאָן האָט אין אונזער ליטעראַטור קאַנאָניזירט די נייע טיפן, וועלכע האַלטן באַ גויווער זיין דאָס שטעטל, נאָך פאַרבלייבנדיק אין זיינע דאַלעדאַמעס. די קליינשטעטלדיקע האָבן אונטער זיין קינסטלערישער פען באַקומען אַ אוניווערסאַלע געשטאַלט און באַדייטונג. ביינעש רובינשטיין, וואָווע בורנעס און גדאליע הורוויץ זיינען עפשער נאָך קאַסרילעווקער, זיי זיינען שוין אָבער אידיש-מענטשלעכע פיגורן פון אַ באשטימטן קלאַס, וועלכע פירן פון קאַסרילעווקע, — דאָס זיינען מאָדערנע אידישע בורזשואַ. אין געשטאַלט פון מירעלען האָט ער אין אַ טיפער קינסטלערישער פאָרם פאַרקערפערט דאָס גויווער זיין די קליינשטעטלדיקע וועלט אָן דער מעגלעכקייט זיך איינוואָרצלען אין אַ העכערער סוויווע. מירעלע האָט געדינט אַלע קליינשטעטלדיקע אַוואַנטועראָעס, זי האָט אויסגעפּרוּווט אַלץ, וואָס דאָס שטעטל קען געבן, און איז געבליבן אומבאַפרידיקט, עלנט און באָדנלאָז. און בערגעלסאָן האָט געפילט דעם דרינגענדיקן מוז פון אַ גרויסן אידישן שרייבער צו פאַרברייטערן דעם סאָציאַלקולטורעלן און אינדיווידועל-פסיכאָלאָגישן שעטאַך פון דער אידישער ליטעראַטור, אָבער דערדאָזיקער געפיל האָט אים געפירט ניט אַראָפּ לויטן סאָציאַלן לייטער, נאָר אַרויף...

נאָך אין זיינע פריערדיקע ווערק מאַכט בערגעלסאָן פרואוון אין דערדאָזיקער ריכטונג, — נאָר דאָ הויבט זיך באַ אים אָן דאָס אויסגעדענקטע, וועלכע איז באַ אים שטענדיק אָן אַן ערעך שוואַכער פון דעם אויסגעכאָלעמטן. ער פילט און ווייסט, אַז ס'זיינען פאַראַן אידישע פיגורן, וואָס האָבן שוין גויווער געווען די קליינשטעטל-קולטור און לעבן שוין אין גאָר אַנדערע אוילאָמעס, — אָבער ער קאָן זיי קינסטלעריש ניט באַנעמען. איז אָדער ער לייקנט זיי אָפּ, באַציט זיך צו זיי קליינשטעטלדיק נעגאַטיוו — אָדער ער טראַכט זיי אויס און שרייבט זיי צו עפעס אַ מין „אויסלאַנד", צו אַ מין סוידעסדיקן „כוץ-לאָאָרעץ", וואָס דאָרטן קומט פאָר אַלץ, וואָס איז מעשונע און ניט גאָר באַגרייפלעך. דאָס זיינען די שוואַכסטע בלעטלעך אין זיינע ווערק (לעמאָשל, דער שרייבער הערץ אין „נאָך אַלעמען").

דער ראָמאַן „פאַרטונקלטע צייטן" איז אַן ערנסטער פרואוו

צו קאַנאָניזירן נייע טיפּן און סוויוועס אין דער אידישער ליטעראַטור. פון ביינעש רובינשטיין, וואָווע בורנעס און גדאַליע הורוויץ, אָרגאַנישע טיפּן פונם קליינעם שטעטל, פיגורן פונם אידישן מיטלשטאַנד, צו אַווראָם ראַפּאָפּאָרט, אַ פאָרשטייער פונם גרויסשטאָטישן אידישן קאַפּיטאַליזם, פון דער באַלעבאָטיש אָפּגעלעבטער מירעלע צום באָהעמע-מיידל נעסי ראַפּאָפּאָרט. פריער האָט ער עמאַנסיפּירט אונזער באַלאַבאַטישן גראַד פון זיין אַלט-אידישלעכן אויסזעען, — איצט פּרואווט ער זיך קאַנאָניזירן אין אונזער ליטעראַטור דעם אויפגעקומענעם גרויסשטאָטישן אידישן קאַפּיטאַליזם. צוזאַמען מיט דער גרויסער שטאָט האט זיך באַ אונז באַוויזן אויך די אידישע באָהעמע אין אירע פאַרשיידענע גייסט-ניואַנסן. איז אין „פאַרטונקלטע צייטן" פּרואווט זיך בערגעלסאָן אונז ווייזן אי טיפּן פון דער אידישער גרויסשטעטישער פּלוטאָקראַטיע, אי טיפּן פון דער אידישער באָהעמע.

צי האָט זיך אים אָט דער פּרואוו איינגעגעבן?

אין זאַמלבוך „אייגנס" גייט אריין נאָר דער ערשטער טייל פונם ראָמאַן. מע מוז אָבער זאָגן, אַז דער טייל איז אָרגאַניש נאָך אויך קיין טייל ניט. אין די אָפּגעדרוקטע קאַפּיטלעך איז נאָך שווער צו געפינען אַ פאַרענדיקטע קינסטלערישע אָפּהאַנדלונג. ס'איז עפּעס אַ מעכאַניש אָפּגעשניטענער שטיק פון אַ זאַך, אָבער ניט קיין קינסטלעריש פאַרענדיקט ווערק. דעריבער איז איצט נאָך זייער שווער צו אורטיילן וועגן דעם ווערק אין אַלגעמיין, אָבער אַף וויפל דער „טייל" איז שוין פאַר אונזערע אויגן, באַפרידיקט ער אונז זייער ווייניק.

אין צענטר פון דער קינסטלערישער קאַוואַנע שטייט דער אידישער קאַפּיטאַליסט, אַווראָם ראַפּאָפּאָרט. דער קינסטלער שטרענגט אָן אַלע מיטלען, קעדיי פון אים זאָל ארויסקומען אַ נייע אידישע פיגור. אָבער נאָך אַלע מויעך-מאַטערנישן און טעכנישע מיטלען פונם שרייבער געפינען מיר דאָך ניט אין דער פיגור פון אַווראָם ראַפּאָפּאָרט קיין שטריך פון אַ נייעם סאָציאַלן טיפּ. ס'איז אייגנטלעך אַ מער מאַזלדיקער גדאַליע הורוויץ, וועלכער האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין קיעוו. דער קינסטלער האָט ניט געכאַפּט דאָס אומפּערזענלעכע, דאָס גרויסשטאַטישע, אינם אידישן קאַפּיטאַליסט. אַלע טנועס, האַוואַיעס און מידעס פון אַווראָם ראַפּאָפּאָרט זיינען נאָך טראַדיציאָנעלע, אידישלעך-גווירישע, זיין אַנטוראַזש, די אַקסעסואַרן פון זיין אַלטעגלעכן אומגאַנג, אַפילע קליינלעכע פּראָטים, שטרייכן אונטער, אַז אַווראָם ראַפּאָפּאָרט איז נאָך פּאַטריאַרכאַליש-קליינשטעטלדיק.

„עטל ראַפּאָפּאָרט איז שוין געלעגן אויסגעטאָן, און אַנטקעגן אפן צווייטן בעט איז געזעסן אַווראָם און האָט אויסגעטאָן די שיך. ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט, די אויסגעטאָנענע שיך, זיך פאַרטראַכט און, ניט קוקנדיק אַף דער פרוי, אַ שמייכל געטאָן:

— סאַרעלען, — האָט ער שעמעוודיק אַ זאָג געטאָן, — האָט מען פאַרגעבן אַ שידעך.

— סאַרעלען?"

אָט, לעמאָשל, די קלייניגקע סצענע מיטן אַוועקשטעלן די שיך אָן אַ זייט,

מיטן אַלטמאָדישן געשפּרעך,—דאָס איז אינגאַנצן צוגעפּאַסט פאַר גדאַליע הור-וויצן. וועגן יושקעוויטשעס „קעניג", לעמאָשל, קאָן מען זיך אפילע אַזוינע מאָ-מענטן ניט פאָרשטעלן. עמעס, יושקעוויטשעס „קעניג" איז ניט געגוג קינסט-לעריש און אינגאַנצן ניט אידיש, אָבער דאָס איז דאָך געווען בערגעלסאָנס אויפגאַבע געבן אַ קינסטלערישן טיפּ פון אַ אידישן געלט-מיילעך פונם מאָ-דערנעם גרויסשטאָטיש-קאַפּיטאַליסטישן שניט. אָט די אויפגאַבע האָט בערגעל-סאָן ניט געלייזט, און האַלט אונז אין זיין נייעם ראָמאַן אין דער קליינשטעטל-דיקער אַטמאָספער.

אַלע אַנדערע פיגורן: נאָסן ווידערפּאָליער, יוסעף שאַר זיינען די אַלטע, אויס-גענוצטע קליינשטעטלשע פיגורן. און דאָס איז נאָך אַ כיסאָרן פון בערגעלסאָנען און זיינע צייט-כאַווייריםם, וואָס זיי זיינען ניט אינגאַנצן מעסוגל אַריינצודרינגען אין דעם באַפרייטן טאָך פון דער אידישער באַהעמע. דערפון נעמט זיך די שוואַכקייט פון די ליבע-שילדערונגען, פון די עראָטישע מאָמענטן אין זייער דיכטונג. בא בערגעלסאָנען פאַרנעמט נאָך אַלץ דער שאַדכן דאָס אָרט פונם ליבע-גאָט, און דער שידעך שפּילט באַ אים אַ צו גרויסע ראָלע. אפילע „נאָך אַלעמען" הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „גאַנצע פיר יאָר האָט זיך צווישן זיי געצויגן דער היימישער קליינשטעטלדיקער שידעך", און די „פּאַרטונקלטע צייטן" זיינען אינגאַנצן איינגעטונקען אין שידוכים, מיידלעך, ווי מ׳ינע מאַריי-נעס, ווי סאַרעלע לעווין, מיידלעך, וואָס האָבן זיך געלערנט אין אויסלאַנד, וואָס האָבן געלעבט שוין אין גאָר אַ נייער וועלט, באַפרייטע און מאָדערנע, מיט הייסע טעמפּעראַמענטן און אַ נייער אידעאָלאָגיע, האַלטן אין איין שטיין אין שידוכים. ווייל אפילע בערגעלסאָן האָט נאָך, באַזונדערס אין „די פּאַר-טונקלטע צייטן", ניט גרויוער געווען דעם גייסט פון דער קליינשטעטלדיקער, קליינבירגערלעכער וועלט. אין דעם פּראַט איז דער נייער ראָמאַן אפילע אַ שריט צוריק.

אַזוי אויך זיינען נאָך אים ניט געלונגען פיגורן פון דער אידישער קינסט-לערישער און געזעלשאַפטלעכער באַהעמע. די קינסטלערישע באַהעמע (דער מאָלער ווייגטרויב, נעטי ראַפּאָפּאָרט) איז צופיל אויסגעטראַכט — און אויסגע-טראַכט אביסל אין אַ מאַסקילישער מאַניר. די געזעלשאַפטלעכע באַהעמע איז שוין מער קינסטלעריש מאַמאַשעסדיק. אָבער עפּשער דערפאַר, ווייל אין עצעם זיי-נען זיי קליינשטעטלדיק-מאַסקילישע פיגורן. און בערגעלסאָן פּראָוווט זיך מיט ריין אויסערלעכע מיטלען אַרויסרופן דעם איינדריק, אַז דאָס זיינען מאָדערנע פיגורן מיט אַ מאָדערנעם לעבנשטייגער.

„ — ניין, זאָל אים נעטי מויכל זיין, — אַ גרויסער מענטש, האָט ער אַ קלאַל, איז אַ סובסטאַנץ.

— אַ סובסטאַנץ?"

אָט דער מאָמענט פון קלומערשט מאָדערנעם וויקואַך, מיטן אונטערגע-שטראָכענעם וואָרט „סובסטאַנץ" ניט צו דער זאַך, מאַכט אַן איינדריק פון אַ מין מעשונעדיקן אַלטמאָדישן „בלעז" (בעלאַאו")...

אַזוי אַרום בילדעט ניט דער נייער ראָמאַן פון ד. בערגעלסאָן קיין ווי-

טערדיקע שטופּע אין זיין קינסטלערישער אנטוויקלונג. דאָס, וואָס ס׳איז אין אים דיכטעריש אויסגעהאלטן, איז שוין פּאַר בערגעלסאָנען ניט ניי; דאָס, וואָס בערגעלסאָן פּרואווט זיך געבן נייס, — איז קינסטלעריש ניט אויסגעהאלטן. דאָס „אייגנס” ליגט דאָ אין דער אידעאָלאָגישער אָנשטרענגונג, אין דעם באַוואוסטזיניקן שטרעבן ארויסצופירן די יונגע אידישע דיכטונג פון איר ענגן טכום, פון אירע קליינשטעטלדיקע דאלעדאמעס. עמעס, די אָנשטרענגונג גייט ניט אין דער ריכטונג פונם סאָציאלן אראָפּ, נאָר צום סאָציאלן אַרויף, — נאָר מיילע. צוזאמען מיטן שטרעבן פונם אידישן האמוין, מיט דער ארבעטערשאפט בעראָש, וועלכער האָט די אידישע ליטעראטור צום לעבן אַרויסגערופן, זיך איינשליסן אין אידישן קולטור-קלאל, גייט ביסלעכווייז אַן אַנדער פּראָצעס, — דאָס שטרעבן פון דער אידישער ליטעראטור איינצושליסן דעם גאנצן אידישן קלאל אפילע זיינע העכסטע שיכטן און איר דיכטונג-קרייז. אויב דער ליטעראטור און איר איצטיקן בעסטן פאָרשטייער, בערגעלסאָנען, געלינגט עס נאָך ניט, איז עס ניט זייער סוביעקטיווע שולד, שולדיק דערין איז דאָס, וואָס זייער אָביעקטיווער דערפארונגס-קרייז איז אַ קליינשטעטלדיק-קליינבירגערלעכער, און וואָס אנבאלאנגט די העכערע שיכטן פונם אידישן פאָלק, זיינען זיי אָביעקטיוו אזוי דערווייטערט פונם סוביעקטיוון דערפארונגס-קרייז פון די אידישע דיכטער, אז ניט שטענדיק זיינען די לעצטע בעקויאך זיי קינסטלעריש באנעמען.

אלנפאלס איז דער ראָמאַן „פּארטונקלטע צייטן” אַ גאנץ ערנסטער סימפּטאָם: די אידישע ליטעראטור וויל שוין קוילעל זיין דאָס גאנצע אידישע פאלק אין איר קונסט-גאלעריי, אין די טראדיציאָנעלע ראמען פונם האמוין ווערט איר ענג...

II

ניסטער

דער ניסטער איז איינער פון די טיפסטע דערשיינונגען אין אונזער נייער ליטעראַטור. געקומען איז ער פון די טיפענישן פון דער פאָלקס-כסידעס, און זיין ליטעראַריש-קינסטלערישע יעניקע ציט ער אויך פון פּערעצן. זיין קינסטלערישע אָפּשטאַמונג ליגט פאַרבאָרגן אין די אמאָליקע ווייטן פון רעב נאַכמאן בראצלאווער, צו דער דיכטערישער באזינונג פון זיינע סימבאָלישע זעאונגען גייט ער דורך פּערעצן, און מיט אומגעוויינלעכער מיזאַמקייט אַרבעט ער איבער דעם באשייד פון דער רעטעניש פון זיין אייגענער שאַפונג...

פּערעץ האָט געוואָלט דורך דער גאַנצער אָנשטרענגונג פון זיין קינסטלערישן ראציאנאליזם ארייננדרינגען אינם טאָך פונם כסידישן ראָמאַנטיזם. ער האָט געוואָלט דערגיין דעם סאָציאַל-קולטורעלן סאד פונם כסידישן „אויפשטאַנד”, אין וועלכן די פאָלקס-מאַסן האָבן אין א נאיוועך, אָפּגעשטאַנענער פאָרם פאַרקערפּערט זייערע באַפרייאונגס-כאלוימעס, זיך געשאַפן זייערע העלדן, לעגענדעס און מאיסעס. דער ניסטער שטרעבט דורך די קינסטלערישע

מיטלען פון זיין אָרגאַנישער ראמאנטישער כסידעס באַזינען זי אין סאָציאַלער הינזיכט.

זוכט ער, דער ניסטער, — ער זוכט דעם סאָד פון דער וועלט, פונם מענטשלעכן וועלט-סיידער, פונם אינדיווידואליזירטן פאָלק-זינען, פון זיין אייגענעם קינסטלערישן „איך”. ער איז דער אומדערמידלעכער „גייער” פון זיינע אייגענע ווערק, און אַפן וועג שפרייט ער מיט דער פולער האנט מאיסעס און מעשאָלים, לעגענדעס און רעטעניש, אָנגעפולטע מיט די פאַנטאַסטישע פערסאָנאַזשן און באַשעפענישן פונם כסידישן פאלקלאר, און אויב ניט בלויז פאַרן לעזער, נאָר אַ פילע פאַרן מעכאַבער גופע איז ניט שטענדיק לייכט אָנצודייטן דעם רעאַלן פשאַט פון דערדאָזיקער פאַנטאַסטיק, בלייבן זיינע ווערק דאָך ווי רעגנדיקע „מאיסעלעך פאַר דערוואַקסענע”, וואָס זייער גאַנצער כיין ליגט אין זייער אויסערלעכן לוואוש, — אין דער וואונדערלעכער פאָרם און אין דער פאָלקסטימלעכער שיינקייט פון זייער ברויזנדיקער שפראַך. ס'איז אן אייגנארטיקער, דורכויס אידישער דיכטער, וועלכער זוכט דעם וועג צום קינסטלערישן אוניווערסאליזם.

אָט דעם באַדייטנדיקן שאַפונגס-פראָצעס זעען מיר אין אַלע זיינע רעגנדיקע ווערק. פונקען פון אָט די זוכענישן געפינען מיר אויך אין זיינע „מאיסעס” וועלכע גייען אריין אין „אייגנס”.

אין די מאיסעס געפינען מיר גאַנצע אויצרעס סטיליזירטער פאָלקסטימלעכער בילדלעכקייט, ס'רייסן זיך דורך פונקען פון ראָמאַנטיש-כסידישע בליץ-געדאַנקען, פון קינסטלערישע פאָלקס-פאַנטאַזיעס, די פאעטישע שפראַך באַצויבערט מיט איר קישעף-שיינקייט, — און מיט אָנגעשטרענגטקייט גייען מיר אים נאָך און האָפן מאַמעש מיט האַרץ-קלאַפעניש, אַז אָט-אָט וועט דער ניסטאר ווערן אַ ניגלע *), אז ער וועט אונז אַנטפלעקן דעם פאַרבאָרגענעם אידייען-סאָד און סאָציאַלן זינען פון דער כסידישער סטיכיע, אַז ס'וועלן אונז פאַרבלענדן די זון-שטראַלן פונם כסידיש-פאָלקסטימלעכן אוניווערסאַליזם, — אָבער סאָפּקאָלסאָף בלייבן מיר פאַרטומלט פון צו פיל קינסטלערישער סטיליזאַציע, און נאָך דער גרויסער האנאָע פון אויסערלעכער קינסטלערישקייט בלייבן מיר אין אינטעלעקטועלן פראט אינגאַנצן אומבאַפרידיקט. דער „מאי קאָ מאשמע לאָן”, דער מיין בלייבט אומפאַרענטפערט, — און אין אַזאַ אַרט דיכטונג מוז די קינסטלערישע סימבאָלישקייט זיין ענג באַהאָפטן מיט אַ וואָסער ניט איז ארטיקולירטן אידייען-לאָשן...

*) ניסטאר (נסתר) — א פארבארגענער, ניגלע (נגלה) — אן אנטפלעקטער.

III

די דיכטער

נאָר ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, ליגט דער איקער אייגנס פונם אַלמאַנאַך אין די לידער פון די נייע פּאָעטן.

דאָוויד האָפּשטיין האָט אַ צאַרטן לירישן טאַלאַנט. זיין דיכטונג איז דערוויל א מין אידילישע דערגאַנצונג פון אונזער קליינשטעטלשער ספּאָרים-קולטור. אָט די קולטור האָט געלעבט מיטן פאַרבאָט פון „מה נאה אילן זה" *), זי איז געווען פרעמד צו דער פרייער נאַטור. אבער אין די מענטשן פון אָט דער קולטור האָט דאָך געלעבט אַן ארגאַנישע נעטיע זיך צו באַהעפטן מיט דער נאַטור, געניסן פון אירע אויצרעס. פלעגט מען פוירעץ געדער זיין (ברעכן די פאַרצוימונג) אָדער דורך קאָנפליקטן, מיט שטורעם און דראַנג, אָדער פּאָשעט, אָן וואָסער ניט איז ראַנגלען זיך מיט עמיצן. האָפּשטיינס ליריק איז אָן קאָנפליקטן, ער באַמערקט אַליין ניט, אז ער איז אין טאָך פוירעץ געדער.

„איך גיי אָן מוירע היינט אין אַלע שוואַרצע היילן
פון וועלט און זיין". („פרילינג").

ווייל מוירע קאָן מען האָבן, ווען מע זעט אָדער מע פילט אַ פיינט,— האָפּשטיין זעט ניט און פילט ניט קיין סאָנים: ער איז זיכער אין זיין אידילישן געמיט. זיין ליריק איז א ריין טאַלמידכאָכעמשע. ער שטאַמט פונם שולגעסל, ער האָט אין זיינע נאַטור-מאטיוון נאָר סעקוליאריזירט (פאַרוועלטלעכט) מענדעלעס נאַטור-פּאָעזיע. זיין פרייד און זיין טרויער איז פון ריינער אידילישער היספּאילעס, וועלכע געפינט שטענדיק די עכטע פּאָעטישע און טאַלמידכאָכעמשע אויסדריקן.

ס'איז אָבער שוין פאַראַן סימאָנים, אַז ס'הויבן זיך אָן אין האָפּשטיינען וועבן פארגעפילן פון קינפטיקע קאָנפליקטן:

„איך האָב אַף מיין אַקסל אַ מאַסע גענומען
פון זוימען באַפייכטע מיט האַרבסט-טויען קאַלטע,
מיט זיידנס יערושע, מיט שטעקן מיט אלטן
מיט אַלטן פאַרשטויבטן, פאַרשרומפּענעם לאָגל
געלאָזט זיך אַף וועגן, אַף וואַנדער אַף וואָגל"... („באַ וועגן, בא וויטע").

אין וועלכע וועגן ער וועט זיך לאָזן „מיט זיידנס יערושע", איז איצט נאָך שווער צו אורטיילן, אָבער דערוויל איז ער ליריש-רואיק, אידיליש-קליינשטעטלדיק, אָנגעלאָדן מיט אויצרעס פון צאַרטע בילדער און טרעפלעכע דיכטערישע ווערטער...

* * *

אָשער שוואַרצמאַן בילדעט א מין איבערגאנג צווישן האָפּשטיינען פון איין זייט און קוויטקאָ און מאַרקיש פון דער צווייטער זייט. ער איז שוין

*) „ווי שיין איז דערדאָזיקער בוים". מיט אזא אויסרוף האט מען ניט געטאָרט מאפסיק זיין, ווען מע איז, גייענדיק אין וועג, געווען פארטיפט אין טוירע-געדאנקען.

ניט אַזוי אידיליש,—אָבער זיין שטורעם האָט נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעבראָכן. צי וועט ער איבערהויפּט אויסברעכן? אין אים פילט זיך דער צולאָכעס פונם אמארעץ, פונם קוילער-געסל, אָבער ס'פילט זיך די צאַרטע ראַמען פונם אביסל פאַרטראַכטן טאַלמידכאָכעם.

אָט זאָגט ער אַפּן שטאַרקן און פעטן צעלאָכעס-ראָשן פונם קוילער-געסל:

„פון אַלע פיר זייטן
שוין ציען פלאַפלענדיק שטראָמען
און נישטערן, זוכן, ווי הינטעלעך בלינדע,
דעם פייכט-שוואַרצן בויך פון דער ערד". („פרילינג").

ס'איז אַ קרעפטיקע אנצעהערעניש. און אָט דערציילט ער טאלמידכאָכע-מיש פארטרוימט אין „פרייטיק פארנאַכט" וועגן דעם טייך סאַמבאַטיען:

„ס'איז אַ הירש שוין געקומען צו טרינקען פון טייך,
ס'איז דאָס וואַסער אַ לויטער קרישטאָלענע דעק...
מיט אַ צווייענדיק-ליכטיקער זעלע טרוים איך
פון אַ לאנד דאָרט אַף יענעם באגילדטן ברעג"..

וועגן וואָס טרוימט נאָך אָשער שווארצמאן: וועגן דער שטורעמדיקער וואָך אף יענער זייט טאַמבאַטיען—צי וועגן דער ערעוו שאבעס-רו נאָכן שטורעם? דאָס איז א פראָבלעם.

* * *

דערפאר זיינען שוין קוויטקאָ און מארקיש פול מיט קאָנפליקטן און שטורעם.

קוויטקאָ איז די פאָעטישע מאניפעסטאציע פונם אידישן פאָלקס-מענטש, וועלכער פאנגט אָן אויפצוהויבן זיך אף דער הויך פון אוניווערסאליזם דער-וייל נאָך אין די ראמען פון דער נאציע. דאָס קוילער-געסל עקספּראָפּריאירט אין קוויטקאָס פאָעזיע דאָס שול-געסל און שטעלט דערביי איין די העגעמאָניע פון זיינע טיפע ליידנשאפטן און שטורעמדיקע אינסטינקטן.

„זאָל גיין אַ רעגן!..
זאָל ווינט מיט שטויב זיך באהעפטן
און שמייסן די גאסן אין פּאָנים
און זאָגן דעם שעפער: מיר האָבן שוין קרעפטן,
מיר קאָנען באַגיין זיך שוין אָן אים!

ער פילט שוין די אייגענע קרעפטן, זיי שפילן אין אים,—אָבער ס'זיינען נאָך קרעפטן פון א ניט דיפערענצירטן האמוין, וועלכער ווייס נאָך ניט, אַף וועמען און צוליב וואָס פרואוון זיינע קרעפטן:

איך ווייס ניט גאָרנישט, גאָרנישט...
עפעס שווימט א שיף פון איין ברעג, שווימט צום צווייטן
כוואליעס היפּן נאָך און לעקן זי באגלייטן... („איך ווייס ניט גאָרנישט").

— — — — — — — — — — — — —

די כוואליעס הויבן אָן מיטרייסן אויך קוויטקאָן, אָבער דערווייל נאָך בלויז סטיכיש, דער באוואוסטזיין וואָס און וואוהין פעלט נאָך:

„איך ווער א טאם

און דריי זיך גלאט, ווייל ס׳דרייט זיך״... („א שוויגנס״).

קוויטקאָס וואָרט איז שטארק און זאפטיק, זיין בילד איז טיף און קרעפטיק, און מיר שפירן אין זיי אָפט אָנזאָגן אַף דער קומענדיקער פּאָעזיע פון אינדיווידואליזירטע מאסן פון ווערכארנס שניט.

* * *

אויב בא קוויטקאָן געפינען מיר די סימפּטאָמען פונם ניצאָכן פון דער אידישער אמאראצישער מאסן-סטיכיע איבער דער נעזירישער טאלמידכאָכעם-שער קולטור, געפינען מיר שוין בא מ א ר ק י ש ן סימאָנים פון גויווער זיין דאָס נאציאָנאלע אין דער אידישער ליריק. אין מארקישעס לידער שלאָגן שוין קוואלן פון אוניווערסאליזם, פון דעם באפרייטן מאסן-יאָכיד איבערהויפּט.

„ליג איך ה ע פ ק ע ר אַף די וועגן

אַף די וועגן פון פרימאָרגן

מיד צעווארפן נ׳אלע עקן —

לאָז די וו ע ל ט זיך פאר מיר זאָרגן״ !..

„העפקער״ און „וועלט״ זיינען די באליבטסטע אויסדריקן מארקישעס— אָדער גאָר „סטאם אין וועלט אריין״...

קוויטקאָ און מארקיש זיינען צוויי גרויסע אָנזאָגן פון גאָר א נייער דיכטונג, א דיכטונג פון נייע מאסן...

דעקאבר 1918

צו העגעמאָניע

דער „עמעס“ און די ליטעראַטן

1.

איך בין דער פאַראַנטוואָרטלעכער און פאַקטישער רעדאַקטאָר פונם „עמעס“. אַלס אַזעלכער וואָלט איך, הייסט עס, געדאַרפט אָדער שווייגן וועגן דעם „עמעס“ אָדער... אים לויבן.

פון מיין ערשטן אַרויספאָר איז שוין קלאָר, אַז שווייגן קלייב איך זיך ניט, לויבן?... דאָס וועלן מיר ווייטער זעען.

אינם ביכל „פון דער עפּאָכע פון דער „זוועזדא“ און דער „פּראַוודאַ“ (1911—1914)“, וואָס ס'האָט אַרויסגעגעבן די „קאָמיסיע פאַר זאַמלען און באַאַרבעטן די מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע און פון דער ר. ק. פּ.“, ווערט דערציילט די געשיכטע פון דער ערשטער רוסישער לעגאַלער צענטראַלער אַרבעטער-צייטונג „פּראַוודאַ“ אין 1912 יאָר. ס'ווערט דאָרט דערציילט וועגן אַסאַך שוועריקייטן. וועגן אייניקע שוועריקייטן איז דאָ קעדאַי איבערדערציילן.

„ס'האָבן זיך באַגעגנט אַפן וועג פון דער „פּראַוודאַ“ — באַזונדערס אין דער ערשטער צייט — ערנסטע שוועריקייטן אין איניען פון קריגן ליטעראַרישן מאַטעריאַל. די אינטעליגענץ פלעגט אַוועקגיין פונם פּראָלעטאַריאַט ניט בלויז באַוואוסטזיניק, נאָר אויך אומבאַוואוסטזיניק. גוט, מאַכט זיך אַן אַרטיקל פון אַ „כאַוווער“, וועלכער האָט זיך אָפּגעריסן פון די אַרבעטער: ווייזט זיך אַרויס, אַז דער אַרטיקל איז אַ ריין קאַדעטישער; דער מעכאַבער האָט שוין אָנגעהויבן דענקען קאַדעטיש, אויפריכטיק האַלטנדיק אין זיין נעשאָמע-איינפאַכקייט, אַז ער איז נאָך אַלץ אַ באָלשעוויק. אָבער נאָך אָפטער האָבן די אינטעליגענטן פּאָשעט אָפּגעקערט זייער געזיכט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. און די צענטראַלע ליטעראַרישע קויכעס (לענין, זינאָוויעוו, קאַמענעוו) האָבן געלעבט אין אויסלאַנד, און שווער איז געווען איינאָרדענען דאָס באַקומען פון זיי מאַנוסקריפּטן.

דערצו איז נאָך אויסגעקומען פאַר דער „פּראַוודאַ“ אויסאַרבעטן אַ נייע ליטעראַרישע שפּראַך און אַ נייעם טיפּ אַרטיקלען: ניט קיין לאַנגווייליקע „פּאָפּוליאַריזי-

רונג" און ניט קיין „אינטעליגענטעריי". אין דער הינזיכט פֿלעגט די לאַגע זיין אַ טראַגישע".

איך האַלט ניט, פֿאַרשטייט זיך, דעם „עמעס" פֿאַר די ערשטע צענטראַלע אידישע אַרבעטער-צייטונג: דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָט שוין אין זיין לעבן פֿאַרמאָגט גענוג אַזעלכע צייטונגען — און אָפּט גאָר ניט קיין שלעכטע. דער „עמעס" איז אָבער די ערשטע צענטראַלע קאָמוניסטישע צייטונג אַף אידיש. זי איז און מוז ווערן די ערשטע אידישע צענטראַלע אַרבעטער-צייטונג אין דער נייער עפּאָכע פֿון דער אַרבעטער-באַוועגונג איבערהויפּט און פֿון דער אידישער ביפֿראַט. און דאָ קומט אויס דעם „עמעס" אויסצושטיין גאַנץ גרויסע און טראַגישע שוועריקייטן.

דער „עמעס" וויל אויך און דאַרף אויך אויסאַרבעטן אַ נייעם טיפּ פֿון אַ אידישער אַרבעטער-צייטונג און אַ נייעם סטיל פֿון אידישער אַרבעטער-פּובליציסטיק. באַגעגענען מיר דעם ערשטן און געפֿערלעכסטן סוינע — די לאַנגווייליקייט. איך מוז ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל דערמאָנען אַלע כאַוויירים, וואָס שרייבן פֿאַר אידישע אַרבעטער-צייטונגען, אַז וואָלטער, האַגאַם ער איז געווען דער פֿילאָזאָף פֿון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע, איז דאָך געווען אַ גרויסער מענטש, און אַז ער האָט איינגעשטעלט אַן אומבאַשטרייטבאַרן קלאַל: „אַלע זשאַנרען זיינען גוט, אויסער דעם לאַנגווייליקן". באַזונדערס איז דער דאָזיקער זשאַנר שרעקלעך פֿאַר דער זשורנאַליסטיק איבערהויפּט און פֿאַר דער פּראָלעטאַרישער זשורנאַליסטיק ביפֿראַט. „אַף יעדן קלאַנג אַן אָפּקלאַנג געבוירסטו מיטאַמאָל", — אַזוי פֿאָרמולירט פּושקין דעם טאַמציס פֿון דער דיכטונגס-קונסט. די פֿעאיקייט צו געבוירן מיטאַמאָליקע אָפּקלאַנגען אַף אַלע מינוטן-קלאַנגען איז אויך דער גרונט-סימען פֿון דער קונסט פֿון זשורנאַליסטיק. שטענדיק וויברירן, יוירן, רעאַגירן, הערן, זעען, באַנעמען און איבערדיכטן אין שלאַג-ווערטער — דאָס איז דער באַרוף פֿונם זשורנאַליסט, דאָס איז זיין שליכעס, און לאַנגווייליקייט איז דערויף ניט פֿעאיק, קאָן דערויף פֿעאיק ניט ווערן. אַז „צוויי מאָל צוויי איז פֿיר" — איז אַ גרויסער און פֿאַרהייליקטער עמעס, אָבער מיט דעמדאָזיקן עמעס קאָן מען די יאָרן ניט אָפּלעבן. מע דאַרף דאָך שטענדיק קלאָר מאַכן, וועלכע צוויי דאַרף מען אַף וועלכע צוויי קויפּלען און וואָס פֿאַר אַ פֿיר ס'וועט דערפֿון אַרויסקומען. און דער איינציקער און אַבסאָלוטער קלאַל פֿון דער לאַנגווייליקייט איז דאָך שטענדיק געווען און וועט שטענדיק פֿאַרבלייבן: צוויי מאָל צוויי איז פֿיר...

היינט די סאַנטימענטאַלע „פּאָפּולאַריזירונג". די אינטעליגענטישע באַציאונג צום „נעבעך-אַרבעטער", פֿאַר וועלכן מע דאַרף אַלץ צעקייען און אים אַריינלייגן אין מויל, ברענגט אָפּט דעם אַרבעטער צו מאָגן-קאַטאַסטראָפֿעס. דער מאַסן-מענטש איז פֿול מיט אימפּעט און דראַנג; ער האָט פֿיינט איינטאָניקייט, גרויקייט. ער איז אָרגאַניש דער אנהענגער פֿון ריזיקע, פֿון שפּילעוודיקייט, ער וויל פֿאַרשטיין, ער זוכט דערקלערונגען, נאָר ניט פֿון דערבאַרעמדיקע שוועסטער, ניט פֿון גוטהאַרציקע באַהעלפֿער. און די מעטאָדן פֿון אונזערע

פראָלעטאַרישע פּובליציסטן זיינען, צום באַדויערן, שטענדיק געווען מעטאָדן פון ראַכמאָנעסדיקע דאַרדיקע-מעלאַמדים.

איז וואו זיינען די מיטאַרבעטער פאַרן „עמעס״?

ווען ס'האָט אָנגעהויבן דערשיינען די רוסישע „פּראַוודאַ״ — אין 1912-טן יאָר, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אינטעליגענץ האָט געהאַלטן אין פאַרלאָזן מאַסנווייז די רייען פונם אַרבעטער-קלאַס. דאָסזעלבע קאָנסטאַטירן מיר איצטער בענויגייע צו דער אידישער סוויווע. דער אידישער פּראָלעטאריאַט האָט אַמאָל פאַרמאָגט באַ אַ האַלב-טוץ פאַרטייען, דידאָזיקע פאַרטייען האָבן געהאַט אַ מאַסע זשורנאַליסטן,—וואו זיינען זיי אלע?

די גרעסטע מערהייט זייערע וועט איר איצט געפינען אָפן צוזאַמענפאָר פון אידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן, וועלכער קומט פאָר אין וואַרשע. האָט זיך עס דאָרט צונויפגעקליבן אַ זשורנאַליסטישער ערעוורואוו! נעמט נאָר די באַגריסונגען אַליין, וועט איר שוין זעען, וואָס פאַר אַן „איינהייטס״-פראָנט ס'האָט זיך איינגעשטעלט אין דער אידישער שרייבער-וועלט אַף יענער זייט גרעניץ.

אין נאָמען פון דער ציאָניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט גערעדט ד״ר אל-שוואנגער (העברעאיש); אין נאָמען פון צ. ק. פון „שלומי אמוני ישראל״ — הרב קירשברוין; פון „צעירי ציון״, פון די רעכטע „פּויאַליי-ציאָן״, פון דער „פאָלקס-פאַרטיי״, „טאַרבוט״, די צענטראַלע אידישע שול-אָרגאַניזאַציע (אַ שריפטלעכע באַגריסונג). דאָרטן, פון יענער זייט סאַמבאַטיען, האָבן אַלע יע-וואָנים בעעמעס געקראָגן איין פּאָנים...

די אַמאָליקע אידישע סאָציאַליסטישע זשורנאַליסטן שוואַרצן אַלע גרע-ניצן, וואָס פירן פון ראַטן-רוסלאַנד צו די לענדער פון וואַלוטע-האָנאָראַרן. דער שטענדיקער איידעם אַף קעסט ש. ראָזנפעלד פונם געשטאָרבענעם מאַס-קיליש-אידישיסטישן „פריינד״ זוכט איצט די „פּאַרלאָרענע אידייע״ אינם גאַסן-שמוץ פונם „היינט״. פראוווט אַן עשאַלאָן פון קאָוונער פּלייטים מיט בן-אדירן בערויש מעכאַיע-מייסים זיין דעם „פריינד״ אין געשטאַלט פון די לאַנגווייליקע „נייס״. אייניקע פּלייטים דרייען זיך אַרום אין בערלין, פון וואַנען זיי „קייבלען״ אין ניו-יאָרקער „פאָרווערטס״, אַנדערע ראַטעווען דעם פּוילישן „בונד״ פון יעווסעקישע פּערספּעקטיוון, די איבעריקע דרייען זיך אַרום ווי מענאַכעם-מענדלס באַ אַ אויסלענדישע צ. ק.-ען פון אונזערע אַמאָל בעקאָוועדיקע ראָשע-טייוועסדיקע אָרגאַניזאַציעס און באַזאָרגן די „ברידער פון וועסטן״ מיט ראַכ-מאָנעס-אידעאַליזם פאַר די „ברידער פון אָסטן״...

און ווער איז געבליבן דאָ באַ אונז אין דער אידישער סוויווע פון ראַטן-רוסלאַנד?

ס'זיינען דאָ פאַרבליבן פיל קאָמוניסטן-זשורנאַליסטן און מיטפילנדיקע ליטעראַטן. אַסאַך פון די קאָמוניסטן-זשורנאַליסטן געפינען זיך אַף אַלגעמיינער סאָוועטישער אַרבעט. וועלכער קאָמוניסט קאָן האָבן קעגן דעם, אַז אידישע טוער זאָלן גיין אַף אַלגעמיינער אַרבעט? אָבער...

זייער ווייניק פון דידאָזיקע זיינען געבאָרן געוואָרן דורך דער אָקטיאַבר-

רעוואָלוציע און זיינען אויסגעשמידט געוואָרן אין פייער פון אירע שלאַכטן.
פיל פון זיי זיינען שוין געקומען צום גרייטן. און מערסטנטייל זיינען זיי גע-
וואָרן ווירטשאַפטלער, ד. ה. ספּעצן, וואָס אַרבעטן אין שלאַג-אנשטאַלטן מיט
אַלע „שלאַג”-פאלגן, וואָס מע באַקומט אין אַזעלכע אַנשטאַלטן... פּאַקטיש זיי-
נען זיי פון די אַרבעטער-מאַסן אָפּגעריסן צוליב זייערע „שלאַג”-דאיגעס, זיי
האָבן איצט א קנאַפּע שאַיכעס סאַי צו די רוסישע, סאי צו די אידישע ארבע-
טער. קאָנען זיי דען אין זייער „שלאַג”-פאַרפּאַנצערטקייט געפינען צייט און
כיישעק שרייבן אין „עמעס”?

בלייבן די מיטפילנדיקע ליטעראַטן. וועגן זיי וועט נאָך מיר איינגיכן
אויסקומען צו ריידן מער אויספירלעך. איצטער וועל איך נאָר זאָגן וועגן דעם
איניען אייניקע ווערטער. נאָר דאָ גיי איך איבער צום „עמעס”.

ניט געקוקט אַף אַלע שוועריקייטן, האָט זיך דער „עמעס” דערשלאָגן
אַן אַלגעמיינע אנערקענונג. אַפילע די פיינטלעכע שווארצע אידישע פּרעסע
פון אויסלאַנד מוז מודע זיין, אַז דער „עמעס” האָט געשאַפן א שיינעם סטיל
און „האָט אויך אין זיך אַ זשורנאַליסטישן שוואונג”. דער „עמעס” איז נאָך
ניט איינגאַנצן אַ פּאַרווירקלעכטע קאוואנע, אבער ער איז א גאַנץ ערנסטע
סכעמע פון אַן אָנפירנדיקער פּאָליטישער און קולטורעלער צייטונג. ער וויב-
רירט און רופט זיך אָפּ אַף אַלע רירן פון דער שטורעם-עפּאָכע, וואָס מיר
לעבן איבער. ער איז גרייט אויפצונעמען אין זיך יעדן נייעם צאַפּל פון גע-
פיל און געדאַנק, וואָס רייסן זיך אין דער ריכטונג פון דער קאָמוניסטישער
וועלט-אויפטרייסלונג. דרייען זיך אַרום אין מאָסקווע ליטעראַטן, „וואָס פילן
מיט דעם קאָמוניזם” און זוכן קולטורעל-עסטעטישע כיונע אָדער אין שוים-
דערשיינונגען פון בעקיוונדיקע פּאַזעס פון בורזשואַזי-ליטעראַרישע פּאַצעטן —
אָדער אין די שטילע מיקלאַטים פון פּאַרצווייפלטע טרוימער פון דער אָפּגע-
לעבטער בורזשואַזער קולטור. דעם אָרגאַנישן צוזאַמענבונד מיטן אידישן אַר-
בעטער-קלאַס, וועלכער האָט זיי פּאַקטיש אויסגעהאָדעוועט, פּאַרלירן זיי מיט
יעדן טאָג, און ווילן זיך באַהעפטן מיט אַזעלכע גייסטיקע שטראָמען, וועלכע
ניט בלויז וואָס זיי געפינען זיך ניט אין איינקלאַנג מיט דער אויפקומענדי-
קער קולטור פונם פּראָלעטאַריאַט, נאָר געפינען זיך אין אָפּענער סטירע צו
איר. און ווען נאָך אַ לאַנגער און שווערער האַפּסאָקע איז דאָך געשאַפן גע-
וואָרן אַ פּאָליטיש-ליטעראַרישער צענטער דער „עמעס”, דערקלערט מען זיך
אָפּט אין ליבע, אָבער מע באשאפט אַרום אים אַן אַטמאָספער פון פּוסטקייט...

ניט אַלץ וועט אין „עמעס” אָנגענומען ווערן? אָט דערציילט דאָס צי-
טירטע ביכל „פון דער עפּאָכע פון „זוויעזדאַ” און „פּראַוודאַ” אַ פּאַקט: „איי-
נער אַן אויסלענדישער כאַוער פלעגט מיט אַ זעלטענער פּאר א ליטעראטאָר
זעלבסטאָפּפערקייט צושיקן איין אַרטיקל נאָכן צווייטן, נאָר פון די פופצן אַר-
טיקלען זיינען אָפּגעדרוקט געווען נאָר צוויי: די איבעריקע זיינען געווען גע-
פּאסלט צוליב „ליטעראטורעריי”.

האָט מען אַ אינערלעכן, סטיכישן, אָרגאַנישן אינטערעס צו דער פּראָ-
לעטאַרישער פּרעסע, שרייבט מען פאַר איר, ניט געקוקט אַף אלץ. „מיטפילן דעם

קאָמוניזם״ איז דאָך צו עפּעס מעכאַיעו. עפּשער וואָלט עס געווען די ערשטע און איינציקע קאָרבאָנעס, וואָס דידאָזיקע ליטעראַטן וואָלטן געבראַכט פאַר דער אַרבעטער-זאַך. און זייער איינציקע אודיטאָריע איז דאָך נאָר די אידישע אַרבעטערשאַפט, וואָס זיי זאָלן ניט שרייבן.

נאָר די אידישע ליטעראַרישע עמיגראַציע אין מאָסקווע האָט איבערהויפּט ארויסגעוויזן אַ זייער קליינעם קולטורעל-עסטעטישן כוש. צוויי קולטורעלע דערשיינונגען זיינען אנטשטאנען אין מאָסקווע: מעלוכישער אידישער קאַמער-טעאַטער און לעצטנס דער „עמעס״. האָט מען ניט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן, וואָס פאַר אַן אומגעריכטע פרייד איז פאַר אונז דער טעאטער — און מע האָט קעגן אים אַ גאַנץ יאָר געקעמפט, ביז מע האָט סאָפּקאָלסאָף געמוזט מודה זיין, אַז ער איז אַ גרויסער יעש. איצטער עטוואָס ענלעכעס מיטן „עמעס״, וועלכן מע אנערקענט — און וועלכן מע איגנאָרירט פּאַקטיש.

דער „עמעס״ עקזיסטירט און וועט עקזיסטירן. ער איז און וועט בעעמעס ווערן די צענטראַלע אידישע קאָמוניסטישע צייטונג. ער ווירקט און וועט נאָך מער ווירקן אַפן פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פון דער אידישער אַרבעטער-סוויווע. ער וועט דערציען קאַדרען מיטאַרבעטער סאַי פון דער פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ, סאַי פון דער אַרבעטערשאַפט גופע. אָבער די אלע כאַוויירים פּובליציסטן און מיטפילנדיקע ליטעראַטן, וואָס העלפן אונז ניט איצט, אין דעם שווערן געבורטס-פּעריאָד מיט זייער שאַפונג, זאָלן זיי וויסן: ווען דער „עמעס״ וועט זיך פאַרפעסטיקן און קריגן מער צייט אף דערמאָנען „אַלטע״ כעשבוינעס, וועט ער עס טאָן מיט דער לײַדנשאַפט, אף וועלכער ער איז נאָר פעאיק!.

9 יאַנוואַר 1922 י.

דער ענטפער פון די ליטעראַטן.

אלס ענטפער אף דעמדאָזיקן ארטיקל האָבן מיר באקומען דעם פאָלגנדיקן בריוו:

כאָשעווער כאַווער רעדאַקטאָר!

מיר א גרופּע ליטעראַטן, וואָס „דרייען זיך אַרום״ אין מאָסקווע, האַלטן פאַר אונזער כויוו זיך ארויסצוזאָגן וועגן דער שווערער באַשולדיקונג, וואָס איז אף אונז געווארפן געווארן אין נומער 6 פון „עמעס״.

דער אידישער אַרבעטער איז בעפּיירעש געווען און איז דער איינציקער לעזער פון דער אידישער ליטעראַטור, און ס׳וואלט ווירקלעך געהייסן פאַרלאָזן די רעוואלוציאָנערע ארבעטער-קולטור, ווען אין איצטיקן מאָמענט וואָלטן מיר זיך פאַרנעמען מיט שאַפן „מיקלאטים״ פאַר פאַרצווייפלטע טרוימער פון דער אָפּגעלעבטער בורזשואזער וועלט״.

אונזערע „דערקלערונגען אין ליבע״ צום רעוואלוציאָנערן טאט פון דעם ארבעטער וואָלט געווען אַ פוסטער קלאַנג, ווען מיר וואָלטן ווירקלעך בלייבן בלויז בא די ווערטער.

אָבער צי איז בעעמעס די לאַגע אַזוי, ווי עס ווערט דערציילט אין דעם ארטיקל פון דעם כ׳ רעדאַקטאָר ?

די „ליטעראַרישע עמיגראַציע״ האָט באַ די שווערסטע באַדינגונגען פון מאָסקווער לעבן ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן פאַר קונסט און קולטור, שפּילנדיק אַן אָנפירנדיקע ראָלע אין ארבעטער-קלוב „3-טער אינטערנאַציאָנאַל״, וואו דער אינטערעס פון דער ארבעטער-אודיטאָריע צו קונסט-פראַגן איז באַפרידיקט געווען בלויז דורך די אידישע ליטעראַטן.

אַלע עפנטלעכע ליטעראַרישע ארויסטרעטונגען און סיסטעמאַטישע לעקציעס אין די מאָס-קווער העכערע אידישע אנשטאַלטן זיינען אויסגעפירט געווארן דורך די ליטעראטן, וואָס „דרייען זיך ארום אין מאָסקווע״.

אויסער דעם איז די גאַנצע ענערגיע פון די ליטעראַטן אין מעשעך פון דעם יאָר געווענ-דעט געווען אַף צו שאַפן די יעניקע ליטעראטור-און קונסט-טריבונע, וואָס זאָל ארויסטיילן און פאַר-טיפן די קינסטלערישע אויפגאַבן פון אונזער צייט.

בלייבנדיק אין מאָסקווע אין אזא קליינער צאָל, האָבן מיר דאך באַוויזן צו שאפן מיט דער הילף פון דער קאָמוניסטישער „קולטור-ליגע״ דעם ליטעראַטן-פאַרלאַג „לירִיק״, וואָס האָט שוין ארויסגעלאָזט צען ביכלעך, וועלכע זיינען שוין אָפּגעשאַצט פון א אידישן ארבעטער-ארגאַן, ווי אַן אָנהויב, „וואָס איז שוין פון זיינע ערשטע דערגרייכונגען באַרעכטיקט״.

דערצו זיינען מיר באַ די ערשטע מעגלעכקייטן צוגעטראָטן צו שאפן דעם ליטעראריש-קינסטלערישן זשורנאַל „שטראָם״, ארום וועלכן ס׳הויבט שוין אָן צו וועבן זיך יענע סוויווע, וואָס באַדאַרף אָרגאַניזירן די צעשפּליטערטע ליטעראַרישע קויכעס, וועלכע האָבן ניט פאַרלאָזט די רע-וואָלוציאָנערע ארבעטער-קולטור.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז די אידישע ליטעראַטן האָבן קיינמאָל ניט געשטרעבט צו שאַפן די געדאכטע „אטמאָספער פון פוסטקייט״ ארום דעם „עמעס״, וואָס איז די איינציקע פּאָליטיש-שעפערישע און קעמפעריש-באַגייסטערטע צייטונג פון דער אידישער ארבעטערשאַפט פון אלע לענדער.

אָבער צי וועט דער אידישער ארבעטער געווינען דורך דעם, וואָס די אידישע ליטעראַטן וועלן אפילע צוליב דער צענטראַלער צייטונג אָפּזאָגן זיך פון דער גרעסערער קינסטלערישער פאַר-טיפונגס-ארבעט ? צי דאַרף די אידישע ליטעראטור, וואָס איז סאָפקאָלסאָף טאָמיד געגאַנגען מיט די ארבעטער-שיכטן און געגעבן אויך אירע קאָרבאָנעס אַף די פראָנטן, צי דאַרף זי נאָך ברענגען דעם „איינציקן קאָרבן״, ווי דער כאַוועד רעדאַקטאָר מיינט,—ליגן אין קארב פון דעם „עמעס״ ?

מיט כאַוועד-גרוס

נ. אויסלענדער.

ש. גאָדינער.

י. דאָברושין.

ד. האָפשטיין.

א. וועוויארקע.

מאָסקווע 13 יאנוואַר

.2

אין וואָס באשטייט די טאַינע ?

דער „עמעס״ דערשיינט רעגולער נאָך די פאַרשיידנסטע האַפּסאָקעס דעם פינפטן כוידעש. האָבנדיק דעם געפיל און עפּשער די אילוזיע, אַז הינטער אים שטייט ניט בלויז דער סאָציאַל-פּאָליטישער געוויסן פון די אידישע אַרבעטער-מאַסן אין רוסלאַנד, נאָר אויך זייער אָנגעזאַמלטע קולטור-ענערגיע, האָט דער „עמעס״ גלייך באַ זיין באַנייאונג גענומען אזאַ אָנגרייפערישן, לעבנסלוסטיקן טאָן אין אַלע געביטן פון טאָן און שאַפן, אַז ער איז גלייך אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער פּאָזיציע פונם שאַרפסטן קאַמף קעגן אַלע פלאַנגען פון דער „כנסת ישראל״ אין אַלע לענדער. אן אומגעהויער גרויסער כאָר פון עטלעכע הונדערט צייטונגען פון פארשיידנסטע ניואַנסן האָבן באַגעגנט דעם באַנייטן „עמעס״ מיט אַ ווילדער סינע, מיט אַ קאמפּאַניע פון בילבולים און רעכילעס — און ניט בלויז פאַר זיין פּאָליטיק, נאָר אויך פאַר זיין קולטור-אימפעט. אָט האָט, לעמאָשל, דער „מענואוול אין בייסמעדרעש״ (איר געדענקט י. ל. גאָרדאָנס מאָשל ?)—ש. ראָזנפעלד דערקלערט, אַז די שעפער פונם „עמעס״ זיינען די קאַבראָנים פון דער אידישער קולטור, אַז זיי גייען אַרום מיט גראָבאייזנס אין די הענט און זוכן אויסצוראָטן יעדן שפור פון אידישער קולטור. „אַפילע אידיש איז פאַר ליטוואַקאָוון קאָנטר-רעוואָלוציאָנער, אַפילע פּערעץ איז פאַר אים צו אלטערטימלעך״, שרייבט ער.

אַן אומדירעקטן באַווייז, אַז מיר, אידישע קאָמוניסטן, רוידעפן קלוימערשט די אידישע קולטור אין רוסלאַנד, האָבן זיי, די שוואַרצווייסע „פאַרטיידיקער״ אירע אין אויסלאַנד, געהאַט א שטארקן: די מאַסן-פּליטע פון די אידישע שרייבער און קינסטלער קיין אויסלאַנד... מיר באשולדיקן ניט די שרייבער און קינסטלער פאר דעם, וואָס ס׳האָט זיי אזוי געצויגן אין די לענדער, וואו ס׳זיינען פאראן גרויסע דרוק-מעגלעכקייטן. מיר ווייסן אויך די יעסורים פון שעפער און דיכטער, וועלכע האָבן ניט די מעגלעכקייט צו פארקערפערן זייערע זעאונגען אין קאָנקרעטע ווערק. אָבער מיר, ווי אויך די מעכאברים פונם אויבן-געדרוקטן בריוו, ווייסן אויך, ווי די בעסערע פון די שרייבערשע פּלייטים, וועלכע האָבן זיך ווירקלעך דערצויגן אין א רעוואָלוציאָנער-

פראָלעטאַרישער סוויווע, פילן זיך אינם ספּעציפישן אידיש-בורזשואזן אי־פּעש, וואָס שטייט איצט אין די קאָוונעס, בערלינען און די אנדערע אויסלענ־דישע צענטרען פון דער אידישער פּאָליטיש-„קולטורעלער" עמיגראַציע. און דאָך האָט זיי אהין געצויגן. איז עס ניט קיין באווייז פאַר די צייטלין-ראָזענ־פעלדס און די ליטוואַק-אבראַמאָוויטשעס, אַז אין רוסלאַנד קאָן די אידישע קולטור קיין טקומע ניט האָבן צוליב די אידיש-קאָמוניסטישע „וואַנדאַלן"?

דער קאָמוניזם האָט אין דער אידישער סוויווע אָנגעהויבן זיין דראַנג מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, און דער „עמעס" מוז זיך געוויס פאַרנעמען אָפּט מיט קאָמוניסטישע אנאַכראָניזמען, אָבער דעם קאַמף מיטן אידישן אַלטווארג האָט ער אויפגענומען מיט זיכערקייט אין זיין אייגענער קולטור-באַרעכטיקטקייט, מיט שטורעם און דראַנג,—און האָט זיך נאַטירלעך גלייך אָנגעשטויסן אָן אַ שוין ניט פאַרשפּעטיקטער אידיש-בורזשואזער בלאָקאַדע. איז וואו איז דאַן געוועזן דער קולטור-אַנסאַמבל פונם „עמעס"?

„בלייבנדיק אין מאָסקווע אין אַזאַ קליינער צאָל"—שרייבן די כאַוויירים ליטעראַטן, אין אַ קליינער צאָל—אָבער דאָך געבליבן. און געבליבן דאָך מיס־טאָמע ניט צופעליק. אף געבליבענע פאַלט אַ גרויסע אַכראַיעס, און דער „עמעס", ווי ס'שרייבן די כאַוויירים-ליטעראַטן, „די איינציק פּאָליטיש-שעפע־רישע און קעמפעריש-באַגייסטערטע צייטונג פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט פון אַלע לענדער", מוז און דאַרף האָבן אויך אַ ליטעראַריש-קולטורעלן אַנ־סאַמבל. האָבן די כאַוויירים-ליטעראַטן דעמדאָזיקן אַנסאַמבל געבילדעט?

די כאַוויירים זיינען צו פילבאַר צו ריין-סטיליסטישע אויסדריקן — ערשטנס, און פאַרברייטערן דעם שעטאַך פון מיינע פאַרוואורפן, צווייטנס. „דרייען זיך אַרום אין מאָסקווע" — הייסט ניט דאַפקע ווי ליידיקגייער. מע טוט, מע אַרבעט, אָבער לאַכלוטן גאָרניט פאַרן „עמעס". און נאָך אַזאַ אַטעס־טאַציע (האַגאַם אונטערגעשטראָכן „פּאָליטיש-שעפערישן"), וואָס זיי גיבן דעם „עמעס", האָט די צייטונג געקאָנט האָפן אף צאַפלדיקע אויפמערקזאַמקייט צו איר. לעקציעס, פאָרטראַגן, אַרבעט אין פאַרשיידענע אַנשטאַלטן, — אָבער די צייט איז שוין אַזאַ, און איז מען „געבליבן אין אַזאַ קליינער צאָל", קומט אויס צו טאָן אַלץ. איז פאַרוואָס בלייבט דער „עמעס" אויסער דעם קרייז פון פאַקטישער, ניט נאָר פּלאַטאָנישער אויפמערקזאַמקייט?

און אין דעם „עמעס", האַלט איך, זיינען די שרייבער פאַרינטערעסירט ניט נאָר אידעאָלאָגיש, צוליבן „עמעס" אַליין. אָן אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער „פּאָליטיש-שעפערישער און קעמפעריש-באַגייסטערטער צייטונג פון דער אידי־שער אַרבעטערשאַפט" וועלן עפּשער די קולטורעלע אויפטוען פון די פאַר־בליבענע אידישע שרייבער קיין פעסטן קיעם ניט האָבן. אָט, לעמאָשל, האָבן אייניקע צייטונגען אונזערע (דער „וועקער", דער „רויטער שטערן") אויפגע־הויבן די פראַגע וועגן דעם, אַז דער אינטערעס פון די אידישע אַרבעטער צו דער אידישער שפּראַך איז געפאַלן. איך פערזענלעך (און ניט נאָר איך) האַלט, אַז ס'הויבט זיך ניט אָן. אָבער דאָך איז דאָס אַ פּראָבלעם. דער „נייער היינט" האָט שוין אויפגעכאַפּט אַ פּאָר ציטאַטן פונם „וועקער" מיט אַ טאָן פון „ויחד

תירו", פון שאדנפרייד. דער כ׳ דאָברושין אליין, איינער פון די מעכאַבדים פונם בריוו, האָט שוין אינם „עמעס" איינמאָל באַרירט די פראַגע וועגן דעם, וואָס דער אידישער בוך האָט איצט ווייניק קויפער. ווען מיר גייען איצט אַריבער אַפן פרינציפּ פון אַליין אויסהאַלטן זיך, מוזן מיר פירן אַן ענערגישע קאַמפּאַניע פאַר אונזערע צייטונגען — פאַרן „עמעס" אויך בעסויכאָם. פאַרן „עמעס" איז אונז לייכט צו פירן א קאַמפּאַניע, ווייל דער אידישער אַרבעטער זעט אים און פילט אים אף יעדן שריט און טריט. אָבער איר, כאַווייריםֿ, צי האָט איר עפּעס געטאָן, קעדיי צו זיכערן די לאַגע פון „ליריק" און פונם קומענדיקן „שטראָם?" צי האָט איר געשאַפן די מעגלעכקייט דערנאָך צו פירן פאַר זיי א קאַמפּאַניע אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט?

אנדערש וואָלט געווען, ווען דער אידישער אַרבעטער זאָל פון צייט צו צייט באַגעגענען אף די שפּאַלטן פון זיין צייטונג די נעמען פון די שרייבער און דיכטער, ווען זיי וואָלטן געוואָרן זיינע נעמען, וואָס ער דאַרף זיי שיצן און שטיצן זייערע טריבונעס. ווייל צווישן דעם אידישן אַרבעטער און דעם אידישן שרייבער דאַרף עקזיסטירן פאַרהעלטעניש פון קעגנזייטיקער פאַרזיכערונג און ערוועס.

איך האָב אין מיין אַרטיקל לאַכלוטן ניט באַרירט דעם אידעאָלאָגישן און עסטעטישן ווערט פון „ליריק" און אַ פּשיטע שוין פון „שטראָם", וועלכער איז נאָך ניט דערשינען. ניט צו די אינסטיטוציעס באַציט זיך מיין אויסדריק וועגן די „שטילע מיקלאָטים". דאָס באַציט זיך גאָר צו אייניקע רוסישע אינסטיטוציעס אין מאָסקווע, וואו די אידישע „ליטערארישע עמיגראַציע" וויל געפינען שאַפונגס-סטימולן. זאָל זיך דער אָדער יענער אידישער אַרבעטער-אָרגאַן אַזוי אָדער אַנדערש אָפּרופן וועגן דעם פאַרלאַג „ליריק", — ניט שטענדיק, אַגעוו, ווערן אידישע ליטעראַטן איבערצייגט אָדער ניספּאָעל פון אַ מיינונג פון דעם אָדער יענעם אַרבעטער-אָרגאַן... אין „ליריק" און אויך עפּשער אין „שטראָם" ווילן זיך די פאַרבליבענע ליטעראַטן שאַפן אַ מין „יאַוונע", וואו ס׳וועבן זיך פעדים פון דער אָדער יענער שעפערישער מעסוירע, אומאָפּהענגיק פון די שטורעמס פון דער עפּאָכע. דאָס איז זייער רעכט, און קיינער וויל עס ניט באַשטרייטן. די קונסט איז אָדער פּיאָנעריש אָדער באַקרוינעריש, זי איז אָדער די אָנזאָגערין אָדער די פאַרענדיקערין. אויב מיר זאָלן אורטיילן לויט דער „ליריק", פאַרענדיקט זי איצטער אין זינען פון עמאציעס און פאָרם די פאָר-רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע. איז דאָס עפּשער אַן אָרגאַנישער פּראָצעס. אָבער אונזערע ליטעראַטן האָבן דאָך ניט בלויז אינטואיציע, זיי האָבן אויך אידעאָלאָגיע, — און אין דער אידעאָלאָגיע זיינען זיי דאָך מער אַקטיוו, דראַנגפול, פאַרבונדן מיט די הויכן און טאלן פון דער צייט. דידאָזיקע אידעאָלאָגישע הירהורים קאָנען זיי שוין ברענגען דעם „עמעס", ווייל דערמיט וועלן זיי עפּשער מיטהעלפן גיכער איבערלעבן דעם עטאַפּ פון „יאוונע", וואָס זאָל זיין, אז ער איז אַן אומפאַרמיידלעכער, אָבער ער טאָר זיך אף לאַנג ניט פאַרציען. זייער אַרבעט אין „עמעס" קאָן און דאַרף ווערן

די דערגאנצונג און האשלאָמע פון זייער קולטורעלער דיכטונגס-אַרבעט, — און עפשער די ריין-פראָלעטאַרישע האַשלאָמע אירע.

הויבן די כ״כ אויף די קארב-פראַגע. האב איך שוין געבראכט אַ ביישפיל אין מיין פאָריקן אַרטיקל. און איבערהויפט: אין „ליריק״ פאַסן זיך צו די כ״כ צו איין אָרגאַנישן פראָצעס, זיי מעסטן דאָרט די טריט, ווילן ניט און קאָנען ניט איבערהיפערן עטאַפן, — אינם „עמעס״ וועט זיי אויסקומען צופאַסן זיך אין אן אַנדער ריכטונג, פאַרשטייט זיך, ניט מעכאַניש, ניט שרייבן פיירושים צו פאַראגראַפן פון דער פאַרטיי-פראגראם... און פון דעמדאָזיקן צוויי-אייניקן צופאַסן זיך וועט ארויסקומען אן איינהייטלעכע שאַפונגס-אַרבעט.

ניט יעדער זאַך קאָן געדרוקט ווערן, אָבער אלע שעפערישע גייסטער, וואָס פילן זיך אין אָרגאַנישן קאנטאַקט מיטן קאָמוניזם, מוזן מיטהעלפן צו שאפן די „איינציקע פאליטיש-שעפערישע און קעמפעריש-באגייסטערטע צייטונג פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט״.

15 יאנוואר 1922.

ערעוו אָדער איסרעכאג?

(„שטראָם“ № 1.)

I

מיר האָבן שוין איינמאָל עטוואָס ענלעכעס איבערגעלעבט:

נאָך דעם, ווי די רעוואָלוציע פונם 1905 יאָר האָט זיך פאַרענדיקט, נאָך דעם, ווי זי איז באַזיגט געוואָרן, זיינען דערשינען די „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטן“. די אקומולירטע אין מעשעך פון 10—15 יאָר סאָציאַל-פּאָליטישע ענערגיע פון די מאַסן, די ענערגיע, וואָס פלעגט נאָך גאָר ניט לאַנג אַזוי ראַכוועסדיק אויסגעבראַכט ווערן אין שטרייקן, גאַסן-דעמאָנסטראַציעס און אַף באַריקאַדן, זיך אָנשטויסנדיק אָן די פאַרצוימונגען פון דער פריציש-קאַפּיטאַליסטישער סטאָליפּינשער רעאַקציע, האָט פאַר זיך ווי געפונען אַן אויסוועג: זי האָט אָנגעהויבן פאַרוואַנדלט און איבערגעגאָסן ווערן אין קולטורעלע און עמאָציאָנעל-קינסטלערישע ענערגיע. די ליטעראַטור, וואָס פלעגט ביז דעמאָלט אויפגענומען ווערן אָדער ווי אַ ניטפאַרפליכטנדע צייטפאַרברענגעניש אין די קאַמפּס-אַנטראַקטן (מענדעלע און שאָלעם-אַליכעם) אָדער איז געווען אַ מין באַשיידענע אויסטייטשערין פון פרימיטיווע מאַסן-שטימונגען, אַ מין „גם אני באתי על החתום“ (מאָריס ראָזנפעלד, רייזין, פּינסקי א. א. וו.), — די ליטעראַטור האָט זיך צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז ניט בלויז זי האָט וועמען און וואָס צו שטיצן, נאָר אַז זי איז אַליין אַ מעכטיקער שטיצפונקט, אַ גרויסער זעלבסטווערט, און אין געשטאַלט פון די „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטן“ האָט זי געפּרואווט שטאָלץ דערקלערן: „איך בין!“ אָט דער „איך בין!“ האָט מער ווי באַ עמיצן פון די שרייבער געלעבט אין דער שאַפונג פון י. ל. פּערעץ, און דערפאַר הויבט טאַקע אָן פון דעמאָלט וואַקסן דער קולט פון י. ל. פּערעץ, אַלס דעם אָנזאָגער און אָנפאַנגער פון אונזער ליטעראַריש-קינסטלערישן מאָדערניזם, אַלס דעם ערשטן „אייביקן באַגלייטער“ פון אונזער יונגער ליטעראַטור.

אָבער די ענערגיע האָבן אקומולירט, געזאַמלט געדיכטע אַרבעטער-מאַסן, און זי איבערגיסן אין קונסטווערטן, זי איבערדיכטן האָבן זיך גענומען קליינבירגערלעכע מיטלויפער, און אין אַ מאָמענט, ווען דער רעוואָלוציאָנערער יאַמפלוס האָט אָנגעהויבן פאַלן. פּיאָנערן זיינען דאָ געווען די, וואָס האָבן נאָך אין סאַמע ברען פון דער רעוואָלוציע זיך פאַרבענקט נאָך זייער באַלעבאַטישן

שוירעש. ש. ניגער, וועלכער האָט שוין אין 1907 יאָר אָפּגעדרוקט אין עס=
עסישן „נייעם וועג״ זיין „טראַגעדיע פון גאָלעס״ — אַ מין עלעגישע בענק-
שאַפט נאָך באַפּוצטן זומפּ; א. ווייטער, וואָס נאָך אין זיין „פאַרטאָג״, וועלכער
האָט ווי געוואָלט זיין דער אפּאָטעאָז פון דער רעוואָלוציע, האָט ער שוין
אויסגעדריקט אַ מין טשואווע=פּעסימיזם און מידקייט פון אַנויפהערלעכן
שטורעם; און ש. גאָרעליק, וועלכער איז דאָך מער, ווי ש. גאָרעליק, קיינמאָל
ניט געווען און וועט ניט זיין... איז אין די „ליטעראַרישע מאַנאַטסשריפטן״
האָט זיך נאָך ווי ס׳איז געפילט דער אָטעם פון דער נאָר וואָס פאַרענדיקטער
רעוואָלוציע, ס׳האָבן אין זיי געשפּילט די יוירנדע קויכעס פונם נאָך פאַרבאָרגענעם
מאָדערניזם, — אָבער באַלד איז אָנגעקומען די „יודישע וועלט״, וועלכע איז
גלייך געוואָרן אַ לאַנגווייליקער מיקלאַט פון פאַרטראַכטע באַלעבאַטישע באַל-
טשואווע-אינטעליגענטן...

די גרויסע שליכעס פאַרצוזעצן די רעוואָלוציאָנערע מעסוירע אַפן געביט
פון ליטעראַטור האָט אַף זיך גענומען אוקראַינע מיט קיעוו בערויש. דאָ האָט
זיך אינגאַנצן אַנטפּלעקט דער ניסטער, דאָ איז ניסגאַלע געוואָרן ד. בערגעל-
סאָן, דאָ זיינען צום סאָף פון דער עפּאָכע געקומען אָשער שוואַרצמאַן, קוויט-
קאָ, האָפשטיין, מאַרקיש און אַ ריי אַנדערע, מער באַשיידענע באַגלייטער.
מיט איין וואָרט, ס׳איז אַנטשטאַנען די אַזוי אָנגערופענע „קיעווער גרופּע״,
וואָס נאָך יאָרן פון בלאָקירנדן ניט פאַרשטיין מוזן שוין אַפילע אַזעלכע באַ-
גרעניצטע קלישע=קריטיקער, ווי באַלמאַכשאָוועס, זי קאַנאָניזירן און ריידן
וועגן אַ קיעווער טקופע אין דער אידישער ליטעראַטור...

אַ אינטערעסאַנטער און טיף כאַראַקטעריסטישער שטריך.

ביז בערגעלסאָנען איז דער אידישער באַלעבאָס געווען דער „סאָיר
לאַזאָזל״ פון דער אידישער ליטעראַטור, מע האָט אים געהאַלטן אין איין דעמאַס-
קירן, אָבער ס׳איז געווען ניט מער, ווי אַ מאַגידיש-מאָראַלישע פּריידיקונג פון
באַלעבאַטיש-סאָציאַלער גערעכטיקייט. בערגעלסאָן האָט אין זיינע ווערק קינסט-
לעריש רעאַביליטירט דעם אידישן מיטלשטאַנד. גדאַליע הורוויטש איז אַ שיינע
געשטאַלט — און דאָך ווערט קינסטלעריש אַנטפּלעקט די אומפאַרמיידלעכקייט
פון זיין אונטערגאַנג. ס׳איז גאָר ניט נויטיק, לאַפּאַכין (אין טשעכאָווס „קאַרשן-
גאָרטן״) זאָל זיין אינדיווידועל שענער און בעסער פון די פּריציש-פיינע ראַ-
נעווסקיס, קעדיי דער ערשטער זאָל סאָציאַל באַזיגן די לעצטע. אַדעראַבע,
לאַפּאַכין איז אַ מעגושעם, אָבער אין אים, אַלס אַ סאָציאַלן טיפּ, שפּילט
דער קויעך פון דער נייער צוקונפט-סטיכיע, און ער זיגט, ער מוז זיגן. און
פאַרקערט: גדאַליע הורוויטש איז פול מיט צויבער, ער האָט אין זיך די
גאַנצע שיינקייט פון דער אַבאַרבאַנעל-קולטור פון דער אידישלעכער פאַרגאַנ-
גענהייט, און דאָך זעט מען, ווי ס׳איז שוין „נאָך אַלעמען״, — און מירעלע איז
געבליבן הענגען אין דער לופטן: אָדער זי וועט זיך ציען צוריק, וועט זי פוילן
אין שימל, אָדער זי וועט זיך אָפּרייסן פון איר צעפוילטן שוירעש, וועט זי
ווערן אַ אירונגס-עלעמענט פון דער וואַקסנדיקער פּראָלעטאַרישער סוויווע.

ס׳איז אויך געווען ניט וויכטיק, צי האָט טאַקע ד׳ער מעכאַבער בערגעל-

סאָן אין געגעבענעם פאל געהאט אזאַ מין סאָציאלע קאוואנע, אַדעראבע, בערגעלסאָן האָט זיך געצערטלט דאפקע מיטן אידישן מיטלשטאנד. נאָר ער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער, האָט ער טיף פאַרכאפּט דעם סאָציאַלן ארום, און מיר האבן שוין געמאכט די געהעריקע אָביעקטיווע אויספירן...

מיטן סאָציאל-קינסטלערישן אינהאלט פון זיין שאפן איז בערגעלסאָן לעכאטכילע געוואָרן נאָענט דעם אַרבעטער, און דערנאָך זיינען געקומען די שטורעם- און דראנג-לידער פון די קיעווער פאָעטן, וועלכע האָבן אינגאנצן באנייט דעם אויסזעען פון דער אידישער דיכטונג.

* * *

באַ 15 יאָר זיינען אריבער. ווידער און שוין אין אַ גאָר מעכטיקן, וועלט-היסטאָרישן פארנעם האָט זיך פאנאנדערגעשפּילט די רעוואָלוציע, דער-נאָך איז ווידער אָנגעקומען אַ מין שטילשטאַנד, — און ס׳איז דערשינען דער „שטראָם"...

די באדינגונגען זיינען גאנץ אנדערע, איידער אין די טעג פון די „לי-טעראַרישע מאנאטסשריפטן".

די רעוואָלוציע האָט זיך ניט פאַרענדיקט, זי איז ניט באזיגט, פארקערט, פון די גרויסע וועלט-שלאכטן איז זי אַרויס אַלס זיגערין, זי האלט נאָך אין גאַנג, — אָבער איר גאַנג האָט זיך פארלאנגזאַמט. זי איז געווען געצוואונגען זיך זעלבסט באגרעניצן, זי האָט געמוזט לעגאליזירן די רעאַקציע, וועלכע באנוצנדיק זיך מיט דער היסטאָרישער געלעגנהייט, פּרואווט זי פארפלייצן מיט איר שמוץ די עראבערונגען פון דער רעוואָלוציע. ס׳איז געשאפן אַן אייגנאר-טיקע, אין דער געשיכטע אַן אומגעהערטע סיטואַציע, ווען רעוואָלוציע און קאָנטרעוואָלוציע עקזיסטירן צוזאמען, האנט באַ האנט, אָבער באַ באדינגונגען, ווען די רעוואָלוציע האלט די קאָנטרעוואָלוציע אין אייזערנע רייפן פון איר דיקטאטור.

אינערלעך — זיינען סוביעקטיוו די שרייבער, וואָס שאַפן דעם „שטראָם", ניט קיין אפטריניקע פון דער רעוואָלוציע. אַדעראַבע, אין די שווערסטע צייטן פון דער צאַרישער רעאקציע האָבן זיי געקלעפּט צו דער אידישער אַרבעטער-באוועגונג, אין איר סוויווע האָבן זיי געכאָלעמט זייערע דיכטערשע כאלוימעס און געוועבט זייערע קינסטלערישע זעאונגען. און אויב זיי האָבן אין די ערשטע שטורעמס פונם אָנגעקומענעם אָקטיאַבר זיך פארלאָרן און געוואקלט, — האָבן זיי נאָר געטיילט דעם גוירל פון דער גאנצער אידישער ארבעטער-באַוועגונג. און אויך איצט קומען זיי ניט, ווי די „ליטעראַרישע מאנאטסשריפטן" אין זייער צייט, צו בויען אַ קולטורעל-עסטעטישן רענעסאַנס אַפן כורבן פון דער רעוואָ-לוציע, — ניין, סוביעקטיוו האלטן זיי זיך פעסט באַ דער פאָן פון דער רעוואָ-לוציע. אָט קלאָגט אפילע טרויעריק איינער פון די פּאָעטן פון „שטראָם" ע. פינינבערג:

„אַף ווערימדיקן קויט, אַף קרעץ פון שטיין
מיין זיידנס מיטוואָך דויערט נאָך און דויערט..."

דאָס דויערן פונם „זיידנס מיטוואָך“ שרעקט און באַטריבט זיי אַלע, די דיכטער פון „שטראָם“ — און דאָך...

און דאָך איז דאָס ערשטע ביכל „שטראָם“ פול מיט אַ מין „קאַדיש“-מאַטיון, און אין אייניקע ווערק פילט זיך, אַז דעם „זיידנס מיטוואָך“ דויערט ניט בלויז „אַף ווערימדיקן קויט, אַף קרעץ פון שטיין“, נאָר אויך אין דער ראַפינירטער פאָרם פון נייע דיכטערשע שטימונגען.

„איך האָב ניט לאַנג איבערגעלייענט אייניקע פון אונזערע יונגע פּאָעטן — האָט געשריבן דער פראַנצויזישער קריטיקער זשאַן פלאָראַן אין איינעם פון די העפטן פון זשורנאַל „פּאַן“ פאַרן 1910-טן יאָר — פון יענע „poetae minores“ (קלענערע פּאָעטן), וועלכע ס'איז נויטיק צו קענען, אויב מע וויל זיך אָריענטירן אין דער מאָדערנער פּאָעזיע, און וואָס דאָס אויפמערקזאַמע לייענען זיי דאַרף געבן די מעגלעכקייט די קריטיקער פונם N-טן יאָר, לעמאָשל, צו דערפילן די אָנקומענדיקע ליטעראַרישע רעוואָלוציע. איז וואָס האָט מיך איבערראַשט אין זיי אַלעמען — דאָס איז דאָס פעלן פון פרייד. זייער אַצוועס איז ניט מאָנאָטאָניש, יעדערער פון זיי האָט זיך זיין אומעט, וועלכער צייכנט זיך אויס מיט זיין כאַראַקטער און מיט דער שטופּע פון זיין טיפקייט, — אָבער אַלע האָבן זיי זייער אַצוועס, און דאָס שאַפט דאָך דעם איינדריק פון מאָנאָטאָנישקייט. איז אָט פרעג איך, פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי טרויעריק?“

און זשאַן פלאָראַן ענטפערט:

„יעדער דאָר ווערט כאַראַקטעריזירט דורך דער נאַטור און די אייגנשאַפטן פון זיין אַצוועס. אונזער דאָר איז אַ פריוואַלישער (אַ לייכטזיניקער), איז טאַקע דערפאַר האָט ער ניט געשאַפן קיין קאָמעדיע. ווען מיר זאָלן אַזוי טיף פילן אונזער טרויער, ווי אָפט מיר ריידן אים אַרויס, ווען ער זאָל האָבן אַזוי פיל נאָענטע סיבעס, וויפל מיר זוכן פאַר אים ווייטע אויסריידן, — וואָלטן מיר דערפילט די נויטיקייט צו רעאַגירן אַף אים, וואָלטן מיר געווען מער פריידפול. נאָר די אַצוועס ווערט דאָס גרינגער אַרויסגעזאָגט, וואָס ווייניקער מיר פילן זי, מיר וואַלגערן אָן סיבעס, קעדיי אַרויסצורופן זי, און אַזוי ווי מיר צערטלען און כאַנפענען זי, פאַרבלייבן מיר טרויעריק מיט אַ מין פלאַכער האַכנאָע, אָן אַ טיפער אויפרעגונג פונם פאַרשטאַנד און אָן אַ נעשאָמישן אומרו: אונזער האַכנאָע באַטרעפט אונזער זעלבסטצופרידנקייט“.

יעדער דאָר ווערט כאַראַקטעריזירט דורך דער נאַטור און די אייגנשאַפטן פון זיין אַצוועס. דער „שטראָם“ איז אָנגעזאַפּט מיט אַצוועס — איינע פון די שענסטע לידער טראָגט אַפילע דעם נאָמען „אַזקאָרע“. אַף וואָס טרויערן די דיכטער פון „שטראָם“? וואָס איז די נאַטור פון זייער אַצוועס, און וואָסערע נאָענטע סיבעס צווינגען אונז „זוכן פאַר איר ווייטע אויסריידן?“

II

די שפּראַך האָט אין אונזער ליטעראַטור דורכגעמאַכט אַ גראַנדיעזע עוואָלוציע. פון אַן אומפאַרמיידלעכן מיטל אויסצודריקן אינהאַלט, פון איין זייט, און פון אַ פרום-פאָלקסטימלעכן עטנאָגראַפישן מאַטעריאַל, פון דער צווייטער זייט, איז זי ענדלעך געוואָרן אַ מאַטעריאַל פאַר געשטאַלטן פאָרמען, וואָס דאָס איז דער אייגנטלעכער באַרוף פון דער קונסט.

ס'עקזיסטירט איבערהויפּט ניט קיין אינהאַלטלאָזע קונסט, אַף וויפל, פאַרשטייט זיך, ס'האַנדלט זיך וועגן עמעסער קונסט, וועגן קונסט „פון גאָטס גענאָד". נאָר די קונסט האָט זיך איר וועג אַף אויסצודריקן אינהאַלט — די פאָרם. אַם בוילעטסטן איז עס צו זעען אין דער מוזיק, וועלכע איז די אַבסטראַקטסטע פון אַלע קונסטן. די מוזיק אינספּירירט, זי גיט איבער אינהאַלט דורך הוילער פאָרם, דורך דער צוזאַמענהעפטונג פון קלאַנגען, בלויז דורך דער אָדער יענער פאָרמעלער קאָנסטרוקציע. די וואָרט-קונסט איז די סאַמע קאָנקרעטע. אין יעדן וואָרט ליגט שוין לעכאַטכילע פאַרבאָרגן אַ וואָסער ס'ניט איז אינהאַלט, וועלכער שפּאַרט דער ערשטער אַרויס און שטרעבט סטיכיש צו פאַרשטעלן די פאָרם, זי אַראָפּצושטויסן אַפן הינטערגרונט.

שוין פון פאַרצייטן האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פון דער וואָרט-קונסט פאַר באַפרייען זיך פון די פּרעטענזיעס פונם בלויזן אינהאַלט צו ווערן דאָס אויסשליסלעכע אויסדריקס-מיטל, פאַרן איינשטעלן דעם פּרימאַט, די אויבערהאַנט פון דער פאָרם, אַלס אַזעלכע, ווי אַ מיטל אויסצודריקן אינהאַלט. אינם דאָזיקן קאַמף האָט די וואָרט-קונסט געליטן פיל מאַפּאָלעס, זי האָט אָבער אָפּגעהאַלטן נאָך מער און נאָך גרעסערע ניצכוינעס, און סאָפּקאָלסאָף האָט די פאָרם אין דער וואָרט-קונסט גוויוער געוועזן און איז געקומען צו די גרעסטע דערגרייכונגען. די וואָרט-קונסט איז שוין בעקויעך אויסצודריקן דעם פאַרשיידנאַרטיקסטן אינהאַלט, סאַי פונם יאָכיד און טאַי פונם קלאַל, דורך בלויזע פאָרמעלע קאָנסטרוקציעס. דער עצעם קלאַנג פונם וואָרט, זיין באַפאַרבונג, זיין קאָלאָריט, זיין אויסערלעכער אויסזעען און אינעווייניקסטע האַרמאָניע, — אָט די אַלע פאָרמעלע אייגנשאַפטן זיינען שוין אַליין פאַר זיך ביעכוילעס מאַסביר זיין און אַקאָמפּאַנירן דעם טיפסטן אינהאַלט פון דער עפּאָכע.

אין אונזער ליטעראַטור האָט שטענדיק פּרעוואַלירט, געהאַט די אויבערהאַנט דער אינהאַלט, — די פאָרם איז געוועזן אַ בייזאַך. אַפילע באַ אונזערע גדוילים האָט געהערשט דער קלאַל: „יאַק בי ני ריידעלע, אַבי דאָברי מיינעלע". באַ מענדעלען איז געוועזן דער איקער דער מאַגידיש-מאָראַלישער מוסער-האַסקל; שאָלעם-אַליכעם פלעגט אליין פאַרפלייצט און פאַרגעוואַלטיקט ווערן דורך דער אומבאַגרעניצטער שעפע פונם עטנאָגראַפיש-שטייגערדיקן מאַטעריאַל. פאַרשטייט זיך, אַלס גרויסע קינסטלער האָבן זיי דאָך געשאַפן ריין-קינסטלערישע וואָרט-ווערטן, אָבער דאָס איז געקומען סטיכיש, עפּשער אומגעריכט פאַר זיי אליין. אין פּערעצעס שאַפונג פילט מען שוין, אז די פאָרם פון וואָרט וויל אַליין ווערן איינס פון די מיטלען אויסצודריקן דעם נייעם און רייכן פּערע-

צישן אינהאלט, — אָבער פּערעץ איז אויך דאָ געווען אַ פּיאָנער. פאַר דעם נייעם רייכן אויצער פון זיינע מאָדערנע געדאַנקען, זעאונגען און שטימונגען האט ער געהאַט נאָר אַ וואָרטלעך רויוואַרג, וואָס מע האָט ערשט געדאַרפט געשטאַלטן און עס פאַרוואַנדלען אין קונסט־מאַטעריאַל. דערפאַר איז פּערעץ אַליין א סטיל, אָבער קיין איינגוסיקן, פאַרענדיקטן סטיל האָט ער ניט געשאַפן...

ניסטער האט דער ערשטער דערפילט די שמאָלע דאַלעדאַמעס פון אונזערע פריערדיקע פאָרמעלע וואָרט-דערגרייכונגען, און דער ערשטער האט ער אָנגעהויבן אַרבעטן איבערן וואָרט-מאַטעריאַל אלס אַזעלכן. אויסער דעם, וואס ער האט מיט זיך פון די פאָלקס-טיפּעבישן געבראַכט אַ בלענדנדע שעפע נייע ווערטער און נייע וואָרט-געברויכן, האט ער נאָך אליין דורך מיטלען פון קינסט־לערישן געוואָלט אָנגעהויבן געשטאַלטן ווערטער און זיי אָנבינדן אַ באַשטימטן אינהאלט דורך בלויזער פאָרם. דאַן דערשיינט ד. בערגעלסאָן, וואס מיט זיינע פאַרבאָרגענע וואָרט-ליידן דערמאָנט ער באַ אונז דעם גרויסן פראנצויזישן שרייבער גוסטאוו פלאָבער, וועלכער ווערט אָפט כאַראַקטעריזירט אלס „מאַרטירער פון וואָרט״. דאס זיינען שעפערישע ליידן,—און בא בערגעלסאָנען האט דאס וואָרט ניט בלויז אַ פאַרבן-שפּיל, אַ קלינג-קלאַנג, אַן אויסזעען, — ס׳דוכט זיך אָפט, אז ס׳האט אפילע אַן אַראמאט...

דערנאָך קומען אן די דיכטער מיט אַ שלאַל נייע ווערטער, מיט אן אויצער נייע קלאַנגען, מיט אַ געדויש פון נייע ריטמען, — די שפּראַך האט באַקומען אַ נייעם, אַ ריין־קינסטלערישן טיקן. און ניט בעקיוונדיקע אויסטראַכטענישן איז עס אַלץ געווען, — נאר מאמעש אנטפּלעקונגען: די גאַנצע פריער אקומולירטע מאסן-ענערגיע האט זיך דורכגעריסן אין דערדאזיקער נייער דיכטונג. אשער שווארצמאַן און קוויטקא, האפּשטיין און מארקיש — דאס זיינען אלץ קינדער פון דער אויפגערודערטער מאסע, פון נייע שיכטן, וועלכע פאַרמאָגן גאר א נייע און אייגענע שפּראַך, נייע און גאר אייגענע אויסדריקמיטלען.

* * *

מיר, בירגער פון ראַטנרוסלאַנד, ווייסן, אַז די געשיכטע קאָן אַמאָל האָבן „קפיצת-הדרך״, אַז באַ באַשטימטע גינסטיקע באַדינגונגען מאַכט זי דורך שנעל אייניקע עטאַפּן און דערגרייכט מיט איין שפּרונג איר העכסטן פּונקט. מיר ווייסן אָבער, אַז אַזאַ „קפיצת-הדרך״ ברענגט דערנאָך אַ קויכעס־אויסשעפּונג, וואָס באַדינגט אַ געוויסן צוריקטריט.

אונזער ליטעראטור האָט דורך אַ וואונדערלעכע „קפיצת-הדרך״ דערגרייכט צו אַ הויכער אַנטוויקלונגס-שטופע. פון צושטאַנד פון פאָרם־רויוואַרג איז זי קימאַט מיטאַמאָל געקומען צו אַ גרויסער פאָרמעלער שליימעס. וועגן אזאַ שעפע קלאַנגען, אַזאַ פאַרבן־שפּיל, אַזא שלאַל ריטמען, וועגן אַזא רייכער אינסטרומענטירונג, ווי באַ ניסטערן, אָשער שוואַרצמאַנען, קוויטקאָן, האָפּשטיינען און מאַרקישן, האָבן מיר, אָקערשט האַלטנדיק באַ דאָוויד איינהאָרנס „שטילע געזאַנגען״, אַפילע ניט געטרוימט.

אין דער שטורעם-געבורט פון דער נייער פאָרם האָט זיך אויסגעדריקט אין געביט פון קונסט דער אויפשטייג פון דער נייער מאַסן-סטיכיע, און דערפאַר איז טאַקע די נייע פאָרם געבאָרן געוואָרן, ווי אַ צווילינג-קינד, אָרגאַניש באַהעפט מיט אַ נייעם אינהאַלט. דער אינהאַלט האָט אַנטשפּראָכן דעם טאָן פון דער נייער פאָרם: הערויִשע פּאַטעטיק, לעבנסלוסט, מאַסן-עקסטאַז, ברויזנדער אומרו, פרייִדפולע, האַגאַם אומקלאָרע, האָפענונגען.

אָבער אָט די „קפיצת-הדרך" אין דער אַנטוויקלונג פון דער פאָרם האָט אַף אַ שטיק צייט ווי אויסגעשעפּט דעם גאַנצן שעפערישן ענערגיע-פאַרגרייט, וואָס די דיכטונג האָט באַקומען פון די אונטערערדישע מאַסן-קוואַלן. בעשאַס די פאָרם האָט דערגרייכט איר העכסטע שטופע פאַר דעם געגעבענעם פּעריאָד, איז — „פרחה נשמתה", האָט זיך פון איר ווי אָפּגעטאָן דער אַנטשפּרעכנדיקער גייסט, דער אינהאַלט. זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאַלטע מאַיסטערשאַפט. אָפט אַפילו אין קוואַליפיצירטע מעלאָכע. און ווען ס'איז אָנגעקומען די גרויסע אָקטיאַבער-עפּאָכע, וואָס דער „טויבער אומרו" פון אירע קינפּטיקע דונער-קנאַלן פילט זיך אָפט אין די פּאַטעטיש-צעשויבערטע „גאַגואיִם" פון זייערע אויפגאַנג-לידער, האָבן שוין די דיכטער פאַר איר נאָר געפונען אָדער קאַלטע, געמאַיסטערטע ריטאָריק (ד. האָפשטיין) אָדער אַ באַגייסטערטן פּלאַקאַט (פּ. מאַרקיש). ווארום וואָס איז דען האָפשטיינס באַרימטער „אָקטאָבער" און דאָס ראָוו לידער פון די „רויטע בליטן", אויב ניט פאָרמעלע ריטאָריק? און וואָס איז מאַרקישעס „ראַדיאָ", אויב ניט פּלאַקאַט-דיכטונג? עמעס, אויך אין דעם געביט איז אויסגעפילט געוואָרן אַ וויכטיקע ליטעראַרישע שליכעס: ס'איז געשאַפן געוואָרן די פאָרם פאַר דער קומענדיקער רעוואָלוציאָנערער אינטואיציע, ס'איז קאַנאַניזירט געוואָרן אין פולקומע מוסטערן וויכטיקע זשאַנרען, — אָבער דאָ האָט נאָך געווירקט דער מאַסן-שטויס פון די אויפגאַנג-יאָרן...

און דאָ איז אָנגעקומען דער צייטווייליקער שטילשטאַנד. די רעוואָלוציע, מיד פון איר געניאַלער „קפיצת-הדרך", האָט אַביסל פאַרלאַנגזאַמט איר טראָט. דער אַרבעטער-קלאַס האָט זיך פאַרנומען מיט טיפן ישעוו-האַדאַאַס. אַרום האָט אָנגעהויבן ברויזן אַ גאָר אַנדערע סטיכיע:

„קנופּיעס אַלטע, אָפּגעבליאַקטע פרעש
אַף צעוואָרפענע, צעבראָכענע „פידאשקעס"
קוואָקען הייזעריק און קוואָקען אַלט
אין אויסגעוועפּטן מאַרק אַריין, אין יעדן שפּאַלט".

(קוויטקאָ).

אין אַזאַ שווערן מאָמענט איז דערשינען דער „שטראָם". ווען מע זאָל אורטיילן לויטן ערשטן נומער פון דעמראָזיקן נייעם זשורנאַל, קאָן מען גלויבן, אַז אינם נייעם פּעריאָד קומט אַריין אונזער דיכטונג אינגאַנצן דעזאָריענטירט. די מאָטיוון פונם גרויסן ערעוו האָבן שוין לאַנג אָפּגעקלונגען, דער אָקטיאַבער-יאָנטעוו גופא האָט איבערגעלאָזט נאָר שפּורן פון קאַלטער ריטאָריק אָרער

פונם באַפליגלטן פלאַקאַט — און איצטער הערשט אַ מין גרויער געמיט פון איסרעכאַג... די סטיכיע, וואָס האָט זי, די דיכטונג, געשפּייזט, האָט זיך איצט פאַרהילט אין איר אייגענעם האַלבטונקל, אַרום שטייט דאָס „הייזעריקע קוואַקען" פון די „אָפּגעבליאַקטע פרעש", — איז בלייבט זיך שפּייזן נאָר פון פאָרם-וואריאציעס...

און פאַר די פאַרגאַנגענע יאָרן האָט זיך באַ אונז אויסגעבילדעט אַ צעך וואָרט-מאַיסטערס, ווערטער-שלייפער, וואָס ווייסן שוין דעם סאָד פון מאַכן דיכטונג. האָט מען דערביי ניט קיין אייגענעם אינטואיטיוון שטיצפּונקט, קומט דאַן די מעכאַנישקייט פון די אויסערלעכע ווירקונגען. אויסערלעכע ווירקונגען זיינען אומפאַרמיידלעך, נויטיק און פרוכטבאַר פאַר יעדער ליטעראַטור, און אויך אונזער ליטעראַטור האָט זיך שטענדיק געפונען אַפן קרייצוועג פון פאַרשיידענע ווירקונגען. אָבער קיינמאָל האָט עס ניט געטראָגן אַזא מעכאַנישן כאַראַקטער, ווי באַ א טייל פון דער „שטראָם"-גרופּע. איך רייד דאָ וועגן דעם אימאַזשיניזם אין די לידער פון האָפּשטיינען און קושניראָוון.

דער אימאַזשיניזם איז זייער אַנציענד, ווייל ער איז שטאַרק ריזיקאַליש: פון גרויסע וואָרט-אַנטפּלעקונגען ביז ראַפינירטע וואָרט-קונצן איז אין אים נאָר איין שריט. דאָס קאָן מען זען אין דעם כילעק צווישן דעם גרויסן פּאָעט יעסענין און די פּאַצעטישע קונצנמאַכער שערשעניעוויטש און מאַריענהאָף.

יעסענין האָט מיט זיך געבראַכט אין דער רוסישער פּאָעזיע דעם אומויסשעפּלעכן קוואַל בילדערישקייט פון דער אומגעהויערער פּויערשער מאַסע, פון אירע אומצאָליקע דאָרפישע קלויסטערס, פון די אומענדלעכע סטעפּעס, וועגן און שטעגן, פון אירע אבערגלויבנס און לעגענדעס, הייליקע און רוכעס, פונם גאַנצן דווירעסדיקן לעבנשטייגער און — וועאַל קולאָם — פון איר זאַפטיקער און בויגעוודיקער, פינקלדיקער און פילפאַרביקער שפּראַך. דאָס אַלץ האָט ער איבערגעגאָסן אין וואונדערשיינע, אייגנאַרטיקע בילדער, מיט וואָס ער האָט אַריינגעטראָגן אַ גאָר נייעס, פרישן, שוואַרצערדישן שטראָם אין דער צו ראַפינירטער און אַביסל אויסגעצערטער רוסישער דיכטונג. אָבער סאַי די פאָרם, סאַי דער געביט, פון וואַנען ער ציט איר יעניקע, שטעלט יעסענינען אין שטענדיקער ריזיקע: ער פילט שטענדיק דעם שטאַרקן ניסאָיען צו פאַרוואַנדלען דעם בילדערישן מאַטעריאַל אין אַ אידעאָלאָגישן און סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישן שטיצפּונקט. אין דעם דריקט זיך אויס די צווייפּעניגדיקע סאָציאַלע נאַטור פונם פּויערטום, וואָס זיין דיכטער איז סאָפּקאָלסאָף יעסענין...

אונזערע דיכטער שטאַמען פון אונזערע האַמוינישע שיכטן, און זיי האָבן אייגנטלעך אין אונזער דיכטונג געטאָן דאָס, וואָס יעסענין האָט געטאָן אין דער רוסישער דיכטונג — געהאַלטן אין אַנטפּלעקן די רייכע און פרישע בילדערישקייט פון נאָר וואָס צום וואָרט געקומענע עלעמענטן און זי איבערדיכטן אין פּאָעטישע ווערטן. אָבער אויסוואַקסנדיק אַפן באָדן פון דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור, פאַרמאָגט יעסענין אויך אַ מער מעכטיקן פאָרם-אַפּאַראַט, איידער ס'פאַרמאָגט די יונגע אידישע דיכטונג. איז ווען ס'איז געקומען די

צייט פון רײנער פאָרם-צערטלערײ, האָט מען זיך אַרײנגעלאָזט אין יעסענינען.

אָרגאַניש באַווירקט ווערן פון דעם אימאַזשיניזם איז געווען שווער: יעסענינס דיכטונג האָט אין זיך ניט קיין אוניווערסאַליזם, זי איז קאָנקרעט-נאַציאָנאַל, דאָרפיש באַגרעניצט, האַגאַם זי נוצט אַזוי וואונדערלעך אויס די נאָך קימאַט ניט באַרירטע ביז איצט אויצרעס פון דער פויעריש-דאָרפישער בילדערישקייט. אונזערע דיכטער זײנען אין דער ערעוו-טקופע געווען באַהערשט אין זײער שאַפונג פון אוניווערסאַלע מאָטיוון, — אַלגעמײנע מאַסן-שטימונגען, דער „נאַציאָנאַל-מענטשלעכער" האַמוין אין גאַנג... איז געבליבן נאָר מעכאַניש נאָכמאַכן יעסענינען, פּרוּוון די אײגענע ווירטואָזישקייט אויף זײנע בילדער און ווערטער-געבראַוכן. האָט טאַקע ד. האָפשטיין אין זײנע מאָסקווער יאָרן פיל געזינדיקט אין דעם פּראַט, — צופיל געזינדיקט פאַר... ד. האָפשטײנען, וואָס זאָל ער נאָר האָבן געוויג כאַראַקטער זיך אָפּצושטעלן אויף זײן דיכטערישער „דאָמינאַנטע", אויף זײן פּאָעטישן גרונט-טאָן, וואָלט ער עפשער אַלײן פאַרדינט צו האָבן נאָכמאַכער. האָט האָפשטיין אַזוי לאַנג נאָכגעמאַכט יעסענינען אין פאָרם, ביז ער איז געשטרויכלט געוואָרן אין דעם ניסאָיען, וואָס לאָקערט שטענדיק פון יעסענינס דיכטונג: פאָרמעלע מעטאָדן פאַרוואַנדלען אין אידעאָלאָגישע איבערלעבונגען...

און מיר האָבן דערלעבט צו אַ גאַנץ טרויעריקן רעצעדיוו:

אמאָל, נאָך אָקטיאַבר פון 1905 יאָר, איז ד. אײנהאָרן, וועלכער האָט אָנגעהויבן זײן דיכטערשע טעטיקייט מיט פאַבריק-לידלעך, דערנאָך דערגאַנגען צו קינעס וועגן דעם, וואָס ס'איז „געשטאָרבן דער לעצטער באַלטפילע און פאַרשלאָסן שטײט אײנזאַם די שול". איצט, נאָך אָקטיאַבר פון 1917 יאָר, איז ד. האָפשטיין, וועלכער האָט נאָך גאָר ניט לאַנג געשריבן זײן פּאַמפּעזרעוואָלוציאָנערן „אָקטאָבער", דערגאַנגען ביז דער קלײנשטעטלדיק-נאַציאָנאַליסטישער „ליד פון מײן גלײכגילט", וואָס איז ווי א מאָדערניזירטע און ראַפינירטע וואַריאַציע אויף אַ צעירי-ציונ'שע „עוד לא אבדה"...

הויך אַנטוויקלטע פאָרם נויטיקט זיך אָרגאַניש אין אינהאַלט, — אָבער אַרום האָט זיך איצט צעקוואָקעט אַ כאָר „אָפּגעבליאַקטע פרעש". דער כאָר פאַרטומלט, אָבער ער ווירקט; ער שטויסט אָפּ, אָבער ער מאַגנעטיזירט אָפּט. האָבן אָנגעהויבן בלאָנדזשען אין אונזער דיכטונג די פאַרלאָרענע „געמיטער":

„הונדערט טויזנטער געמיטער
טאַפּן בלינד.
טאַפּן וועלט פון אַלע זײטן,
שריט און טריט,
זוכן דער וועלטס אָפּן פּאָנים
טרעפן ניט".

(קוויטקאָ).

און דערווײל נאָך ניט טרעפנדיק, פאַלן זײ אַרײן אָדער אין אָפּגעבליאַקטע „אתה בחרתנו"-מאָטיוון אַדער אין קלײנבירגערלעכע אַצוועס.

III

דער „שטראָם״ אַלס זשורנאַל האָט אַ מאָטאָ, גענומען פון אָשער שווארצ־מאַנס אַ ליד:

„נאָר אונטער פעלזן הער איך רינט און ריזלט פריש אַ שטראָם״.

דערמאָנט זיך ניט ווילנדיק, אַז צוריק מיט 25 יאָר האָט אָנגעהויבן דערשיינען אַ העברעאישער זשורנאַל, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „האַ־שילויאַך״ נאָך אַן אַלט פאַרגעסן טייכל אין ערעץ יסראָעל און האָט געהאַט אַ מאטא גענומען פון טאַנאַך: „כמי השלח ההולכים לאַט״ — „ווי די וואַסערן פון השילויאַך, וואָס שטראָמען לאַנגזאַם״. ס׳איז, פאַרשטייט זיך, אַ קאָלאָסאלער מעהאַלעך צווישן אַ קולטור־באַוועגונג, וועלכע אָריענטירט זיך אַף אַן אַלט פארגעסן טייכל פונם גרויען אַמאָל, וואָס שטראָמט אָן דראַנג און פויל, און צווישן אַ קונסט־באַוועגונג, וועלכע שטיצט זיך אַף פעלזן, פון אונטער וועלכע עס „רינט און ריזלט פריש אַ שטראָם״ — וואוהין ?...

אָט אַף דער פראַגע: „וואוהין״ ? גיט דער מאָטאָ פונם זשורנאַל „שטראָם״ קיין ענטפער ניט, אַזוי נייטראַל איז ער. און ווען מע לייענט זיך איין אין ערשטן ביכל „שטראָם״, הויבט זיך אָן דוכטן, אַז פאר דעמדאָזיקן ביכל ספע־ציעל וואָלט געפּאסט גאָר אַן אַנדער מאָטאָ, שוין גענומען פון ל. רעזניקס אַ ליד טאַקע אין „שטראָם״ נומ. 1:

און גאַסן,
אויסגעניכטערטע פון דולן אומגיין,
קומען אָפּרוען אַ רעגעלע
אַף שטילן ראָג
און בלייבן דאָרט
מיט... בלינדע זינגער.

אָט יענע גאַסן... קליינבירגערלעכע, וועלכע זיינען ווי דול געוואָרן פונם „אומגיין״ פון דער רעוואָלוציע, זיינען געקומען: „אָפּרוען אַ רעגעלע״ — אין דער „נעפּ״־פויזע — און רוקן אַרויס זייערע „בלינדע זינגער״...

ווייל דידאָזיקע זינגער, די דיכטער פונם ערשטן נומער „שטראָם״, זיי־נען נאָך בלינד, זיי האַלטן ערשט בײַ זעלבסטבאַשטימען זיך. פאַר זיי שטייט די קאַרדינאַלסטע פראַגע: צי וועלן זיי זיין אימשטאַנד אָפּצורייסן זיך פון זייער קליינבירגערלעכן שוירעש און ווידערגעבוירן ווערן אין דיכטער פון אָקטיאַבר — אָדער זיי וועלן פאַלן אונטער דער שווערער לאַסט פון דעם „זיידנס מיטוואָך״ ?..

דערפאַר שטראמט טאַקע ניט אין ערשטן נומער „שטראָם״, — פאַרקערט, עס הערשט דאָרט אַ שטילע מאָרעשכוירע, וועלכע גייט אָפּט איבער אין טיפע אַצוועס. און אין אַלגעמיין איז אינם ערשטן ביכל „שטראָם״ פאַראַן אַ ניצעץ פון אַ מין אידישיסטישן „האַשילויאַך״: אין יענעם, אינם אַכאַד־האַאַמישן „האַ־שילויאַך״ האָט מען געזוכט דאָס „אייביק העברעאישע״, אין „שטראָם״ ווערט

געזוכט דאָס „אייביק אידישע". ווער עס זוכט דאָרט דאָס „אייביק אידישע", קעדיי דערויף צו פאַרפעסטיקן זיך, און ווער עס זוכט דאָס, קעדיי דערפון זיך צו באַפרייען, — אָבער דער געשפענסט פונם „אייביק אידישן", פון דער אַלטער יערושע קוקט אַרויס קימאַט פון יעדן זייטל פונם ערשטן „שטראָם"-העפט...

עפּענען עפנט זיך אויף דאָס ביכל מיט אַן אַפּאטעאָז פונם „אייביק-אידישן", מיט הימנען דער אַלטער יערושע, פאַרפאַסט פון דאוויד האָפשטיין, דעמזעלביקן, וואָס האָט נאָך דאָ ניט לאַנג זיך געקליגט צו בויען די סאַמע ריטאָרישע לידער אַף דער טעמע „אָקטיאַבר". האָפשטיין ווענדעט זיך צום „שטאָם" און געפינט אין די „טויזנטער אומגערנס" זיין „קלאָרן אומיסטן", ד.ה. זיין עמעסע אידעאָלאָגיע. און דערדאָזיקער „קלאָרער אומיסטן" פון זיינע „אומגערנס טויזנטער" איז שאַרף און בוילעט און דערביי מיט אַזאַ דיכטערישער פאַטעטיק, צו וועלכער האָפשטיין האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט דערהויבן, אויסגעדריקט אין דעם „ליד פון מיין גלייכגילט".

„איך בין מיד שוין
פון שוועבן,
פון שווינדלען,
פון שווימען,
פון ווייקן אין וואַסערן פרעמדע,
און אייגנס זאָל מיך נאָר רייצן"...

— אַזוי דערקלערט ליידנשאַפטלעך דאוויד האָפשטיין אין זיין „ליד פון מיין גלייכגילט".

נאָך אַמאָל, גאָר אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע, האט דאוויד האָפשטיין, וועלכער האט, לויט זיינע אייגענע ווערטער, אַף זיין אַקסל „אַ מאַסע גענומען פון זוימען באַפייכטע מיט האַרבסט-טויען קאַלטע, מיט זיידנס יערושע, מיט שטעקן מיט אַלטן", זיך דערשראָקן, ווען ער האט דערזעען, אַז

„צום הימל צום הויכן
פון היימען פון פרעמדע געגאַן זיינען רויכן";

שוין דעמאָלט דערציילט ער:

„מיט עלנט-געבעט און מיט פאַכעד געהיימען
געזייט האָב איך זוימען באַ ווילד-פרעמדע היימען".

נאָר דער קלײנבירגער פאַלט אַרונטער אונטער דער ווירקונג פון „טויזנטער אומגערנס", איידער עס קריסטאַליזירט זיך אין אים אויס זיין „קלאָרער אומיסטן", איז דאוויד האָפשטיין געוועזט מיטגעריסן געוואָרן מיט די „רויכן", וואָס „געגאַן זיינען פון פרעמדע היימען", ער האָט געהאט אַפילע דערקלערט — און גאַנץ אויפריכטיק — „מיר גייען אין דיינע פאָרנטיקע רייען, שפּאַנענדיקע מענטשהייט", ער האָט אַפילע געזונגען „אָקטאָבר"-לידער... אָבער די מאַסע מיטן זיידנס יערושע האָט געדריקט אַף זיינע אַקסלען און האָט אים איינגעגעבן „פאַכעד געהיימען" פאַר זייען זוימען „באַ ווילד-פרעמדע היימען". האָפשטיין, דער קליינשטעטלדיקער טרעגער פון אַלטע יערושעס, איז ניט אָנגעמאָסטן פאר קאָנפליקטן, ער האט געהיימען פאַכעד פאַר רעוואָלוציע. נאָר

ווען די „מענטשהייט" האָט געהאלטן אין שפּאַנען מיט איר, פאר אים דעקאָ־ראַטיוון, בליץ און פייער, — איז ער אַף אַ מאָמענט פארבלענדט געוואָרן ז ון האָט זיך אַריינגעלאָזט אין ריטאָרישע פּאַטעטיק. אָבער ווען „די גאַסן אויסגע־ניכטערטע פון דולן אומגיין" זיינען געקומען „אָפּרוען אַ רעגעלע", ווען אנ־שטאָט די „דעקאָראַטיווע" פייערן און בליצן זיינען געקומען די שווערע טעג פון רעוואָלוציאָנערן באַדענקען און שאפנדיקן אינדערוואָכן, זיינען באַ אים פון די „זאשפּרעס" אַרויס געמיטער פונם זיידנס יערושע. וויל ער זיך שוין ניט „ווייקן אין פרעמדע וואַסערן"!...

„נו, געווען איז אַמאָל
אין גרינעם
אין טאַליקן גאָליל
נו, געווען איז אַ אידישע מאַמע,
און די מאַמע געהאט האָט אַ קינד,
און פון קינד
איז געוואָרן אַ מאַן מיט שאָפענע גלויביקע אויגן,
איז ווער מעס אייסעק?"

ווי אַ פּראָטעסט קעגן דעם קאשמאר פון קריסטנטום איז דאָס אומגע־וויינלעך שטאַרק, אָריגינעל און שיין געזאָגט. אָט דער קריסטוס־קאָשמאַר, וועלכער האָט באַהערשט די פּעאָדאַלע וועלט, וועלכער ווערט אַזוי שטארק קולטיווירט דורך דער בורזשואַזער אָרדענונג, אָט די „הייליקע פאַמיליעס", „געהיימע מאָלצייטן", „קריסטוס-בלוט", מאַדאָנעס און דאס איבעריקע קלאַפּער־געצייג, מיט וועלכע ס׳זיינען פארפלייצט די מוזייען, פאַרפולט די ליטעראַטור און וועלכע מאַסקירן די ערדישע פּאָליטיק פון די וועלט־הערשער, האבן גע־מוזט און מוזן אַרויסרופן אַ דיכטערישן פּראָטעסט. און פאַרוואָס זאָל אַזאַ פּראָטעסט ניט אַרויסגעזאָגט ווערן פון אַ אידישן היינטוועלטישן דיכטער?.. ניט לאַנג צוריק האט זיך אַ פראנצויזישער קריטיקער אויסגעדריקט בערעך אַזוי: צוליב דעם, וואָס אַ לייכטזיניק מיידל פון לאנד יעהודע האָט אָגגעווענ־דעט אַזאַ מין עקסטראַוואגאַנט מיטל זיך צו רעאַביליטירן פאר אירע מיידלשע זינד, מוזן מיר אַלע ליידן פון קריסטנטום...

נאָר דאוויד האָפשטיין פארוואנדלט דעם גאַנצן וועלט-היסטאָרישן איניען אין אַ ריין-אידישע אנגעלעגנהייט, ס׳איז באַ אים אַ פראגע וועגן היסטאָרישע רעכט פונם זיידנס יערושע: „געווען איז אַ אידישע מאַמע, און די מאמע גע־האט האָט אַ קינד — איז ווער מעס אייסעק"? איז דאָס שוין ניט אַ קאַמף מיט קריסטנטום אַלס פארקערפערונג פון רעליגיעזער פאַרקנעכטונג, נאָר אַ נאַציאָ־נאַלער קאמף צווישן אידנטום און קריסטנטום, אַ נייער וואַריאַנט פונם אַמאָ־ליקן קאַמף צווישן „יהדות" (אידנטום) און „הילניות" (העלעניזם).

און האָפשטיין אַנטפּלעקט זיך טאַקע אינגאַנצן, ער ווייזט ארויס דעם קליינבירגערלעך-נאַציאָנאליסטישן טאָך פון זיין דיכטערישער אידעאָלאָגיע. ער שטעלט צוזאמען אַ מין נאַציאָנאַל-היסטאָרישן קאַדאַקטער, וואוהין ער רעכנט אריין אַלס זיין זיידנס יערושע אַלע אידן פון אַלע דוירעס און

לענדער, וועלכע האבן אַ „שעם באַ גויאים", אָנהויבנדיק פונם קינד אין גאָליל און ענדיקנדיק מיט... לעוו שעסטאָוו... אַהער פאלן אַריין אי מאַרקס, אי „לייב בראָנשטיין" (טראָצקי), אי שפינאָזע, אי אַלבערט איינשטיין, אי העגריך הײנע — און אַלץ מיטן שטאָלץ פון שאָלעם-אלייכעמס אַריע-לייב (אינם „ערשטן אַרויספאָר"): „או וואָס נעמאַ טאַקאָהאָ שאַמשאָנאַ". „אָ, די ערנסטע קרעמער. וואָס האבן אַמאָל געשענקט דער וועלט העגריך הײנע"! — שרייט ער אויס מיטן נאַציאָנאלן פאַטאָס פון דער נייער „נעפ"-קאָסרילעווקע.

און נאָך דער „ליד פון מיין גלייכגילט" בעט זיך מאַמעש די „עוד לא אבדה תקותנו" — די צעאירײ-ציוין האָבן זיך דערוואַרט אַף זייער הימן און דאַפקע אַף אידיש!..

מיר האָבן זיך אַזויפיל אָפגעשטעלט אַף דער „ליד פון מיין גלייכגילט", ווייל זי וועט שוין פארבלייבן אין אונזער ליטעראטור אַלס אַ וויכטיקער היסטאָרישער דאָקומענט, אַלס דער אידעאָלאָגישער מאניפעסט פונם אידישן קליינבירגערטום אין דער עפּאָכע פון אָנהויב „נעפ", ביפראַט נאָך, אַז לויט דער פ אָ ר ם איז דאָס איינס פון די בעסטע ווערק דאָוויד האָפשטיינס...

און מיט אַזא ווערק עפנט זיך אויף דאס ערשטע ביכל „שטראָם"!.. ס'וואָלט געווען גאָר אַ שלעכטער סימען, ווען אויך די איבעריקע דיכטער זאָלן זינגען אין איין טאָן מיט האָפשטיינען. אָבער צום גליק איז נאָר איין דאוויד האפשטיין שוין אַ פולקום „זעלבסטבאשטימטער": צוריק פון אָקטיאבר. די איבעריקע זינגער זיינגען נאָך „בלינד", זיי זוכן נאָך זייער וועג, סאַי אין זין פון פאָרם, סאַי אין זין פון אידעאָלאָגיע. זיי פילן אויך שטאַרק די לאַסט פון דער יערושע, אָבער זיי ראנגלען זיך מיט איר.

„אין נעשאָמע אַ מייועלע שקראבעט —
צי טאַטנס, צי זיידנס א ניגן", —
קלאָגט זיך קושניראָוו אין זיין „אַזקאָרע".
„עפשער וועלן מיינע פיס
אַליין מיך ברענגען
אין אַ לאַנד אַזאַ,
וואָס זאָל מיין נעכטן מיר
מיט גאָרנישט ניט דערמאָנען"—
— בענקט ראסין אין זיינע לידער.
„איך גיי נאָך אַרום צווישן בלינדע און היגע —
איך בין נאָך געפענטעט" —
— איז זיך מודע פינינבערג און ער קלאָגט:
„אַף ווערימדיקן קויט, אַף קרעץ פון שטיין
מיין זיידנס מיטוואָך דויערט נאָך און דויערט".

ווי מיר זעען, האָבן מיר דאָ פאַר זיך א גאַנצן דאָר דיכטער, וועלכע שטאַמען ניט פון פראָלעטאריאט און גייען נאָך ניט מיטן פראָלעטאריאט, נאָר

וועלכע האבן דערפילט די „ווערימדיקייט" פון זייער קליינבירגערלעכן שטאַם און זוכן די וועגן צו באפרייען זיך פון אים. אָבער דער פּראָצעס איז אַ שווערער און נאָך אַן אומזיכערער פאַר זיי, — פון דאַנען נעמט זיך זייער טרויער, זייער אַצוועס. אָבער ניט נאָר פון דאַנען.

אין זייערע זוכענישן האבן זיי ניט קיין קלאָרע פּערספּעקטיוון. אין צייט פון בירגער-קריג האט זיי געצויבערט די רעוואָלוציאָנערע העלדישקייט, די בליצן און פייערן פון וועלטן, וואָס ווערן איבערגעקערט. קיין קלאַסן-כעשבוינעס האָבן זיי זיך ניט געמאכט און זיינען ניט געווען אימשטאנד צו מאַכן, ביפּראַט נאָך, אז דער נאַציאָנאַלער מאָמענט האט זיי אויך פארבלענדט די אויגן: די אָקטיאבר-רעוואָלוציע, די רויטע ארמיי, די קאמפּארטיי זיינען געווען די איינציקע שוץ קעגן פּאָגראָמען. איצט איז אָנגעקומען אַ שטילשטאַנד, דער „דעקאָראַטיווער" גערויש פון די שלאַכטן האָט אויפגעהערט, און די נאַציאָנאַלע כורוועס נאָך די פּאָגראָמען זיינען פארבליבן... קיין רעוואָלוציאָנערע פּערספּעקטיוון האבן זיי ניט — די פּאָרגעקומענע פּאָגראָם-קאטאַסטראָפעס דריקן אף זיי. האָבן מיר אַן אייגנאַרטיקן געמיש פון קליינבירגערלעכן קלאַסן-פּעסימיזם און נאַציאָנאַלן טרויער.

אין דעם זין האָט דאָס ערשטע ביכל „שטראָם" געגעבן נאָך איין העכסט דיכטערישן דאָקומענט, וועלכער וועט פארבלייבן אין אונזער ליטעראַטור, ווי אַן עלעגיע פון קליינבירגערלעכע און האַלב-פּראָלעטארישע מאַסן, וואָס זיינען דעקלאַסירט געוואָרן אין דער צייט פון בירגער-קריג און פּאָגראָמען. דאָס איז קושניראָווס „אַזקאָרע".

„כ'וועל נישט אויפהענגען מיין האַרפע אף בוימער —
פאר אַלע ווינטן איר שפּיל...
איך פארמאָג שוין אַפילע אין טרוים ניט
קיין לאנד פון האָניק און מילך".

עמעס, קושניראָוו ווייסט און גלויבט, אז עס דארף קומען א „העלער מאָרגן", אָבער ער קאָן אים ניט באפרידיקן:

„העלער מאָרגן, מאָרגן צעוויקלטער,
וואָס פון קאַלטער ווייט דאָרט פינקלט,
דיין באפייכטער און צאַרטער בליק
איז מיר קארג, איז מיר קאַרג אין מיין זינקען"...

און די זעלבע שטימונגען, וואס בא קושניראָוון זיינען זיי אויסגעדריקט אין אזא קאָנדענסירטער, עמעס שיינער, האגאַם צו יעסענינשער פּאָרם, דריקן אויס אַלע איבעריקע דיכטער.

אין זין פון פּאָרם זיינען די דיכטער דאָ ניט איינאַרטיק און דערצו פילט זיך ניט קיין ענדגילטיקייט אין דער פּאָרם פון יעדן דיכטער באזונדער, זיי זיינען דערוויל באווירקטע, זייער ענדגילטיקן אויסוואַל צו מאַכן שטייט זיי ערשט פאָר. און אויב קושניראָוו, לעמאָשל, איז שטאַרק באווירקט פון יעסענינען, איז ל. רעזניק אַ פארשפּעטיקטער בלאָק. דער לעצטער וועג איז אַ גע-

פערלעכער, ביפראט נאָך, ווען ער איז אויסגעשפרייט מיט איבערגאנג-שטי-מונגען פון סאָציאַלן פעסימיזם און נאציאָנאלער געבראָכנקייט.

* * *

איז וואָס פאר אויספירן קאָן מען מאכן אָפן סמאָך פונם ערשטן ביכל „שטראָם"? באדייט דער זשורנאל אַן ערעוו פון אַ רעוואָלוציאנערן אויפבריוז אין אונזער ליטעראטור אָדער אַן איסרעכאג פון א געוויזענעם אויפשטייג?

דאָס ערשטע ביכל רופט נאָר ארויס די פראגע,—דעם ענטפער וועלן ערשט געבן די ווייטערדיקע ביכלעך...

פ. ס. מיר האבן זיך אָפגעשטעלט אויסשליסלעך אָף דער פּאָעזיע פונם ערשטן ביכל, ווייל דאָס איז די צענטראלע אָפטיילונג אין אים. קיין בעלע-טריסטיק האָט דאָס ביכל ניט: דער „וועג" פון דוואוירע קליאַצקין איז אַ טאַ-לענטלאָזע זאַך אין פראט פון פאָרם און קליינבירגערלעך-נאציאָנאליסטישער קוואטש אין אידעאָלאָגישער הינזיכט. „דאָס רויטע קינד" פון ביינעש שטיימאַן איז אַלס אַ רעליקוויע פון אַן אומגעקומענעם שרייבער ניט כאַראקטעריסטיש פארן „שטראָם" אַלס אזעלכן.

וואס אָנבאלאנגט די ארטיקלען, איז דאָס שוין א באזונדערע פּראָבלעם וועגן אונזער ליטעראַרישער קריטיק, וועלכע פאָדערט א באזונדערע אָפּהאנד-לונג. אַלנפאַלס, ניט אין די אַרטיקלען ליגט דער שווערפונקט פונם ערשטן נומער „שטראָם"...

מאי 1922.

גילגל פון א נעס

צוויי הילעס פון צוויי זשורנאלן.

איין הילע: פינף מעשונע־רעגנדיקע גראַפיקע - אויסיעס, וואו דער „שין" (שטייגן ?) שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַלאַגאַן-מענטשעלע, [וואָס מיט אַ מין פירעק שטייגט ער אין דער הויך צו פורימשפילערשע פענסטערלעך, וועלכע לייכטן פון דער שוואַרץ־פינסטער; דער „ריש" איז פאָרגעשטעלט דורך אַ האַנט, וואָס רייסט זיך פאָרויס, שלעפנדיק מיטן... עלנבויגן עפּעס אַ יעוואָנישן קאָפּ; גלייך נאָך דער אויסטערלישער האַנט מיט איר אומגעווייַנלעכער מאָסע פליט ערגעץ אַן „אַלעפל"; צווישן „שין" און „ריש" אַ „ט", וואס בא זיין אויסער-לעכער איינגעפונדעוועטקייט האט ער זיך שוין געריררט פון אָרט און איז גע-ווענדעט אין כאַלאָל,—און די אלע „אותיות פורחות" (פליענדיקע אויסיעס) ווערן געשלאָסן דורך א „שלאָסמעם", וועלכער האט אין זיך דאָך אַ אינעווייניקסטן בראָך.

הייסן הייסט עס „שטראָם", דער נאמען פון אַ אידישן ליטעראַריש-קינסטלערישן זשורנאל אין מאָסקווע, און געמאָלט איז די הילע פון מאַרק שאַגאַלן.

די צווייטע הילע: אין מיטן אַ מילגרוים, וואס פון איין זייט שטייט בא אים א טייבעלע (און עפשער א נאכטיגאל ?) און פיקט זיינע תר"יג קערלעך (די אידישע נאַציע, וועלכע איז געגליכן צו אַ טויב, געניסט פון די תר"יג מיצוועס), און פון דער צווייטער זייט שטייט אף אים א נאכטיגאל (און עפשער אַ טויב ?) און האַלט אין מויל אַ שאָלעם-בלעטל (מיר זיינען דאָך אלע פון איין פאָלק, — פארוואס זאָלן מיר פעלשן איינער אינם צווייטן ?). ארום און ארום קווייטן, בלעטער און בלעטעלעך אינם עכטן געשמאַק פון דער אַמאָליקער רו-סישער „ניוואַ" אָדער פון דער דייטשישער „וואָכע" אָדער גאָר פון קליינ-שטעטלדיקן „גרינס אף שוואועס".

דאָס איז — „מילגרוים", א „צייטשריפט פאר קונסט און ליטעראטור", דערשיינט אין בערלין, די הילע געצייכנט פון פראָפעסאָר ע. בעהם (זיך איינ-געקויפט אין יכעס!).

נאָך איידער מע קערט איבער דעם שאַר-בלאט און מע קוקט אריין אין טעקסט, באוקמט מען שוין דעם געהעריקן איינדריק: אין איין זשורנאל

„שטראָמט‟, הערשט אומרו, צאַפּלט דער גייסט פון זוכענישן און מערידעס; אין צווייטן — זעלבסטצעפרידענע באַלעבעסלקייט, אידישלעכער שעמענזאַיס און... אומבאגרעניצטע באַנאַלישקייט.

צוויי סטילן: קאָמוניסטישע מאָסקווע און קלייבבירגערלעכער בערלין.

„מילגרוים‟ — און באנאלישקייט? „מילגרוים‟—און זעלבסטצעפרידענע אידישלעכקייט? דאָרט ארבעטן דאָך ד. בערגעלסאן, דער ניסטער, קוויטקאָ, ב. ריבאק?.. ס׳ווערט דאָך אפילע בעפיירעש געמעלדעט, אז „בעלעטריסטיק, רעדאגירט פון דאַוויד בערגעלסאן און דעם ניסטער‟?

בעשאַס א גרופּע אידישע ליטעראטן און קינסטלער האבן זיך אין 1920 יאָר פון קיעוו געווענדעט מיט זייער בארימטן טכינע-בריוו קיין אמעריקע, האט ד. בערגעלסאן צום אלגעמיינעם אויפרוף נאָך צוגעגעבן א בריוו פון זיך באזונדער. אינם דאָזיקן בריוו האט ער, קענטיק, אלס אילוסטראציע צום פאקט, וואס ער האט אָקערשט אונטערגעשריבן א ווענדונג צוזאמען מיט באל-מאכשאָוועסן, שטיפן, בערטאָלדי-לאצקין, טשעריקאווערן און אנדערע, געמעלדעט דער וועלט וועגן דעם נעס, וואס ס׳איז געשעען אין דער אידישער אוקראינע: דער נעס פון דיפערענציאציע. פון דעמאָלט אָן באאומרואיקט דערדאָזיקער נעס דעם גייסט פון ד. בערגעלסאן, ער׳האט אליך געזוכט מעגלעכקייטן אים צו פארפעסטיקן,—און דער טיקן קומט פון בערלין. דאָ אין בערלין האבן בערגעלסאן און ניסטער געפונען א צווייפאכע פאָרם פון פארפעסטיקן דעם „נעס פון דיפערענציאציע‟.

ערשטנס, דערשיינט דער „מילגרוים‟ גלייכצייטיק אין אידיש און אין העבּרעאיש, — מיט פארשיידענער בעלעטריסטיק, אבער מערסטנטייל מיט א בעשוטפישער פובליציסטיק: פאר הייַנטיקע צייטן איז דאס דער גרעסטער נעס פון דיפערענציאציע. צווייטנס, די קונסט-קריטיק און פובליציסטיק פונם אידישן „מילגרוים‟ גופע. ד. בערגעלסאן, דער ניסטער און באזונדערס י. ב. דיבאק, אלס קינסטלער מיט א לינקער קינסטלערישער אָריענטאציע — און פרוי ראָכל ווישניצער-בערנשטיין מיט אירע קונסט-כקירעס אינם אלטפרענקישן סטיל פון „יפיפותו של יפת באהלי שם‟*).

„היי איר, וואס רענצלט זיך די פּענימער מיט בוימלדיקע כאָכמעלעך פון אויסגעהאלטנקייט פון יונגער זיקנע און פודרעט זיך מיט רויך פון גרויס-שטעטיקע ציגארן, איר, וואס קוקט מיט קנייטשעלע באם אויג, קלוגעטשקן קנייטשעלע פונם אייראָפּעאישן פעליעטאָניסט‟,—אזוי ווענדעט זיך ד. בערגעלסאן אינם ערשטן העפט „מילגרוים‟ צו א געוויסן מין קריטיקער. מיר פארשטייען און טרעפן, אין וועמען שיקט דער דיכטער זיינע פיילן. אבער, ווי פילט ניט בערגעלסאן, אז ווען מע האט בא דער זייט פרוי ווישניצער-בערנשטיינס ארטיקל: „מיר און די קונסט‟, פון וועלכן עס שמעקט מיט שימל פון די „געזעלשאפטן צו מונטערן קונסט צווישן אידן‟, איז א ריזיקע צו ריידן פון „יונגער זיקנע‟?

---

*) „די שיינקייט פון יעפעסן אין די געצעלטן פון שיים‟ — אַ מעליצע-פאָרמול איבער דער שיינער קונסט באַ אידן.

קומט דאן בערטאלדי-לאצקי, א מין אידישער קוירעך פון ניקאלאי בערדיאיעוו, איוואן קאראמאזעוו מיט הילעל-צייטלינישן „כאבאד״ (חבד) און דערקלערט: „ניט נאר אפגעריסענע אייוורים פונם אידישן גוף האבן זיך ווידער באהעפט מיט אים צוליב דער כסידישער היסלאיוועס און דווייקעס, נאר אפילע עמעסע גויאים האבן זיך דערנעענטערט צו אידישקייט, צו כסידעס״. אך, ד״ר ש. בערנפעלד פונם אמאליקן „הדור״ אין 1901 יאר, די דאקטוירים קלאצקין, פארשיידענע „בר־טוביהס״ מיט אייערע גרויסע „פילוסופישע״ אנטדעקונגען וועגן „מהות היהדות״ (דאס וועזן פון אידנטום) — אייער שכינע רוט אף בערטאלדי-לאצקין: דאס האט ער בא אייך געפונען דעם „ערד-גייסט״, נאך וועלכן ער האט זיך אמאל געיאגט, דעמדאזיקן גייסט פלאנצט ער איין אינם אידישן „מילגרוים״... רעדאגירט פון בערגעלסאן, ניסטער און די ווישניצערס, און דערפאר וועט איר אין „רימון״ (דער העברעאישער „מילגרוים״) פאפוליאריזירן בערטאלדי־לאצקין...

דער נעס פון דיפערענציאציע איז בעעמעס „אין לשער״...

וואוהין שטראָמט דער „שטראָם״? וואוהין ער ו י ל י אָ — איז שווער צו זאגן, דערפאר איז קלאר, וואוהין ע ר ו י ל נ י ט. ער וויל ניט צוריק, ער זוכט וועגן, ווי צו אנטלויפן פונם אלטווארג, פונם אלטן בארג שיימעס, סאציאל-פסיכאלאגישע און קולטורעלע שיימעס. ניט שטענדיק גיט זיך אים איין דער וואונש — אבער דער שטרעבן איז פאראן.

סטייטש? און האפשטיינס „ליד פון מיין גלייכגילט״? איז דאס ניט א רעצידיוו פון כיישעק צו אלטווארג? פון קוירים פאר שיימעס?

איז טאקע טייקעף האפשטיין ריכטיק אפגעשאצט געווארן: ס׳האט אים איבערגעדרוקט דער „מילגרוים״. אזוי ארום האבן כ. נ. ביאליק, ש. בערנפעלד, דובנאוו, ש״י איש הורוויץ, מוישע קליינמאן און אלע אנדערע מיטארבעטער פונם „רימון״ באקומען דורכן „מילגרוים״ זייער אידישלעכן הימן, און בערטאלדי-לאצקי וועט געפינען שטאָף פאר נייע געדאנקען אף דער אלט-נייער טעמע, אז א אידישע נעשאמע טאר מען ניט שאצן...

אבער ד. האפשטיין וועט אין „מילגרוים״ ניט זיין עלנט אין זיינע קאנאָסע־שטימונגען:

„פארן אָמעד,
פאר אנגעצונדענע ליכט
האב איך דערפילט מיין לייב,
די קלארקייט,
דעם גוטן רייעך פון מיין בלוט.
האט מיין לייב געזעען
מיספאלעלים קומען אלץ מערער,
פון אלעמען שיילן זיך אפ די קליידער, —
אלט-פארביקע וואָכן

פאַרגליוועדטע שווייסן
פון האנדל און וואנדל, —
ווי ליסקעס פארדארטע רידלען זיך,
פאלן אראפ״.

אזוי זינגט אף „נייע״ טעמעס קוויטקאָ פון „מילגרוים״. אמאל האט ער געזונגען פון „רויטן שטורעם״, וועלכער קערט אויס די „אלטע שמאטעס״ און „געשטאָרבענע שוין טאטעס״; פון „געאוינים״, וואס זוכן די וועלט באנייען. איצט געפינט ער זיך פארן אמעד—און דאָרט דערזעט ער, אז די מיספּאלעלים אין מאמענט פון ז יי ע ר הייליקייט ווארפן פון זיך אראפ די „ליסקע פון האנדלען און וואנדלען״...

דעם עכט-אידישלעכן טאָן, צוגעפּאסט צו דער סוויווע פון „רימון״ פון איין זייט, און פון די „חובבי-יהדות״ פון „אונזערע ברידער אין וועסטן״ פון דער צווייטער, דערגאַנצט ד. בערגעלסאָנס „אָנהויב כ׳ קיסלעוו תרעט״. אין אן אַנדער אָרט, באַ אַן אנדער מעסיבע, וואָלט עפשער דער פראגמענט אַרויס-גערופן גאָר אַנדערע שטימונגען, — אָבער אין „מילגרוים״, אַרומגערינגלט מיט אזוי פיל דאָקטוירים פון „פילוסופיה״, וויפל דער מילגרוים האָט קערלעך, מאַכט עס דעם איינדריק פון אַ וואַריאַציע אף די איצט אָנגענומענע אין אויס-לאַנד מאָטיוון: „קויפט, קויפט קוינים!״ און „איר, אידן בני רחמנים״...

דער „שטראָם״ איז ניט קיין קאָמוניסטישער זשורנאל — ער איז ניט קיין טריבונע פון פּראָלעטארישער קונסט. זיינע באַשעפער ווייסן עס אליין און דראַפּירן זיך ניט אין פרעמדע מאַנטלען. ער געפינט זיך אָבער אין גוטער שכיינעס מיט דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, — דערפאַר שוויבלט אין אים אַ ניי-גייסט. ער האָט אָפּט דורכפאַלן, אָבער דאָס נעמט זיך פון ריזיקאַלישע זוכענישן.

דער „מילגרוים״ זוכט גאָר ניט — ער האט אַלץ געפונען: אידישלעכע מעצענאַטן, אידישלעכע געפילעכלעך, איבערגעניצעוועטע שיימעס, — אזוי אז בערגעלסאָן און ניסטער באַקומען דאָרט אַן אויסזעען פון יוסטע באַלעבאטים...

ווייל דער נעס פון דיפערענציאציע איז פאַרוואנדלט געוואָרן אין דעם נעס פון אנדרויגינוס-ליטעראַטור...

7-טער אָקטיאבר 1923 יאָר

אַנאַכראָניזם

(יעדידיע מאַרגאָליס. ווייטע שיין. פראַגמענטן אין פערזן. 1922.
יעדידיע מאַרגאָליס. ניי-טעהילים. געזאַנגען, מאָסקווע, 1922.)

אַ מאָדנע דערשיינונג — יעדידיע מאַרגאָליס! ווען אף די שאַר-בלעט-
לעך זאָלן ניט זיין געגנוי באַצייכנט דאָס אָרט און די צייט, וואָלט דער קינס=
טיקער ליטעראַטור-פאָרשער געהאַט גענוג מי אויסצוגעפינען, אין וואָסער אן
עפּאכע און אין וועלכער סוויווע זיי זיינען דערשינען. די שפּראַך איז—אידיש,
און קימאַט ווי א היינטיק אידיש, האַגאַם... האַגאַם אזא אידיש וואָלט געקאָנט
דערשיינען אויך צוריק מיט 50 יאָר, מיט הונדערט יאָר און נאָך פריער... יע-
דידיע מאַרגאָליסן ציט, אַזוי צו זאָגן, דאָס „אייביק אידישע", דאָס באַנאַלע אין
דער שפּראַך, און אויב דאָס באַנאַלע איז, לויט מאַקס נאָרדאַאוס אויסדריק,
דאָס נעכטיקע אָריגינעלע, איז אָבער דאָס געווען אָריגינעל באַ די ערשטע באַ-
שעפער פון דער שפּראַך און פון די ווערטער, און צו דידאָזיקע באַשעפער גע-
הערט יעדידיע מאַרגאָליס ניט, ווי ס'איז באַוואוסט פון דער געשיכטע... קיין
ביואַנסירונג ניט בלויז פונם מאָמענט אין דער שפּראַך, נאָר אַפילע ניט פון
דער עפּאָכע; קיין בילדערישקייט; ניט קיין אינטואיטיווע, ניט קיין באַוואוסט-
זיניקע דאַיגעס וועגן ריטם, וועגן אינסטרומענטירונג, וועגן פאָרפאַרבונג פונם
וואָרט, — אַן אייגנאַרטיקע אָנווענדונג פונם באַרימערישן לאָזונג פון די אַמאָ=
ליקע דיכטער: „איך זינג ווי דער פויגל פריי"...

די מאָטיוון פון יעדידיע מאַרגאָליסעס פּאָעזיע? מיר געפינען באַ אים
ניט קיין איין היינטוועלטיש בילד, קיין איין מאָדערנעם מאָטיוו — יעדידיע
מאַרגאָליס נויטיקט זיך דערין ניט, ער איז לאַכלוטן ניט קיין מאָדערנער טעמ-
פּעראַמענט. ער איז מאַסקיליש=דידאַקטיש. מיט זיין כקירע-דיכטונג טראָגט ער
אונז אָפּט אריבער אין אָנהויב... 17 יאָרהונדערט אין דער עפּאָכע פונם דיכ-
טער מוישע כאַאים לוצאטא און זיין „לישרים תהלה", — אָבער שוין אָפּגע-
רעדט, וואָס באַ מאַרגאָליסן געפינען מיר ניט, פאַרשטייט זיך, לוצאטאס גרויסן
טאַלאַנט, פעלט אים דערצו יעדער סימען פון מיסטישן דראַנג, וועלכער האָט
אין לוצאטאן אזוי וואונדערלעך געשפּילט. דערמאָנט זיך אונז אָפּט די נאַיווע
דידאַקטיק פון ווייזלס „שירי-תפארת", — פעלט אָבער מאַרגאָליסן דער בריי=
טער פאַרנעם פון דער פּסעוודאָ-קלאַסישער ריטאריק, מיט וועלכער ס'האָט זיך
אויסגעצייכנט יענער פ י אָ נ ע ר פון מאַסקילישער פּאָעזיע. קומען אונז אריף

אַפֿן זינען די עפּיגאָנען פֿון האַסקאָלע-פּאָעזיע, — פֿעלט אים אָבער די אומיטלבאַרקייט פֿון זייער גראַפֿאָמאַנישער שפּראַך-פֿאַרליבטקייט... עפּשער נעמט זיך זיין פּאָעטיש רעזאָנירן און כקירען זיך גאָר פֿון יעהויאשן? נאָר יענער האָט זיין אינטערעסאַנטע אייגנשאַפֿט: אַן אָ ר ג אַ נ י ש ן ט אָ ל אַ נ ט פֿ ו ן ב אַ נ א ל י ש ק י י ט, — און יעדידיע מאַרגאָליס איז באַנאַל אָן דער סאנקציע פֿון פּאָעטישן טאַלאַנט...

ווי איר זעט, האָבן מיר געמאַכט א שפּאַצירגאנג איבער פֿאַרשיידענע טקופֿעס פֿון דער אידישער פּאָעזיע, קעדיי צו פֿאַרשפּאָרן דעם קינפֿטיקן פֿאָרשער צו באַשטימען די עפּאָכע, ווען י. מארגאָליס האָט געדיכטעט, — און האָבן אויסגעפֿונען, אז ער געהער אייגנטלעך צו אלע דוירעס, — ד. ה., אז ער איז א לעבעדיקער אנאכראניזם. באַזונדערס דריקט זיך עס אויס אין זיין „ניי-טעהילים". ער האָט דעם טילים ניט איינגעפֿירגערט אין דער אידישער פּאָעזיע, אים ניט איבערגעדיכטעט — ער האָט אים פּאָשעט געפּרואווט איבערניצעווען. אָבער דער טילים איז ניט קיין אַלטער אָנצוג, ער האָט נאָר איין זייט — די געניאַל-קינסטלערישע, און קערט מען אים איבער אף דער צווייטער זייט, בלייבט פֿון אים גאָרניט, און דאָס האָט י. מאַרגאָליס בוילעט דערוויזן. און קיינע האקדאָמעס מיט מאַטעריאליסטישע דערקלערונגען וועגן דעם אַנטשטיין פֿונם טילים קאָנען דאָ, ליידער, ניט העלפֿן.

אָקטיאבר 1922

אינדוסטריעלע מעליצע

(כאיעם גילדין. האמערקלאנגען. אויסגאַבע פון אלרוסלענדישן פּראָלעטקולט. מאָסקווע, 1922.)

ס'איז פאַראַן א גאַנצע ליטעראַטור וועגן די אַזוי אָנגערופענע „אויסערסייכלדיקע ווערטער", וואָס זייער ווירקונגס-קראַפט ליגט ניט אינם „פּירוש המלות", ניט אין זייער פּאָשעטן, פאַרשטענדלעכן טייטש, נאָר אין זייערע אויסטערלישע קלאַנגען, אין זייער אומגעוויינלעכע באַהעפטונגען. אזעלכע אויסערסייכלדיקע ווערטער-באהעפטונגען פלעגן פון אוראַלטע צייטן אָן באנוצט ווערן אין רעליגיעז-מיסטישע אבערגלויבערישע אָפּשפּרעכענישן, וואו מע פלעגט שטרעבן ניט צו ווירקן אַפן געזונטן פאַרשטאַנד, נאָר צו באשאפן אַ מין אויסערנאַטירלעכע פאַרבלענדעניש, וועלכע זאָל ברענגען אין א געפלעפטן צושטאנד די אויפגערודערטע געפילן.

אין דער אידישער סוויווע, לעמאָשל, פלעגט מען באַ אַ קינפּעטאָרן אויפהענגען „אויסערסייכלדיקע" אויפשריפטן, ווי „לא תחיה מכשפה", „תחיה מכשפה לא", „תחיה לא מכשפה"; „סיני, סאנסיני, סמאנגעלאף", בא פאַרשיידענע אָפּשפּרעכענישן פלעגט מען אויסרופן „קאקרנוסא דעקארנוסא", און אזעלכע אנדערע ווערטער-געברויכן פון א מעשונעדיקן „טארגום-לאָשן".

אַזאַ מין „אויסער פאַרשטאַנד"-ליטעראַטור איז געווען אָדער פאַרשפּרייט בעשאָס די פּרימיטיווע קולטור-צושטאַנדן פון דער מענטשהייט אָדער זי ווערט געברויכט פון נאַיווע פאָלקס-מענטשן, וועלכע הויבן ערשט אָן זייער קולטור-אויפגאַנג. מאַקסים גאָרקי, לעמאָשל, שילדערט אסאך ביישפּילן פון דער נעטיע פון פּאָשעטע פאָלקסמענטשן צו „אויסערסייכלדיקע" ווערטער. זיינע פּערסאָנאַזשן קומען אין אומגעוויינלעכער היספּאַילעס פון ווערטער, ווי „טראַנס-צעדענטאַל", „קא-נא-ליזאַציע" ניט צוליב זייער קאָנקרעטן פשאַט, וועלכער בלייבט פאַר זיי אַ סאָד, נאָר פון די אויסטערלישע פאַר זיי קלאנגען-באַהעפטונגען, דאָס סוידעסדיק-אויסגעטראַכטע וואָרט „אומבראקול" פאַרגאַפט זיי.

מיט דער צייט ווערט די סטיכישע ווירקונגס-קראַפט פון די „אויסערסייכלדיקע" ווערטער אויסגעוועפּט און זי ווערט פאַרוואנדלט אין מעליצע-טאראראם. דאָס הייסט ניט, אז דאָס באנוצן זיי פאַרלירט דאַפקע אין אויפ-ריכטיקייט. ווייל אויך מעליצע קאָן זיין אויפריכטיק. איר באנוצער ווערט אויך פאַרכאַפּט און פאַרטויבט פון אויסטערלישע קלאַנגען און ווערטער-באהעפ-טונגען, דער כילעק איז נאָר, וואָס מעליצע האָט שוין א טייטש, א פּאָשעטן „פּירוש המלות", נאָר דער טייטש איז שוין אן אָפּגעניצטער, דער מיין א בא-

נאַלער. אָבער פאַרן געברויכער פון דער מעליצע איז נאָך אויך ניט דער מיין דער איקער, נאָר די ווערטער-פאַרבלענדעניש, וועלכע שיינט אים צו זיין ניי און ערשטלינגדיק, פאַר אים איז עס א מיטל ארויסצורופן באַשטימטע גע-פילן-אַסאָציאַציעס.

צי קאָן אָדער מעג פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע זיין מעליצעדיק? צי קאָן אָדער מעג אַרבעטער-דיכטונג אָפּערירן מיט מעטאָדן פון „אויסערסייכלדיקער" ליטעראַטור?

געוויס ניט. דער פּראָלעטאַריאַט איז באַרופן אונז ארויסצופירן פון מוז, פון נויטווענדיקייט אין קיניגרייך פון „ב ח י ר ה", פון פרייען ווילן. ניט בלויז א פּלאַנירטע ווירטשאַפט וועט שאַפן דער זיגרייכער אַרבעטערקלאַס, נאָר אויך א פּלאַנירטע קולטור, אנשטאָט דער סטיכיע פון געפילן וועט הערשן דער באַגייסטערטער רעגוליאַטאָר פונם פאַרשטאַנד. דאָס הייסט ניט, אז מיר וועלן ווערן עמאציאנסלאָזע פאַרשטאַנד-מעכאַניזמען. דאָס הייסט נאָר, אז ס'וועט קו-מען דער העכסטער סינטעז, ווען געפילן וועלן דערגרייכן די גענויקייט פון פאַרשטאַנד, און דער פאַרשטאַנד וועט אין זיך איינזאַפּן די וויברירונגען פונם וואַכן געפיל.

ניט אומזיסט האָט די פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע אינם אָקטיאַבער-לאַנד פון אָנהויב אָן זיך אָריענטירט אַפן אינדוסטריאַליזם. די פאַבריק איז אין איר אָר-גאַנישער סכעמע דער העכסטער סינטעז פון ראַציאָנאַליזם און עמאָציאָנאַליזם, איר ריטם איז אַ רעגולירטער באַ זיין גאַנצער שיינבאַרער סטיכישקייט.

אויב פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע איז נאָך ניט קיין פאַקט, איז ווייל אַנ-שטאָט צו דערפילן דעם עמעסן מעהוס פון אַרבעטער-דיכטונג אלס אַ נייעם וועלט-באַנעם, האָט מען גיכער אַלפּי אינערציע געזוכט צו שאַפן א נייע פאַב-ריק-מעליצע און רעוואָלוציאָנערע טאַראַראַם-ליטעראַטור. אינטערעסאַנטע פּרואוון זיינען געמאַכט געוואָרן, אָבער אויסער אייניקע אויסנאַמען זיינען אָדער די פּרואומאַכער געווען סכעמאַטיקער אָן אינטואיטיוון טאַלאַנט אָדער טאַלאַנטן פונם אלטן בירגערלעך-דיכטערישן שניט. איז אָפּט ארויסגעקומען דאָס, וואָס דער כ' אָסינסקי האָט אַמאָל אָנגערופן אין „פּראַוודאַ" — „מעטאַ-לורגישע" פּאָעזיע...

כאַיעם גילדין איז אן אַרבעטער מיט אַ ריטאָרישן טעמפּעראַמענט, מיט אַ רעדנער-דראַנג. ווערטער האָבן נאָך פאַר אים פיל אויסערסייכלדיקס. שטרעבנ-דיק צו פאַרטויבן די אוידיטאָריע מיט אויסטערלישע פאַר אים קלאַנגען, ווערט ער דער ערשטער פון זיי פאַרטויבט און פאַרגאַפּט. און דאָ האָט זיך די אָק-טיאַבער-סטיכיע מיט איר פאַבריק-קולט ארייַנגעריסן אין זיין קליינוואַרשטאַט-וועלט און האָט אין איר געשאַפן אַ כאַאָס. פּרואווט ער באַהערשן דעם כאַאָס מיט אַלע אָפּשפּרעכענישן פון „מעטאַלורגישע" קלאַנגען-באַהעפטונגען. האַמער, טיגל, שקיוו, סירענע, קוימען, — אַלע די צויבער-ווערטער, וועלכע האָבן פאַר אים שוין ניט דעם מיסטישן באַדייט פון „סיני, סאנסיני, סמאנגעלאף", אָבער האָבן נאָך ניט געוואונען פאַר אים דעם אָרגאַנישן, נאַטירלעכן פּשאַט. אליין פאַרגאַפּט פון דעם אויסטערלישן ווערטער-טאַראַראַם, נעמט ער לעכאַטכילע אן

אומגעוויינלעך הויכע פאַלצעט-נאָטע און דערנאָך פאַלט ער שוין מעמיילע אלץ
נידעריקער מיט אַ הייזעריקער שטים. ער זאָגט ניט קיין איין געוויינלעך, פאַר
אים נאַטירלעך וואָרט, — ער האלט אין איין אויסשרייען פאַבריק-מעליצע און
רעוואָלוציאָנערע טאַראַראַם=ווערטער. ווייל אַלס ריטאָר, גיכער אַלס מיטינג-
רעדנער פילט ער זיך אנגאַזשירט פאַר דער אודיטאָריע זי צו האַלטן אין מע-
ליצע-אָנגעשטרענגטקייט. וואָלט עס נאָך עפשער ניט געווען קיין בייז — רעד-
נער=פאָעזיע! איז אָבער אין דער פאָזע פון א דיכטער פאַרגעסט ער די אוי-
דיטאָריע און הויבט אָן זיך אַליין שמעלצן אין קלוימערשט אינדוסטריעלער
„אויסערסייכלדיקייט”. בלייבן מיר שוין אינגאַנצן קאַלט און אנטוישט...

אַף וויפל אין גילדינס דיכטונג איז יאָ פאַראַן סכעמאַטישקייט און פאַר-
שטאַנד-שאפונג, דריקט זיך עס אויס אין זיין באַוואוסטזיניקן ווילן אריינצופירן
אין דער אידישער דיכטונג „אָרגאַניזירטע” פאַבריק=פאָעזיע. דערמיט אנטפלעקט
ער אָפט די ווערטער-באגרעניצטקייט אַפילע פון אונזערע בעסטע ניט פראָלע-
טאַרישע דיכטער. די לאַגע איז אים אָפט מעכאַיעוו צו ברעכן אייניקע ראַמען
פון אונזער דיכטער-וואָרט און צו נייע וואָרט-געברויכן. אַלס אַזעלכער, דער
ערשטער געקומענער פון אונזער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער=סוויווע, האָט
גילדין א געוויסן סימפּטאָמאטישן ווערט...

נאָיאבר 1922

אָן לאָשן

מוישע טייטש. כראָניק-בוך, כאַרקאָוו, 1922.
מוישע טייטש. אָקטיאַבר-פרייד. מאָסקווע, 1922.
מוישע טייטש. רעמאָנט. פון אלעף צוריק. אַלטעג. מאָסקווע, 1923.

ר׳ אויזער, דער קליינשטעטלדיקער ראָוו, אַן ערלעכער איד אַ קאַפּצן, האָט זיך איין מאָל אַריינגעכאַפּט:

געקומען איז ער אין שול, ווי זיין שטייגער איז, צו כאַפּן אַ מינכע און עפּשער אָפּלערנען מיט די „עשרה בטלנים" אַ בלאַט געמאָרע — און אַריינגעפאַלן איז ער גאָר אין אַ סאָציאַליסטישן מיטינג!

ס׳איז געווען „אין יענע יאָרן" פון 1905, ווען כעוורע האָבן אָנגעהויבן זיך אַריינרייסן אין די באָטע-מעדראָשים און האַלטן פייערדיקע רעדעס וועגן רעוואָלוציע און סאָציאַליזם.

און דעם קליינשטעטלדיקן ראָוו ר׳ אויזער איז אויסגעקומען צו הערן דאַפּקע אַ טאַלאַנטפולן רעדנער, וועלכער האָט שיין און מיט אַ גרויסער באַגייסטערונג געשילדערט, לויט מאַרקסן, ווי ס׳וועט אויפקומען דער סאָציאַליזם: פון אַרבעט ווערט מערווערט, פון מערווערט ווערט קאַפּיטאַל, קאָנצענטראַציע פון גרויסע מאַסן פּראָלעטאַריער אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן, קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל בײַ אַ קליין הייפעלע מענטשן,—דערנאָך איין מעכטיקער קלאַפּ: די קאָנצענטרירטע מאַסן אַרבעטער וואַרפן אַראָפּ פונם בענקל דאָס הייפעלע באַלעבאַטים—און אויס קאַפּיטאַליזם!

ר׳ אויזער איז שטארק ניספּאָעל געוואָרן:

— אַן איינפאַל!—האָט ער אַרויסגעזאָגט אין דער הויך מיט גרויס האַנאָע...

— איז, רעבע, עפּשער וואָלט איר אָנגעהויבן אין אייערע דראָשעס פּריידיקן סאָציאַליזם?

— ניין, מיין קינד, אַף אַזעלכע זאַכן פעלט בײַ מיר לאָשן...

מוישע טייטש, אַ ליטעראַרישער באָנציע-שווייג, איז זיך געגאַנגען זיין שרייבערשן וועג. אַ דיכטער איז ער געווען אַ שטילער, אָן פּרעטענזיעס. אַביסל נאַטור—אַ מין מאָרדכע ספּעקטאָר אין פּערזן, אַמאָל אַביסל נאַציאָנאַלע ליריק—אַ שוואַכער ווידערקלאַנג פונם רוסיש-שפּראַכיקן פּרוגן אין אידיש, זעלטן אַ פאַרטעמפּטער אָפּקלאַנג פון ביאַליקן אין מאָמענטן פון ביאַליקס גע-

בראָכענעם געמיט. אין 1918-טן יאָר האָט ער נאָך געהאַלטן אין שרייבן זיינע כאַרקאָווער „פּאָעמען".

„הויך, הויך, הויך, טאָ קלאַפּ זשע, האַמער,
הילכיק קלינג דו אייזן-ליד,
אַף א נייעם שטייגער האַמער
די געשיכטע פונם נייעם איד

(„פּאָעמען" 1918)

און דער „נייער שטייגער" איז געווען — פּאָעמען אין סטיל און גייסט פון פרוגן, געמישט מיט ביאַליקס מאָטיוון:

„און אָפּט פלעגן קלינגען די גלעקער און רופן.
די נעשאָמע איז הייליק, נאָר זינדיק די גופן.
די קלאַנגען זיי פלעגן מיט קוילעס זיך וועטן
און—„אָמר אביי" גלין-גלאָן און גלין-גלאַן—
עס פלעגן נאָך העכער די באכערים דאַן
די שטאַפּלען פון לערנען מיט פלאמען באטרעטן.
עס בלישטשן די אויגן, עס קנייטשט זיך דער שטערן.
זיי פלעגן די גלעקער אַזוי ווי ניט הערן,—
אַ איד איז אין גאָלעס, אוי „אמר אביי".
גאָט, היט דיינע קנעכט אינם פרעמדן געצעלט,
עס הערן זיך בסורעס: ניט גוט אַף דער וועלט.
עס ברענגט יעדער טאָג אַלץ אַ „גזיירע אַ נייע",

(„פּאָעמען")

מאָטיוון פון ביאַליקס „מאַסמיד", אַריינגעשטעלט אין א ראם פון פרוגס נאַציאָנאַלע פּאָעמען, אראנזשירט דורכן פאַרבלאָזן מוישע טייטש.

איז זיך מוישע טייטש געגאַנגען זיין שרייבערשן וועג, מיט דער קא-וואָנע צו שאַפן מאַכטייסע-דיכטונג אין דער געזעלשאַפט פון „עשרה בטלנים" פון די „יידיש"-פאַרלאגן. און פלוצים—די אָקטיאַבר-רעוואָלוציע! די ערד האָט זיך געשטעלט קאַפּויר, דער וועלט-סיידער איז מיט איין מעכטיקן קלאַפּ אומ-געענדערט געוואָרן.

„צעגאָסן עס האָט זיך דער בלוטיקער טייך,
דערטרונקן געוואָרן אָרים און רייך!"

— ווי ס'האָבן „געדיכטעט" אין סאָף 1917 יאָר אפילע אידישע גאַסן-זינגער אין קיעוו. מוישע טייטש איז ניספּאָעל געוואָרן:

— אַן איינפאַל! א דרייסטער איינפאַל!

— איז עפשער, מוישע טייטש, וועט איר אויך דיכטן אָקטיאַבר-רעוואָלוציע?

האָט ער אָנגעהויבן דיכטן אקטיאַבר-רעוואָלוציע, — האָט ער אָבער אַף „אַזעלכע זאַכן" קיין לאָשן ניט...

ווייל מוישע טייטש האָט איבערהויפּט ניט קיין אייגן לאָשן. ער איז אין טאָך אַ קלישע-דיכטער, שרייבעריש לעבט ער אַף קעסט. ער באַנוצט זיך מיטן גרייטן. אייגנטלעך, איז דאָך די אידישע שפראַך ניט קיין אויסגענוצטע

און ניט קיין אָפּגענוצטע. מיר האָבן דאָך נאָך אַ קליינע לעפּיערעך ליטעראַטור און אונזער וואָרט־מאַטעריאַל איז דערווייל נאָך געברויכט געוואָרן אַף זייער אַ באַגרעניצטן שעטאך מאָטיוון, שטימונגען, דערשיינונגען און געפילן. און דערדאָזיקער וואָרט-מאַטעריאַל לעבט און ברויזט דאַפקע אין די מאַסן און איז קימאט איגנאָרירט געוואָרן דורך אונזערע פאַרמעגלעכע און אינטעליגענטישע שיכטן. איז די, וואָס קומען פון די מאַסן, אויב זיי פאַרמאָגן נאָר בייגייסט און שעפּערישע, אינטואיטיווע פאַרבונדנקייט מיט די מאַסן, אַנטפּלעקן זיי אומגעריכט פאַר זיך און פאַר אונז נייע אויצרעס ווערטער, וואָרט-געברויכן און בילדער. אַ באַווייז: אָשער שוואַרצמאַן, קוויטקאָ, מאַרקיש, האָפשטיין, קושנירעוו, פינינבערג ביזן ערשטן בעסטן פונם „ווידערוואוקס" און אָפּילע כאים גילדין.

אין אונזער ליטעראַטור וואָלט דעם פוטוריזם אויסגעקומען ניט אַזוי צו צעשטערן און ברעכן פאָרם, — מיר פאַרמאָגן נאָך ווייניק פאָרם, נאָר דעם אינהאַלט, דעם אידעאלאָגישן גאַנג. דער רוסישער מאַיאַקאָווסקי (איך וועל דא ניט ריידן וועגן דעם „אינטערנאַציאָנאַלן" פוטוריזם) אין זיין „באפעל איבער דער קונסט-אַרמיי" בייזערט זיך:

„דעם ווייסגוואַרדייער וועט איר געפינען און צושטעלן צום וואַנט — און ראַפאַעלן האָט איר פאַרגעסן?... איר האָט אויסגעשטעלט האַרמאַטן אַפן ראַנד — אָבער פאַרוואָס האָט איר ניט אַטאַקירט פּושקינען?"...

האַגאַם ס'איז אויך אַ פּאָזע, אָבער עפּשער דריקט די קלאַסישע פּושקין-פאָרם אַף מאַיאַקאָווסקין. ווער האָט עס אַזוי געדריקט אַף מוישע טייטשן?

ס'זיינען נאָך פאַראַן גוטע בוכשטאַבן: Р. Т. Щ. — פרייט זיך מאַיאַקאָווסקי. אָבער מיר האָבן זיך איבערהויפּט קימאַט ניט פאַרנומען מיט אויסיעסקלאַנגען, אונזער גאַנצער אַלעפבייס וואַרט ערשט נאָך אַף אינסטרומענטירונג.

איז ווען מוישע טייטש, ניספּאָעל פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, האָט זיך גענומען צו אָקטיאַבער־דיכטונג, איז ער מעוואָלבל געוואָרן: אַף וועמען זיך שטיצן, העיויס ווי קיין אייגנס פאַרמאָגט ער ניט? האָט ער געמאַכט אַ פּייסעכדיקן „קוירעך": טאַנאַך, ניסטער און מאַיאַקאָווסקי, „באַארבעט דורך מוישע טייטש".

מאַיאַקאָווסקי האָט נאָך אין 1917 אָנגעשריבן „רעוואָלוציע, פּאָעטאָ-כראָניק" — איז אין 1922 דערפון ארויסגעקומען מוישע טייטשס „כראָניק־בוך". אָבער מאַיאַקאָווסקי שאַפט און וויל שאַפן אַ גרויסשטאָטישן, אווטאָמאָבילישן סטיל, מיט זיין שווינדלדיקער געבראָכנקייט, אָפּגעהאַקטקייט, נערוועזישקייט און דראַנגפעאיקייט. ווייל מאַיאַקאָווסקי האָט זיך זיין דיכטערישן „יכעס-בריוו". וואָס זאָל טאָן מוישע טייטש?

דעם אויסערלעכן כראָניק-סטיל האָט ער גענומען בא מאַיאַקאָווסקין: קרעמל, לענין, קאָמינטערן, פּאָווארסקאַיאַ, — מיט איין וואָרט דעם גאַנצן ציי־טונגס־לעקסיקאָן פון אַן עפּאָכע, וועלכע האַלט זיך אין שאַפן און וואָס יעדער ציי־טונגס-קעפּל אירער איז אַ סענסאַציע און אַנטפּלעקונג פאַר דוירעס. נאָר מאַיאַקאָווסקי נעמט די ראַדיאָ-פונקען פון לעבן און שאַפט פון זיי דיכטערישע לעגענדעס, — וואָס זאָל טאָן מוישע טייטש?

איז ער דאָך א איד, וואָס האָט ניט לאנג געהאלטן בא פרוגן, ביאליקן און „אמר אביי", דערמאנט ער זיך אין טאנאך, הויבט ער אָן שרייען נעוויאיש:

„דאָס איז די רייד". „נעם א דרייעקענעם א פירעקענעם א ראָמב און קירצער די זייטן שטעך דורך דורך דער ערד פון הימל ביז הימל" א. א. וו. („כראָניק=בוך").

אָבער איבערגעבן דעם סטיל, ריטם און אראמאט פון טאנאך איז צו שווער—און מע קען ארייגפאלן אין צו אָפענע מאגידעס. קומט דאָ צו הילף דער סימבאָלישער און דעפארמאַטיווער סטיל פון ניסטערן. דאָס, וואָס בא ניסטערן איז סוידעס-זוכערישע פאָלקס=נאטור, פארוואנדלטע אין מאָדערנע „נאכמאן בראצלאווישע" קונסט, ווערט בא מוישע טייטשן דורך „אָך-קוצך"-שטיק, דורך „האקוס-פאקוס" פון בעקיוונדיקער פאַיעט-פארדרייטקייט לויט אן אייגענעם באטלאָנישן מאכזער פארוואנדלט אין קלוימערשט סיסרעטוירע=גרימאסעס.

און לייענט איר מוישע טייטשס „אָקטיאבר"-שרייבעכצן, זעט איר:

„כראָניק-בוך" איז דעריקער מאיאקאָווסקי מיט טאנאכיש-ניסטערישע פארפארבונגען, „אָקטיאבר-פרייד"—איז קאָלבוי: מאיאקאָווסקי, אביסל פארקאסרילעוועטער אלעקסאנדראָווסקי און אנדערע פראָלעטארישע דיכטער אפן פאָן פון באנציעשווייגערישער היספאילעס.

„רעמאָנט".—דאָ האלט שוין מוישע טייטש, אז ער האָט שוין זיין סענסאציע אָפגעטאָן, און זיין נאָמען איז שוין פארייביקט. און אזוי ווי פון כיידער=אקראבאטיק איז ער שוין, ווייזט אויס, מיד, הויבט ער שוין אָן זיך אומקערן צו א מער אָדער ווייניקער פארשטענדלעכער שפראך. האָבן מיר „ריינעם" קימאט איבערגעזעצטן מאיאקאָווסקין, ריינעם אף מוישע טייטשיש איבערגעשריבענעם ניסטער (פון אלעף צוריק, קאפיטל ז, לעמאָשל) און איבערהויפט פרעטענציעזע פלוידעריי.

אָבער פאר די יאָרן איז מוישע טייטש קראנק געוואָרן אף גאדלעס-מעשוגאאס. „די נעשאָמע פון מיין דאָר האָב איך צעלייגט בא מיר אפן שרייבטיש", מעלדעט ער דער וועלט.

„דו אף דער וואך פון פארכארעוועטער ליטווירטשאפט.

„און אויב דאָס איז פאר אייך ניט פארשטענדלעך, זאָלן ריידן צו אייך שטיינער,—היי איר!"

דאָס לעצטע ביכל איז אינגאנצן געווידמעט דער שאפונג און דער פערזענלעכקייט פון מוישע טייטש: די גרויסקייט פונם „כראָניק=בוך"; ווי מע האָט מוישע טייטשן אויסגעשלאָסן פון ר. ק. פ.; ווי די וועלט פארשטייט ניט אים, דעם פיאָנער און ערשטבויער. דערביי גיט ער אָן, ווייזט אויס, פון קאָנספיראציע וועגן, פאלשע סימאָנים:

„און דאן האָב איך געזעען, אז דער דאָרף-פויער יעסענין איז מיר מער ברודער, איידער דער סאמע וואוילקענעוודיקער פון אייך, און איך שרייב פאַר די, וואָס נאָך קענען ניט לייענען".

ער רופט אָן יעסענינען,—נאָר מיר ווייסן דאָך, אז זוכן דארפן מיר גאָר בא מאיאקאָווסקין...

אָבער מוישע טײַמשס נײַע װערק זײַנען אין לעצטן סאַכאַקל אַ אינטערעסאַנטע סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע דערשײַנונג,—זײ באַװײַזן, װי אַ גרויסע עפּאָכע װירקט אין דער ליטעראַטור אױף „קלײנע מענטשן מיט קלײנע האַסאָגעס“: אין ערשטן מאָמענט נעמט זי בײַ זײ אָפּ דאָס לאָשן...

נאָר נישקאָשע: די רעװאָלוציע מאַכט גרעסער זײערע האַסאָגעס און קערט זײ סאָפּקאָלסאָף אום זײער נאַטירלעך לאָשן...

פּעװראַל 1923.

ערשטע פּרואוון

י. דאָברושין. „גאָט דער פייער” (יוגנט־פּלאַקאַט אין דריי בילדער).
אווראם וועוויארקע. „האָנעקריי” (מיסטעריע אין 3 אקטן). מאסקווע, 1923

ס׳איז שוין געוואָרן אַן אַלגעמיין אָרט, אז דער נייער אידישער טעאַטער האָט פאַר זיך ניט קיין פּאַסיקן רעפּערטואַר. ניט נאָר וואָס ער האָט ניט אין אידיש קיין דראַמאַטישע קונסטווערק פון אַ גרויסן פאַרנעם און סטיל, נאָר ער האָט אויך ניט קיין אַנטשפּרעכנדיקן אידעאָלאָגישן רוישטאָף פאַר סצענישער באַאַרבעטונג.

די פריערדיקע אידישע דראַמאַטורגיע, — איך רייד דאָ וועגן די אידישע דראַמאַטורגן, וועלכע ס׳זיינען געווען באַוואוסט די געבורט־ווייען פונם קינסטלערישן וואָרט און בילד, און ניט פון די גאָרדינס, ליבינס, קאָברינס א. א.— די פריערדיקע אידישע דראַמאַטורגיע איז געווען אדער איינגאַנצן אַריינגעטאָן אין קליינינקייטן פונם קאַסרילעווקער לעבנשטייגער אָדער איינגעטונקען אין אידישקייט־מאָטיוון. איך פאַררעכן עס ניט אַלס שולד פון דערדאָזיקער דראַמאַטורגיע. ס׳איז עפּשער געווען אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט פריער קינסטלעריש גויווער צו זיין, בייצוקומען די אלטע יערושע, קעדיי אָפּצורייניקן דעם וועג פאר דער היינטוועלטישקייט, פאַרן מאָדערנעם מאַטעריעלן און גייסטיקן לעבן־שטאָף. אָבער דער פאַקט איז, אַז דעם נייעם טעאַטער גיט קימאַט ניט אונזער פריערדיקע דראַמאַטישע (און אויך די ניט דראַמאַטישע) ליטעראַטור מיט וואָס צו אָפּערירן.

עמעס, ס׳איז געווען אַ מאָמענט, ערעוו און בעשאַס דער ערשטער רעוואָלוציע פונם 1905 יאָר, ווען אונזער דראַמאַטישע ליטעראַטור האָט זיך ווי אָנגעהויבן פּרואוון דורכצורייסן די אידישקייט־בלאָקאַדע פון אונזער רעפּערטואַר: ווייטערס „פאַרטאָג”, פּערעצעס „וואָס אין פידעלע שטעקט”, שאָלעם אַשס „גאָט פון נעקאָמע” א. א. — אָבער באַלד איז געקומען אַ שטאַרקער רעציִדיוו, און ווידער זיינען ווי פאַרשטאָפּט געוואָרן אלע קוואַלן פון מאָדערנע מאָטיוון, פון ברויזנדיקער היינטוועלטישקייט...

אין דער געשיכטע פון דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט איז געווען אַ מאָמענט, ווען דער אידישער אַרבעטער האָט געהאַט געוויסע סימפּאַטיעס צו דער כסידישער ראָמאַנטיק פון י. ל. פּערעץ, אין וועלכער ער האָט ווי דערפילט דעם גייסט פון מערידע, פון אויפשטאַנד פון

די אומבאהאָלפענע מאַסן קעגן דעם ראַבאָניש-גווירישן רעזשים פֿון דער אַלטער „קנעסעס-יסראָעל". אָבער פֿון איין זייט, האָט באַ איר שעפֿער גופֿע דידאָזיקע ראָמאַנטיק אָנגעהויבן דעגענערירן אין אַ געפֿערלעכע צווייִדייטיקייט, און פֿון דער אַנדערער זייט, זיינען אָנגעקומען די שטורעם-יאָרן פֿון מילכאָמע און רעוואָלוציע, באַקרוינט מיטן באַנייענדיקן אָקטיאַבר, און דער אַרבעטער האָט זיך איינגעאַנצן אָפּגעריסן פֿון דער נאַציאָנאַליסטישער „שטאָם"-ראָמאַנטיק. איז פֿאַרן נייעם אידישן טעאַטער, וואָס זיין געבורט איז פֿאַרזיכערט געוואָרן דורך דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע, גלייך נאָך זיין דערשיינען אָנגעקומען א רעפּערטואַר-קריזיס.

דער מעלוכישער אידישער קאַמער-טעאטער, אַן עמעס קינד פֿון אָקטיאבר, אין וועלכן עס ברויזן רעוואָלוציאָנערע שטימונגען און באַגערן, פֿלעגט זיך ביז איצט אַרויסדרייען פֿון דעמדאָזיקן קריזיס דורך מיטלען פֿון מאַיסטער-שאַפֿט פֿון דער רעזשי און פֿון זיינע בעסטע אקטיאָרן. ער פֿלעגט אויסנוצן קלאַסישע ווערק פֿון דער אידישער דראַמאַטישער ליטעראַטור נאָר אַלס סקע-לעטן פֿאַר סצענאַריען. און דאָס פֿלעגט טאַקע באַ אייניקע שאָמרים פֿון דער ווערדע פֿון ליטעראַטור אַרויסרופֿן באשולדיקונגען אין גרינגשעצערישער באַצי-אונג צו ליטעראַרישע טעקסטן. אָבער אַזעלכע מיטלען האָבן פֿאַרן קאַמער-טעאַטער געקאָנט גילטן, נאָר קאָלזמאן ער האָט געהאַט צו טאָן מיט דראַמאַ-טישע ווערק, וואָס צוליב זייער קינסטלערישער שוואַכקייט האָבן זיי ניט געקאָנט אַרויסווייזן קיין ליטעראַרישן ווידערשטאַנד די קאַוואָנעס און פּלענער פֿון דער רעזשי („קישעפֿמאַכערין", „גרויס געווינס"). און טאַקע דעריבער האָט דער טעאַטער אַלץ אָפּגעלייגט זיין אַרבעט איבער פּערעצן. פּערעץ איז אַ גרויסער ניסאָיען פֿאַר אַזא טעאטער, ווי דער קאַמער-טעאטער. פּערעצעס בעסטע ווערק שטעלן מיט זיך פֿאָר אַזא ליטעראַרישן יעש, מיט וועלכן עס איז שוין ניט אַזוי לייכט דורכצוקומען, — און אין דערזעלבער צייט באַלאַנסירן זיי איבערן טהאָם צווישן אלטע אידישקייט-מאָטיוון און מוירדישער (בונטאַרי-שער) פֿאָלקס-ראָמאנטיק.

פֿאַרשטייט זיך, ניט בלויז דער נייער אידישער טעאַטער האָט איצט ניט קיין פּאַסיקן רעפּערטואר, — דאָס איז אַן אלגעמיינע קרענק: די דראַמאַ-טורגיע, ווי אלע אַנדערע קונסטן, האָט די נייע טקופֿע פֿון גרויסע אויפֿ-טרייסלונגען געטראָפֿן פּלוצים — און זי קאָן נאָך אַדהאַיאָם ניט נאָכלויפֿן דעם שווינדלבייט פֿון די געשעענישן און זייער אָפּשטעמפּלונג אף דער פּסיכיק פֿונם נייעם דאָר. ווערן סאַי אין אויסלאַנד, סאַי באזונדערס אין רוסלאַנד געמאכט פּרואוון פֿון שאַפֿן נייע דראמאטורגיע. באַ אונז, אין מאָסקווע, איז אַפֿילע געוועזט געגרינדעט געוואָרן אַ „וואַרשטאט פֿון קאָמוניסטישע דראַמען" („מאַסקאָמדראם"), וואו ס'איז, עמעס, געגאנגען א אינטערעסאנטע ארבעט, וועלכע האָט אָבער דערוויל קיין באַדייטנדיקע רעזולטאטן ניט געגעבן.

קיין אידישע „וואַרשטאטן פֿון קאָמוניסטישע דראַמעס" זיינען ניט געווען, און דאָך קאָנען מיר פֿאַרצייכענען, אז אַ שטיקל אָנהויב פֿון ק י נ ס ט-

לעריש דערלאָזבאַרע קאָמוניסטישע פּיעסן אין אידיש איז געמאַכט געוואָרן. עמעס, ניט דורך אידישע אַרבעטער, וועלכע הויבן ערשט אָן די שול פון ליטעראַרישער איוורע. אָבער דאָך דורך אידישע ליטעראַטן, וואָס געפינען זיך דורכויס אונטער דער ווירקונג פון דער קאָמוניסטישער קולטור-אַרבעט אין דער אידישער סוויווע.

* * *

דעם ערשטן דראַמאַטישן „יוגנט-פּלאַקאַט“, וואס דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער יוגנט-פאַרבאַנד האָט אַרויסגעגעבן אין אידיש, איז געווען י. דאָברושינס „ג אָ ט ד ע ר פ ײ ע ר“.

„גאָט דער פייער“ איז טאַקע א פּלאַקאַט, ווייל ער איז בוילעט-קלאָר אין זיינע שטריכן, איינפאַך אין זיינע צייכענונגען, באַלערנד אין יעדן קער זיינעם. אָבער אין דערזעלבער צייט צייכנט ער זיך אויס מיט לייכטקייט. ס'איז אים געלונגען געגומען דער טאָן פון יוגנטלעך-לירישער נאַאיווקייט. אין זין פון פאָרם איז דאָס אַ קינסטלערישע קאָמפּילאַציע פון ענלעכע סימבאָליש-אַלעגאָרישע זשאַנרען. אין זין פון אינהאַלט — אַ לייכטע באַאַרבעטונג פון פיל מיטן (לעגענדעס) וועגן „גאָט דעם פייער“, וועגן פּראָמעטעוסן, וועלכער האָט דעם פייער גערויבט, וועגן דעם אייביקן קאַמף צווישן גאָט פון ליכט און גאָט פון פינסטערניש. אָבער געמאַכט איז דאָס אין אַ שיינער און זאַפטיקער שפּראַך, אין לייכטע פערזן, ס'איז אין דער עלעמענטאַרער אַלעגאָריע שפּילעוודיק אַריינגעפלאָכטן א זוניקער סיוזשעט פון יוגנט-ליבע, און אייניקע ערטער פון „גאָט דעם פייער“ בעטן זיך אין אַ כרעסטאָמאַטיע פאַר יוגנט-דיכטונג, און אינגאַנצן איז דאָס ווערק דורכגעדרונגען מיט פרייד פון רעוואָלוציע, באַשיינט מיט דורכויס רויטע פאַרבן פון אָקטיאַבר-זיג.

און דערצו איז דעמדאָזיקן פּלאַקאַט — טאַקע אַלס פּלאַקאַט — טעכניש ניט שווער צו שטעלן. אגעוו, איז ער שוין מיט ערפאָלג אויסגעפּרואווט געוואָרן אין פיל פאָרשטעלונגען פון דער אַרבעטער-יוגנט.

א באַזונדערן קינסטלערישן ווערט האָט די אויסגעצייכנטע פּלאַקאַט-אַרטיקע הילע פון נאַטאַן אלטמאַן.

* * *

וועוויאָרקעס „האָנענקריי“ איז אַ קינסטלערישע אַגיטפּיעסע. די טענדענץ איז אין דערדאָזיקער „מיסטעריע“ אזוי געשיקט אַריינגעפלאָכטן אין דער האַנדלונג, די האַנדלונג איז אַזוי דורכגעזאַפּט מיט אַ מין „מיסטעריאלן רעאַליזם“, אַז ערגעץ פילט זיך ניט און עס שאָקירט ניט קינסטלעריש דעם מעכאַבערס מיין: מיר באַקומען דעם מיין, דעם קיוון ווי קילעאַכעריאַד, שפּילעוודיק. די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע איז דאָ אַראָפּגעגנידערט פון אירע אומבעשאָלעמדיקע פּראָלעטאַרישע שלאַכט-הויכן און איז געבראַכט געוואָרן אין מאַגעמאַסע מיטן קליינבירגערלעכן אוילאָם-האַטויע פון שטענדיקע „אָניאים וועעווייונים“, פון „קליינינקע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס“ אין זייער עקספּלואַטאַטאָרישער אַרומרינגלונג.

...אין אַ קליין שטעטעלע האַרט בײַ יענער זייט גרעניץ פון רויטלאַנד איז אין בייסמעדרעש אַ שטיקל אויפרודערונג: דער פּאָרוש, וועלכער האָט געלעבט אין שול און מיט זיין אסקעטישן אידעאַליזם ווי באַרעכטיקט די אוילאָם־האטויע־עקזיסטענץ פונם ארום, איז אף א געהיימניספולן אויפן פלוצים נעלעם געוואָרן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ יערושע פון אַ „פּעקל שמאַטעס״. האָט זיך ארום דער „הייליקער יערושע״ אויפגעהויבן א מאכלויקעס פון גאָטספאָרכטיקע קרעמער, וועלכע פלעגן אמאָל ברענגען דעם פּאָרוש די שיראַים פון זייער טיש, קעדיי צו באַקומען א קאַפּאָרע אף זייערע קליינלעכע אוילאָמהאַזע־זינד... „קריגן זיך איבער שמאַטעס, אלטע פלודערן, לעכער, לאַטעס... זיי גלויבן, דער פּאָרוש האָט געלאָזט אַ פאַרמעגן...״ לאַכט פון די קרעמער א הינקעדיקער אָרימאן, איינער פון די, וואָס האָט שוין ניט אַף דער וועלט וואס צו געווינען און וואָס צו פאַרלירן.

וואו איז נעלעם געוואָרן דער פּאָרוש?

די אויפגערודערטע איידע זוכט דעם סאָד פון זיין פאַרשווינדן, מע דערמאָנט זיך זיינע סוידעסדיקע לעצטע ווערטער: ער האָט געזאָגט, אז „זיין וועג האָט קיין צוריק״, אַז „הינטער אים איז פאַרברענט די בריק״, אז ער „גייט צום סאָף״.

אבער ניט בלויז בײַ די אָרימע לייט האָט דער פּאָרוש מיט זיין פאַרשוואונדן ווערן אָפּגענומען די טרייסט. אויך דעם שטאָט־גוויר און קאָהלשן טאַקיף כאַסקל האָט ער מיט זיין אָפּטאָן זיך באַרויבט: כאַסקל פלעגט שטענדיק פארן לאָזן זיך איבער דעם גרעניץ נאָך קאָנטראַבאַנדע נעמען באַם פּאָרוש א בראָכע.

כאסקל האָט א רעכטן שעם בא דידאָזיקע אָרימע לייט און לופטמענטשן: „אף יענער זייט גרעניץ אין רויטינקן לאנד שינדט מען אַזעלכן די הויט״,— זאגט אף אים דער איינאויגיקער אָרימאַן. „די פעל, זאָגט מען, פארבט מען דאָרט רויט, און געמאכט ווערט א פאָן״.

„—ס'הויבט זיך ניט אָן!״—שרייט אן אַנדער אָרימאַן.—„זיי נוצן ניט קיין טאָמע פעל, אַזעלכן שיקט מען אין דער העל—און אַ סאָף!״

האַרט אַף יענער זייט גרעניץ פון רויטלאַנד האָט שוין די אָרימקייט אַ מער קאָנקרעטן באַגריף וועגן דער שטראָף, וואָס שטייט פאר זייערע עקספלואטאטאָרן נאָך אַף דער וועלט...

איז אַ בעהאָלע אין שול און מע זוכט דעם סאָד פונם פּאָרושעס פאַרשווינדן. זיי זוכן און געפינען ניט—ביז ס'קומט אָן דער לעץ.

דער לעץ—דאָס איז דער אומרו פון שטעטל האַרט נעבן גרעניץ פון רויטלאַנד, אַ מעפיסטאָפעל, אַ מאַרשאַלעק, אַ באַטכן, אן אַגיטאַטאָר,—„דער האָנענקריי פון מאָרגנרויט״. אים האָט מען געזעען אין שטאָט ערעוו דעם פאַרשווינדן פונם פּאָרוש.

דערציילט ער:

„יעדער פּאָרוש האָט זיין סאָד...
ס'האָט אַ פּאָרושל געלעבט,

אין אַ קלויז אַליין געלעבט,
צום בלאָ-גאָרנישט נאָר געשטרעבט...
פאָרוש האָט געפּייניקט לאַנג
שכינע אַף דער האַרטער באַנק...
און צו שאָ פון מאָרגנרויט
שכינע איז געווען טויט"...

ווערט א טומל אין קלויז: גאָטלעסטעריי! קוילעס, געשרייען, מע-מאָנט באַם לעץ, ער זאָל אַנטפּלעקן דעם סאָד, וואו איז דער פאָרוש אַהינגעקומען. דערציילט ווייטער דער לעץ:

„איז עפשער דער פאָרוש אַנטלאָפן
אַריבער דעם פינסטערן גרעניץ,
אין בלענדלאַנד אין רויטן געלאָפן,
געלאָזט אייך אַן אָנדענק אַ געניץ
אין אָרן באַ הייליקע ספאָרים...
— איר בלאָנקעט דאָך אַלע באַם גרעניץ
פון רויטן פאַרקישעפטן לאַנד...

— — — — — — — — — — —

איז עפשער דער פאָרוש אַנטלאָפן
אין רויטן פאַרקישעפטן לאַנד
און קומען צוריק אייך צעשטערן
מיט האַמער מיט שווערן אין האַנט!"

דאָ קאָן שוין כאַסקל ניט אויסהאַלטן:
„ס'אַראַ גרעניץ, ס'אַראַ האמער!
אונזער גרעניץ האָט אַ וואַך!
עפשער ווילט זיך דיר אַ קאַמער
אונטער שלאָס און ריגל".

נאָר דער לעץ אַנטפּלעקט סאָפקאָלסאָף דעם עמעס: דער פאָרוש איז געגאַנגען וועקן מייסים פון די קוואָרים און אַראָפּברענגען מאָשיאַכן.

כאַסקל גייט שוין גאָר אַרויס פון די קיילים: אַדאַנק זיינע באַמיאונגען האָט מען אויפגעהאַנגען דעם באָלשעוויק לייב דעם בערשטער, און לייבס קאַלע, די שיינע ראָכל, האָט כאַסקל גענומען פאַר א ווייב.

אָבער דאָ הויבן זיך אָן די צייכנס פון מאָשיאַכס צייטן: ס'דערהערט זיך שויפער-בלאָזן, די וואַסערן פון טייך הויבן אָן פלייצן אַף צוריק, די מאַצייוועס אַפן בייסוילאָם הויבן אָן ציטערן, און... עס גייט אַריין לייב דער בערשטער מיטן שטריק אַפן האַלז.

דער גאַנצער אוילאָם פאַלט אַריין אין געאולע-עקסטאַז און מע הויבט אָן היספּאַליעסדיק טאַנצן: „מאָשיאַך איז געקומען! מיר האָבן דאָס דערלעבט!"

— זיינען אויפגעשטאַנען אַלע מייסים? — פרעגט באַגייסטערט אַן אָרימאַן.

„איך בין דער ערשטער,— ענטפערט לייב.— „איצט שטיי איך דאָ דער

אַלטער בערשטער פון אַמאָל און וועל דיין כעשבן מאַכן,—ווענדעט ער זיך צו כאַסקלען.

אָבער כאַסקל פאַרלירט זיך ניט: ער איז זיכער אין זיין קאַפּיטאַל און אין דער מאַכט פון קאַפּיטאַל...

— אויב דו האָסט קיין מוירע ניט פאַר גאָט, וועט פּאָליציי דיך לערנען—דראָט ער דעם לעץ.

און צו לייבן:

„אויב ס'איז ווייניק הענגען—וועט מען שיסן!"

ס'קומט אָן אַ טאַנצנדיקע איידע אידן מיטן ראָוו אין שפּיץ. דער ראָוו איז אויך פאַרכאַפּט פון מאשיאַכס צייטן. אָבער ווען ער דערזעט לייב דעם בערשטער, וועלכער איז דער ערשטער אויפגעשטאַנען טכיאס-האַמייסים, ווערט ער טרויעריק:

„לייב דער בערשטער!.. פונקט איז ער דער ערשטער... מיילע, „ברוך מחיה מתים!"

דער אָרימער אוילאם וואַרפט זיך שלאָגן כאַסקלען. נאָר דער ראָוו לאָזט ניט: ער איז אַ רוידעף שאָלעם („קאָאַליציע" בלעז)... כאַסקל לויפט רופן פּאָליציי.

ס'קומען אָן באלעבאַטים. פארלאָרענע, צעטראָגענע: מיטנדרינען מאָשיאך! און די געשעפטן? די מויערן? די קאַפּיטאַלן—נאָר גאָרניט: מע מוז זיך צופּאַסן...

קומט אָן מאָשיאַך מיט קייטן אף די הענט. דער אָרימער אוילאם, אַפילע דער ראָוו ווערן ווילד פון סימכע: די אויסלייזונג איז געקומען. די באַלעבאטים פּרוּוון זיך לעכאטכילע צופּאַסן: מע באַרימט זיך מיט טאלמעטוירעס. דער ציאָניסט דערמאָנט הערצלען, שטעלט אַרויס די „התקוה" און דעם מאָגנ-דאָוויד... אָבער פּאָרזיכטיק דערפרעגט מען זיך באַם „הער מאשיאך", וואָס פאר נייס קלייבט ער זיך איינפירן... „גערעכטיקייט!"

„— אונזער געריכט איז אויך ניט שלעכט"...

מע מוז צעברעכן די קייטן פון מאָשיאכס הענט. איז די אָרימע לייט נעמען זיך ברעכן די קייטן,—די גווירים און באַלעבאַטים טאינען אָבער, אַז „ס'איז ניט זייער פאַך"...

דאָ קומט אָן כאַסקל מיט פּאָליציי: ווייזט זיך ארויס, אַז מאָשיאך האָט ניט קיין דאָקומענטן... אַלע—די גווירים, ציאָניסטן, באַלעבאַטים, דער ראָוו שאָקלען זיך אָפּ פון מאָשיאכן. די פּאָליציי אַרעסטירט דעם אויסלייזער באַם יאָמער פון די אָרימע לייט, וועלכע בלייבן ווייטער פאַרכאָלעמט „אַפן גרעניץ פון רויטן פארקישעפטן לאנד". אָבער לייב דער בערשטער דערקלערט סאי כאַסקלען, סאי דער אָרימקייט:

„איך בלייב! פאַר דעם, וואָס שטייט פון קייווער אויף, איז קיין צוריק פאַראַן. איך בלייב!"...

דאָס אַלץ ווערט געשילדערט אין א קאָלאָריט פון א כאָלעם אַפן וואָר אָדער צווישן כאָלעם און וואָר. יעדער טיפּ, יעדער פערסאָנאַזש, יעדעס בילד

איז געבאפּט ווי דורך אַ קאָדאַק, אין גאנג—א פּאָר שטריכן, טרעפלעכע ווערטער—און דאָס בילד איז קלאָר.

עמעס, די האנדלונג איז אָפּט צעצויגן, די רייד ערטערווייז צו לאַנג. אין צווייטן אַקט גייט דער אויפטריט פון הינערפלעט, בלאָוויס און קארפּ-קאָפּ אַריבער אין אַ צעצויגענעם קליינעם פעליטאָן. אָבער, ערשטנס, איז די פּיעסע איבערהויפּט א מין פעליעטאָן-מאיסע, וואָס דעם מעכאבער איז גע-לונגען צו דערהויבן זי אף דער מאַדרייגע פון א קונסטווערק פון דעם מין. צווייטנס, איז בא דער אינסצענירונג דידאָזיקע כעסרוינעס לייכט צו באַזייטיקן דורכן אַנטשיידנדיקן בליישטיפט פונם רעזשיסער...

די שפּראך איז א רייכע, לייכטע און בויגעוודיקע, די פערזן שפּי-לעוודיקע.

אַלנפאלס, דידאָזיקע צוויי פּיעסן מערקן מיט זיך א שטיקל אָנהויב פון רעוואָלוציאָנערער דראמאטורגיע אַף אידיש. דאָס זיינען, עמעס, לייכטע אָנ-הויבן, ניט פון גרויסן סטיל: ביידע ווערק קאָנען ניט פּרעטענדירן אף ווערן ווענדפּונקטן אין אונזער ליטעראַטור: פאר דעם זיינען זיי צו לייכטוואָגיק. אָבער אלס דער ערשטער פּרואוו צו געבן א קינסטלערישן אויסדריק פון אונזערע צייט-מאטיוון קאָנען מיר רעכענען די ביידע ווערק, באזונדערס דעם „האָנענקריי“, פאר גאנץ געלונגענע.

סענטיאבר 1923

יוגנט-ליטעראַטור

I

די סכעמע איז פאַראַן.

„כ'דאַרף אַליין, אַליין דאָ ניט בלייבן,
קיין כעשבוינעס כ'האָב מיט זיך,
כ'דאַרף קיין פריידן ניט פאַרשרייבן,
כ'דאַרף קיין רוכעס ניט פאַרטרייבן,—
אין מיין טיפעניש לעבט נאָר איך.
— — — — — — — —
— — — — — — — —
נאָר איך, הוילער, וויל רעגירן
זוך איך וועג, דאַרף איך שטעט,
פיר איך פאָרעדס אַף פאַרפירן
און געפין זיי וועג און טירן,
זוך אין זיי אָפּט נייע פרייד".

מיט די קרעפטיקע יוגנטלעך=פריידיקע ווערטער קוויטקאס קאָן מען כאַראַקטעריזירן די שטימונג און דעם לעבנס-באַנעם, וועלכע ס'וועבן זיך אין דער ליטעראַטור פון אונזער אַרבעטער-יוגנט. עמעס, מע קאָן נאָך אין דערדאָזיקער ליטעראַטור ניט געפינען קיין איין ווערק, — קיין איין דערציילונג, ליד, אַרטיקל אַפילע, — וואו דער נייער פסיכישער שניט זאָל שוין געפינען זיין פולקומע קינסטלערישע פאַרקערפערונג, די אַרבעטער-יוגנט האט נאך ניט באַשאַפן קיין איין פאַרענדיקטן קונסט-סימבאָל, קיין איין אויסקריסטאַליזירט בילד, — אָבער די *טענדענץ* האָט זיך שוין בוילעט אָנגעמערקט, די *סכעמע* איז שוין געגעבן געוואָרן. דאָס איז די סכעמע פון אַ סטיל, וואָס ס'שאַפט פאַר זיך דער נייער אַרבעטער=דאָר, וועלכער האָט זיינע קינדער-לידער פאַרנומען אינם שטורעם-געזאַנג פון די וועלט אויפטרייסלענדיקע אָקטיאַבער-שלאַכטן, וועלכער פארברענגט זיין יוגנט אינם צעשטערנדיקן און שאַפנדיקן נערויש פון וועלט-באַריקאַדן...

דאָס איז דער סטיל פון „עבודה משמחה", פון פראָלעטאַרישן יוגנט-עקסטאַז, פונם שפילעוודיקן אַרבעטער-קונדעס, וועלכער „דאַרף קיין פריידן

ניט פאַרשרייבן" ווייל זיי ברויזן אין אים שטענדיק אויך אָן אַלטבאָכערשער בוכהאַלטונג, וועלכער דאַרף אָבער אויך „קיין רוכעס ניט פאַרטרייבן", ווייל אַרבעטער=יוגנט איז אַ מין ווייַרעך פאר קאָלערליי רוכעס און שיידים...

דידאָזיקע סכעמע פון אַ נייעם טאָן דריקט זיך אויס דעריקער אין דעם ט י פ צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס די ארבעטער-יוגנט גיט אַרויס. אַ יוגנט-צייטונג אָדער זשורנאַל שטעלט מיט זיך פאָר עפּעס גאָר אַ נייס — אַ מין שעפערישן כאַאָס, אַ שטענדיקן ברויזן, אַ קעסלגרוב פון אירנדיקע קויכעס, אַן אומויפהערלעך שאַלן:

כעוורע וואָלקן, קומט אין פאָלקן,
כעוורע שטראַלן, קומט באַפאַלן. (קוויטקא)...

קיין זאַך איז דאָ ניט אָפּגעזעצט, אויסקריסטאַליזירט, ווייל פריי איז זי אינגאַנצן, די אַרבעטער-יוגנט, פון אַלטוואַרג-טראַדיציעס, ווייל זי דערקלערט האָזעדיק: „איך, דער הוילער, וויל רעגירן"...

„יונגער ארבעטער".

נעמט, לעמאָשל, דעם מינסקער „יונגער אַרבעטער". ס'איז אַן עמעסע מאַסן-צייטונג פאר יונגע אַרבעטער. אַ גאַנץ צוגענגלעכע, אָפּט אַפילע אַ פרימיטיווע שפּראַך, אָבער אין דערדאָזיקער פרימיטיווער פאָרם ווערן עפּעס ווי אומבאַמערקט איבערגעגעבן דעם יונגן אַרבעטער די סאַמע פאַרוויקלטע פראַגן און דערשיינונגען פון אונזער עפּאָכע. אַ גרויסער אומגעדולד, ברויזנדיקע ליידנשאַפט, אַן אומגעהערטע געוואַגטקייט קעגן יעדן סימען פון אַלטקייט, אַן אומבאַזיגבאַרער דראַנג צום שפּראָצנדיקן, — און אַלץ קליינינקע, וואָכעדיקע נאָטיצן, אַף וועלכע ס'איז אָפּט אַפילע שווער זיך לענגער אָפּצושטעלן, ווי אַף אַ שווינדלענדיקער קינאָ=פילמע.

„אויספירקאָם, נעם אָפּ קאָרשול", „באַשטראָפט די רעבעצן", „מיר פאַרמעסטן זיך", „לייבלס טאַטע צו באַשטראָפן", — אין די אַלע קעפּלעך, פול מיט קונדייסים=האָזע, ריין פון לאַנגווייליקער ערנסט, דריקט זיך אויס די זאָרגלאָזע זיכערקייט אינם ניצאָכן. דאָרט אין פאַרשימלטן שול-געסל צאַנקט נאָך דער אידישלעכער מיטלאַלטער אין זיין קאָנדענסירטער קאָשמאַר=פאָרם: פאַרכוישעכט-נעזירישע קינדער=מוסערניקעס, און דאָ, אינם „יונגן אַרבעטער", זינגט אַן אַרבעטער-קינד פון אַ קינדער-הויז":

קלאַפּן יונגע הערצער פריילעך,
שטעלן שטאָלצע מונטער טריט.
וויל איך מער שוין שטיין ניט בלייבן.
און איך גיי מיט יוגנט מיט.
זינגען זיירעס זמירעס אַלטע,
קרעכצן כורוועס אונטער פיס,
שפּילט מיין פידל פון ניצאָכן,
זיסע שטראָמען טענער גיסט...

(„יונגער ארבעטער" נומ׳ 4).

נאָך איין נייעם שטריך באמערקן מיר אינם „יונגן אַרבעטער“: ער האָט אַ כוש צו נייע ליטעראַרישע פֿאָרמען פון די „דערוואַקסענע“. די רעדאַקציע האַלט ניט, אַז לייטאַרטיקלען, לעמאָשל, דאַרפן זיין טרוקן, ווי מאַצע, און פלעכט גאַנץ געשיקט און, מע קאָן זאָגן, עלעגאַנט אַריין ציטאַטן פון אונזערע בעסטע נייע דיכטער. אָט איז אין איין לייטאַרטיקל (נומ. 2) וועגן דער קאַמפּאַניע קעגן יאָמים נוראָים, ווערט זייער פּאַסיק געבראכט קושניראָווס ווערטער פון צוויי באזונדערע לידער: „וואָס טויגן דערפאַרונג און כאָכמע פון אַלטע געמאָסטענע וועגן? „מיר האָבן רו פארביטן אַף סאַקאָנע“. און אין אַן אַנדער לייטאַרטיקל (נומ. 6) „וועגן 4-יאָריקן יובילײ פונם פאַרבאַנד“ ווידער צו דער זאַך קושניראָווס אַ שורע: „דאָס שטריקן פון זוניקע שפּיולען“.

מע פילט אַ נייעם אַרבעטער-דאָר מיט אַ נייער עסטעטיק. אָט, לעמאָשל, איינער פון די עלטערע, כ׳ אָשעראָוויטש, ווענדעט זיך אין דערזעלבער צייטונג נאָך אַ ציטאַטע צום אָפּגענוצטן, עלעמענטאַרן רייזין. „און איר ווילט די וועלט פארוויגן אין אַ טויטן טרויער-ניגן און פאַרדעקן מיט אַ מאַנטל פון אַ יעזואיט“...

ווייל מיר, דער עלטערער דאָר אַרבעטער-רעוואָלוציאָנערן, האָבן זיך דערצויגן אַף דער אָרימער, ניט אַזוי סאָציאַלער, ווי קאַפּיטאָנישער פּאָעזיע פון מאָריס ראָזנפעלד, אַווראָם רייזין א. אז. וו.

אָבער אויך בײַ קושניראָוון ווייסן די יונגע אַרבעטער וואָס צו נעמען, און ווען קושניראָוו צעיאַכמערט זיך, אַז ער פאַרמאָגט „שוין אַפילע אין טרוים ניט קיין לאַנד פון האָניק און מילך“, און אַז בײַ אים „אין נעשאָמע אַ מייזעלע שקראַבעט, — צי טאַטנס, צי זיידנס אַ ניגן“, — איגנאָרירט אים פּאַשעט די אַרבעטער-יוגנט און לאָזן אים איבער אויג אַף אויג מיט זיין נעשאָמע-מייזעלע...

און פּרואווט זיך נ. גארעליק אונטערטראָגן דער אַרבעטער-יוגנט עפּעס אַ מין זיסינקע „כצפיחית בדבש“, אַ לאַקריץ-פּריקרע קלוימערשטן „ארבעטער-נוסעך“, באַקומט ער טאַקע באַלד אַ מיעסן אָפּשניט פון אַן אַרבעטער-קונדעס מוישעלע („יונגער אַרבעטער“ נומ. 2)...

אָבער... ערשטנס, פארוואָס האָט דער „יונגער אַרבעטער“ אַזאַ שטאַרקע נעטיע צו אונז זקיינים? אונז קאָן מען אַריינלאָזן ווען ניט ווען אַלס גאסטראָליאָרן, אָבער ניט אַלס שטענדיקע, סיסטעמאַטישע מיטארבעטער. עמעס טאַקע „כלנו חכמים כלנו נבונים“, מיר זיינען ערנסטע, בעקאָוועדיקע, אַווטאָריטעטע פּערזאָנען, אָבער קיין יוגנט-פרייד קומט פון אונז ניט שטענדיק צו אין יוגנט-אויסגאַבן. אונז קאָן מען און מע דאַרף אויסנוצן, אָבער ניט צופיל אַף אונז בויען.

און צווייטנס, בײַ דעם כוש צו ליטעראטור-פאָרם באַגייט זיך דער „יונגער אַרבעטער“ צופיל נאכלעסיק מיט דער שפּראַך. אָפט דערלויבט ער זיך מאַמעש פארוואַנדלען אידישע פראַזן טאַקע אין אַ מין אדעסער „זשארגאָן“. דער „יונגער ארבעטער“ דארף פאַרמאָגן אַ שיינע, בויגעוודיקע, הארמאָנישע שפּראַך — און די רעדאַקציע דארף דערויף ווענדן מער אויפמערקזאמקייט...

„ליבקנעכטס דאָר״

אַ ווייטער מעהאַלעך טיילט אָפּ דעם מינסקער „יונגן ארבעטער״, וועלכע איז אַ מאַסן-צייטונג פאר פּאָשעטע אַרבעטער-יוגנט, פונם כאַרקאָווער „ליבקנעכטס דאָר״, וועלכע איז געווען באַשטימט פאַר דער אינטעליגענץ פון דער אַרבעטער-יוגנט. דער איינציקער נומער „ליבקנעכטס דאָר״, וואָס איז ביז איצט דערשינען, מאַכט אין אַלגעמיין אַ גאנץ גוטן איינדריק, אָבער, צום באַדויערן, איז ער מער ענלעך צו אַ רעגולערן „ערנסטן״ זשורנאַל און איז מייסטנס פארפולט פון „זקיינים״. קוים-קוים רייסט זיך באַ אים דורך די טענדענץ פון דער „שקאָצישער״ יוגנט. ערנסט, געשטעלט, אנגענעם, עלעגאנט אַפילע, ס׳באווייזט זיך אַמאָל אויך אַ קינדערשער זאָרגלאָזער שמייכל. אָבער אין סאכאַקל אַן „ערנסטער״ זשורנאַל, און אויב אַזוי, ווילט זיך אָפּט אים שוין שטעלן גרעסערע און אַנדערע פאָדערונגען... דאָך איז דער „ליבקנעכטס דאָר״ געווען דער ערשטער פּרואוו צו שאַפן אַ יוגנט-זשורנאַל. ס׳פילט זיך אין אים די אומזיכערקייט פון יוגנטלעכע זוכענישן נאָך אַ נייער זשורנאַל-פאָרם, און דערין ליגט זיין כיין...

„יונגוואלד״

איז געקומען דער מאָסקווער „יונגוואלד״ און האָט באוויזן, אַז די פאָרם איז געפונען געוואָרן.

„יונגוואלד״ איז אַן עמעס נייער טיפּ זשורנאל און דאַקע אַ יוגנט-זשורנאל. נעמט איר נאָר דאָס ביכל אין האנט — דערפילט איר מאַמעש דעם טראָט פון אַ מאַכנע אַרבעטער-קונדייסים, געבאָרענע דורך דעם אָקטיאַבר־קישעף. איר דערזעט קימאט בעכוש זייערע רויטע פאָנען, פאַרשייטע פלאקאטן, די לאַכעדיקע מאַסקעס פון זייערע קארנאוואלן. ס׳איז אַ העכערער סינטעז פונם מינסקער „יונגן אַרבעטער״ מיט „ליבקנעכטס דאָר״ צוזאמען.

„יונגוואַלד״ איז אַ סכעמע פון אַן אַרבעטער-יוגנטלעכן קעסלגרוב. פונם שאַר-בלעטל און ביז דער לעצטער שורע פילט איר ניט אין דער סכעמע קיין לאנגווייליקע פּויזע. יעדער קוואדראט איז פארפולט מיט אַ פּלי-נאָטיץ, מיט אַ צייכענונג, מיט אַ בליץ-ווערטל, מיט אַ מאַסקן-גרימאסע. פון יעדער שורע קוקט אַרויס אַ קונדעס-לעץ, וואס מאכט צונישט די אלטע וועלט און וואס דראפּעט זיך מיט „שקאָצישער״ דרייסטקייט אַף די שפּיצן פון דער קאָמוניסטישער צוקונפט, און דערביי איז דאָס ארויסגעזאָגטע ניט לייכטוואָגיק, נאָר ס׳האָט אַן ערנסטן אינהאלט. ס׳איז אַן אויסגאבע פאר קוואליפיצירטע לייענער, אָבער ס׳קאָן זי לייכט פארדייען אויך די מאסע. „יונגוואלד״ האָט איין אויפגאַבע: האלטן אין אויפגערעגטן צושטאנד, ניט לאָזן פארקילט ווערן, ניט שטויסן זיך אַף אַן אָרט... „יוגנט האָב איך, יוגנט איז מיין בעסטער אויצער״.

אָבער אויך „יונגוואַלד״ איז נאָך דערווייל בלויז א סכעמע, ניט קיין אויספירונג. עמעס, דער „יונגוואלד״, ווען ער נעמט „זקיינים״, צווינגט ער זיי זיך „מאכן יונג״. גילדין מיט זיך אין זיין דערציילונג נעמען אַ „יוגנט-

לעכן״ טעמפּ (דערביי לויט א גאנצער ריי „דערוואקסענע״ מוסטערן מיטאמאָל), אָבער ס׳קומט דאָך אויס גאנץ שווער. וועוויאָרקע פארכאָכמעט זיך צוביל „אַלפּי יוגנט-קארנאוואל״. די צייכענונגען זיינען ניט אף דער געהעריקער הויך, די נאָטיצן זיינען געשריבן בעכיפאָזן.

אָבער אין דעם ערשטן נומער איז דער איקער די סכעמע — און זי איז גלענצנד. דער ט י פּ איז געגעבן געוואָרן. „יונגוואלד״ אלס סכעמע פון א נייעם, נויטיקן טיפּ יוגנט-זשורנאל איז א דערגרייכונג. איצט בלייבט נאָר אָנפילן די סכעמע, און ס׳פילט זיך, אַז דער רעדאקציע וועט עס זיך איינגעבן. זי ווייזט אַרויס גענוג קונסט צו מאנעוורירן סאי מיט אייגענע יוגנטלעכע, סאי מיט „אימפּאָרטירטע״ „עלטערלעכע״ קויכעס, איז דעריבער דער כוויו פון די לעזער — ניט בלויז פון די יוגנטלעכע — צו שטיצן דעם „יונגוואלד״.

„יונגוואלד״ דאַרף און וועט ווערן דער קוואל פון נייער ליטעראריש-קינסטלערישער יוגנט-פרייד, זאָל ער נאָר ניט צונויפמישן יוגנטלעכע זאָרגלאָזיקייט מיט ליטעראריש-קינסטלערישער נאכלאזיקייט און בעכיפאָזנדיקייט...

אפּריל, 1924.

4 נומערן „יונגוואלד״

דער „יונגוואַלד״ האָט פאַר זיך גרויסע און שווערע אויפגאַבן — ער שטייט אָבער אויך פאַר גרויסע ניסיוינעס.

דער „יונגוואַלד״ האָט ניט קיין ליטעראַרישע אָוועס, קיין פארגייער, — ער איז זיין אייגענער אָנהויב, זיין יכעס-בריוו הויבט זיך אָן פון אים אליין. ווייל גערעכט איז געווען כ׳ מוני אַפן פלענום פון דער צ. ב. פון די יוגנט-סעקציעס: קיין מוסטער האָט דער „יונגוואלד״ ניט געהאַט און האָט אַדהאַיאָם ניט.

דער „יונגוואַלד״ האָט די גראַנדיעזע אויפגאַבע ארייננצוציען די אַרבעטער-יוגנט אין קרייז פון ליטעראַריש-קינסטלערישער קולטור, אָבער ניט בלויז אַלס אָ ב י ע ק ט — ליטעראַטור פ אַ ר דער אַרבעטער-יוגנט, נאָר אויך אַלס ס ו ב י ע ק ט — ליטעראַטור ד ו ר ך דער אַרבעטער-יוגנט געשאַפענע. און דאָ אַרבעט דער „יונגוואלד״ מיט אייגענע ניט אויסגעפּרואווטע מעטאָדן.

אַ יוגנט-זשורנאַל? די „יונגע גוואַרדיע״ (אין רוסיש) איז אויך א יוגנט-זשורנאַל — און א גאנץ אינטערעסאַנטער זשורנאַל. אָבער דאָס איז א „דיקער זשורנאַל״, אַן „ערנסטער זשורנאַל״, א מין באַרג סינאַי, פון וועלכע פּאַרטייאישע גדוילים און קאָמיוגישע אַקטיווויסטן טראָגן פּאַרטייאישע טוירע און קאָמיוגישן גייסט די אויסדערוויילטע פון דער מאַסע. ס׳איז אַ נויטיקע אויפגאבע, א וויכטיקע אויפגאַבע, אָבער... די „יונגע גוואַרדיע״ האָט זיך איינגעשלאָסן אינם קלאַל פון די רוסישע דיקע זשורנאַלן, און דערמיט אַליין פאַלט זי שוין ארונטער אונטער דער גרויסער פראַגע וועגן זיין באדייט, ווירקונג און ווייטערדיקן גוירל.

דער דיקער זשורנאַל האָט שוין אויך אין רוסלאַנד לאַנג פאַרלאָרן זיין

געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע אָנפירנדיקע ראָלע. דעם ערשטן קלאַפּ האָט אים
נאָך געגעבן די רעוואָלוציע פון 5-טן יאָר, וועלכע האָט געהאַט אויפגעעפנט
אַסאַך ווירקזאַמע קאַנאַלן פון געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישער אויפווירקונג. דער
אָנגעקומענער דערנאָך רעזשים פון 3-טן יוני האָט אַביסל געהאַט רעסטאַוו-
רירט זייער ווירקונג, אָבער די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע האָט זי אינגאַנצן אָפּגע-
געשאַפט. די טאָג-פּרעסע, די פּאַרטייאישע און אַרבעטערשע קרייזן, די קאָמיו-
גישע אַנשטאַלטן, די קולטור- און בילדונגס-אָרגאַנען, די ראַטן-נעץ, — מיט איין
וואָרט, דער אומגעווייגלעך פאַרצווייגטער אַפּאַראַט פון דער אנויפהערלעך
טעטיקער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע כאַפּט אזוי ארום פון אַלע זייטן דעם אַרבע-
טער-בירגער פונם ראטן-לאַנד, ער האַלט אזוי שטענדיק אין פאָרמירן זיין קער-
פּער און גייסט, אז דער דיקער זשורנאַל איז איצט עפּעס א מין מוישעוו-כאַ-
כאָמים, וואָס קאָן בעשום אויפן ניט באוויזן נאָכצויאָגן דעם טראָט פונם אימ-
פּעטיקן קולטור-לעבן. דעריבער האָבן זיי שוין לאַנג פאַרלאָרן דעם כיין און
רייץ פון אַקטועלקייט, און זייער לעזער האָט אַפילע ניט שטענדיק קיין קלאָרן
באַגריף וועגן דער מאָס פון זייער פּעריאָדישקייט. ס'איז דאָך ניט קיין צופאַל,
וואָס די מער אָנגעזעענע צווישן די דיקע זשורנאַלן („קראַסנאַיאַ נאָווי", „פּעט-
שאַט אי רעוואָלוציא" א. א.) דערשיינען איין מאָל אין צוויי כאַדאָשים: ס'איז
ניטאָ וואָס זיך צו איילן, דער לעזער וואַרט ניט אַף זיי מיט אַמאָליקן אומ-
געדולד...

און אונטער דעמדאָזיקן גוירל איז אויך ארונטערגעפאַלן די „יונגע גוואר-
דיע". ווען אין ראַטנפאַרבאַנד רייסט זיך יעדער פרישער שטיק לעבנשטייגער
איבערגיסן זיך אין קונסט און ליטעראַטור, און יעדער צאַפּלדיק ווערק פון
קונסט און ליטעראטור זוכט סטיכיש די יועגן, ווי אָנצוטאָן זיך אין בלוט און
פלייש פון לעבנשטייגער, — בלייבט די „יונגע גוואַרדיע" אין די ראַמען פון
ריינער ליטעראַטור, האַגאַם הויך קוואַליפיצירטער ליטעראַטור.

דער „יונגוואַלד" איז אַוועק מיט אַנדערע וועגן. ס'איז ניט קיין ליטע-
ראַטור — ס'איז לעבנשטייגער; ס'איז אָבער אויך ניט קיין לעבנשטייגער —
ס'איז אן אנויפהערלעכער פּרואוו צו שאַפן ליטעראַריש-קינסטלערישע לעגענ-
דעס פון שטיקער לעבנשטייגער.

און דאָ וויל איך מאַכן אייניקע זייטיקע באַמערקונגען, וועלכע האָבן
אָבער אַ שאַיכעס צו אונזער טעמע.

אין זיין אַרטיקל „וועגן ליטעראַרישן לייענשטאָף"*) האָט כ׳ דאָברושין
באַשאַפן אַ פאַלשע טעאָריע וועגן „לעזערישער ליטעראַטור", אַלס פאַרבאַריי-
טונגס-שטופע צו „עמעסער ליטעראַטור". ווי ס'איז צו זעען פונם אַרטיקל,
רופט כ׳ דאָברושין אן „לעזערישע ליטעראַטור" דאָס, וואָס די דייטשן רופן אָן
„אונטערהאַלטונגס-ליטעראַטור", ד. ה. ליטעראַטור אף אונטערהאַלטן זיך, אף
צייט-פאַרברענגען. ס'איז פאַראַן אזא מין ליטעראַטור פון דער צווייטער
אָדער עפּשער פון גאָר א נידעריקער מאַדרייגע, וואו ס'ווערן דעם באַלעבעסל,

*) „עמעס" 1923-טן יאָר, נומ. 253

דעם בירגער און קליינבירגער אונטערגעטראָגן אין א לייכטער, ניט „קאָפּדרייערשער" סאַכאַרין-פאָרם סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע, קולטורעלע און קינסטלערישע פּראָבלעמען פון דער עכטער ליטעראַטור. אָבער דאָס איז ניט קיין „אריינגאנג אין ליטעראַטור", דאָס איז ע מ ע ס ע ליטעראטור, נאָר פאַר געוויסע שיכטן לעזער, וואָס וועלן שוין צו קיין עמעסער ליטעראַטור קיין מאָל ניט זויכע זיין. די נאַטירלעכע לעזער פון די רוסישע ווערביצקאיא, פּאָטאַפּענקאָ, מאַרק קריניצקי, אָסיפּ דימאָוו א. א., פונם ענגלישן לאָק, פונם פראַנצויזישן מאַרסעל פּרעוואָ, פון דער דייטשישער קלאראַ פיביך א. א. פילן זיך אין דערדאָזיקער ליטעראַטור ניט ווי אין אַ פּאָדערצימער, נאר ווי אין זייער אייגנטלעכן סאַלאָן.

דער אַרבעטער און דער פאָלקסמענטש איבערהויפּט, וועלכע רייסן זיך שטורמיש צו פאַרנעמען דעם אויבנאָן פון דער געזעלשאַפט, נויטיקט זיך ניט אין „אונטערהאלטונגס-ליטעראַטור", ער לייענט ניט צוליב צייט-פאַרברענגען. ער זוכט אין ליטעראַטור דאָס וואָרט, וואָס, לויט פּושקינס אויסדריק, „צינדט אָן די הערצער פון מענטשן". דער אַרבעטער שאַצט נאָר דאָס וואָרט, וואָס אנטהאלט אין זיך אָרגאַניש פאַוסטס דרייאייניקייט: וואָרט-געדאַנק-טאַט. ער פאַרגרייזט אָפּט, ער פאַלט אַריין אַפילע אין די אָרימס פון אַ שאָמער, אָבער נאָר דערפאַר, ווייל די שאָמערן פּאַסן זיך צו צו זיין האַנדלונגס-כיישעק, און דערביי לייגט דער פאָלקסמענטש אַריין אין די שאָמערס און די פינקערטאָנס זיין אייגענעם אינהאַלט. אויב דער אַרבעטער נויטיקט זיך יאָ אין פאַרבארייטונג — און ער נויטיקט זיך אין איר געוויס, — איז דאָס אין דערזעלבער מאָס, ווי ער נויטיקט זיך אין עלעמענטאַרער פאַרבארייטונג צו קולטור איבערהויפּט: די קונסט איז ניט קיין אויסנאַם, ווי עפּעס א מין קוידעש-קאדאשים. ביפראַט נאָך, ווען מיר האָבן נאָך אַזאַ שאַרפן און באַלערנדיקן ביישפּיל: דעם מעלוכישן אידישן קאַמער-טעאַטער האָבן פריער אָפּגעשאַצט די אידישע אַרבעטער, וועלכע נויטיקן זיך קלוימערשט אין אַ פּאדערצימער-סטאַזש, און דאַפּקע די סאַלאָן-קויהאַנים פון ליטעראַטור און קונסט האָבן אים ניט פארשטאנען און דעריבער באַקעמפט...

און אויב „דער אָקאָרשט געקומענער פרישער מאַסן-לעזער" האָט טאַרומעס צו דער נייער אידישער ליטעראַטור, איז ניט דערפאַר, וואָס זי איז אַ „דערגרייכערישע", נאָר דערפאַר, וואָס אין איר דויערט נאָך „דעם זיידנס מיטוואָך": ניט דער נייער לעזער וועגדעט זיך לויטן ניט „ריכטיקן אַדרעס", נאָר די ליטעראַטור האָט פאַרלאָרן דעם ריכטיקן אַדרעסאַט, — דעם אַרבעטער-קלאַל, — און שאַפט פאַרן קליינבירגער.

און די „כאַוויירים פון קאָמיוג" שטעלן זיך די אויפגאַבע צו שאַפן ניט אַ רעוואָלוציאָנער-קינסטלערישע „צוגרייטונגס-ליטעראַטור", נאָר טאקע די ליטעראַטור גופע. זיי וועלן זי עפּשער איצט נאָך ניט שאַפן, ווייל קיין נייע א י ־ ג ע נ ע קויכעס זיינען ניטאָ, און די אַלטע אַנדערע קויכעס זיינען דערווייל אָדער זייטיקע אָדער אויסגעגאַנגענע. איז אין דער הינזיכט א צוגרייטונגס-לי-

טעראָטור ניט בלויז דער „יונגוואַלד", נאָר אויך דער „שטראָם" אליין — יע־דערער אין זיין געביט.

און דער „יונגוואַלד" זאָגט צו פיל מער, ווי יעדער אנדערע ליטעראַ־טור באַ אונז. „איר האָט געשאַפן אַ נייעם צאַפּל", — האָט אַמאָל געשריבן וויקטאָר הוגאָ דעם דיכטער שאַרל באָדלער. דער דיכטער פונם בורזשואזן רע־וואָלוציאָנערן אויפגאַנג וויקטאָר הוגאָ האָט דערפילט אַ נייעם צאַפּל אין דער דיכטונג פון שאַרל באָדלער, דעם ערשטן דיכטער פונם בורזשואזן אָפּגאַנג. אי־בער „יונגוואַלד" טראָגט זיך אויך אַ נייער צאַפּל — דער צאַפּל פון אַבסאָ־לוטער, פולשטענדיקער ליקווידאַציע פונם „זיידנס מיטוואָך". מע דאַרף קענען כאַפּן און פילן דעמדאָזיקן נייעם צאַפּל ניט אזוי אין די קאָנקרעטע ווערק פונם „יונגוואַלד", ווי אין זיין סכעמע, אין זיין גייסט, אין זיין שפּראַך, אין זיינע האַוואַיעס, אין זיינע שטיק.

דער „יונגוואַלד" זוכט, דער „יונגוואַלד" עקספּערימענטירט. אָבער וואָס זאָל ער טאָן, אויב מיר האָבן נאָך ניט קיין שרייבער, אויסגעוואַקסענע אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, אויסגעהאָדעוועטע אין די שטורעמען פון אָקטיאַבר? האָט ער אין צווייטן נומער געמוזט זיך ווענדן, לעמאָשל, צו יעפּים זאָזוליאַ, אויך אַ זייטיקער מענטש אין דער אַרבעטער-באַוועגונג און אין דער אָקטיאַבר-רע־וואָלוציע, עפּשער נאָך מער אַ זייטיקער, ווי אונזערע שרייבער. ער קאָכט זיך אבער איצט אין פּאַרטייאיש-סאָוועטישן שטייגער, ער פּרוּווט זיך באַהערשן זיינע קינעמאַטאָגראַפישע שטורעם-סיטואַציעס, וועגן אונזערע דיכטער, לעבנדיק אין ענגער שכיינעס מיט די „יעווסעקן", האָבן אָבער אין דערזעלבער צייט פאַרהיט אויך די אַוטאָנאָמיע פון זייער קליינבירגערלעכער ארומרינגלונג און קאָכן זיך ניט — ניט אין קיין אַרבעטער-סוויווע און ניט אין פּאַרטייאיש-סאָ־וועטישן לעבנשטייגער. שרייבן זיי אָפּט גוטע, קינסטלערישע זאַכן אַף רעוואָ־לוציאָנערע סיטואַציעס, שטאַרקערע און מער באַגייסטערטע, ווי זאָזוליאַס, אָבער ס'פילט זיך אין זיי שטענדיק דער זייטיקער פּריינט מער, ווי דער אָרגאַנישער מיטגייער... ווייל פאַר אונזערע שרייבער איז געקומען די צייט ארויסצושטעלן פאַר זיך אליין דעם אַקטיוון לאָזונג: טיפער אין די אַרבעטער-מאַסן! מיטן לייב און לעבן אין פּאַרטייאיש-סאָוועטישן שטייגער!

איז דער ערשטער נומער „יונגוואַלד" געווען בלויז אַ סכעמע, פון וועל־כער ס'האָט געברויזט מיט לעבן, מיט באַוועגונג, מיט לוסט, מיט קונדייסים־האָזע פון אַ נייעם אַרבעטער-דאָר. דאָס צווייטע העפט האָט זיך געפּרוּווט פאַרפילן די סכעמע מיט קאָנקרעטן אינהאַלט דורך אימפּאָרטירן פאַבריקאַטן פון לייכטער אינדוסטריע. די פאַבריקאַטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר שוין צו לייכטע. האָט די רעדאַקציע אינם לעצטן נומער באַשלאָסן אליין ווערן אַ פאַב־ריק פאַר איבעראַרבעטן רוישטאָף אין גרייטע פּראָדוקטן. און מע דאַרף זאָגן, אַז דער פּרוּוו האָט זיך איינגעגעבן: דער פערטער נומער איז דער בעסטער פון די ביז איצט דערשינענע העפטן „יונגוואַלד".

וואָס איז די אויפגאַבע פון אַ ליטעראַריש ווערק? ס'זאָל באַפליגלען, ס'זאָל וועקן, ס'זאָל הויבן, ס'זאָל רירן — ס'זאָל באַהערשן אַלע אייערע כו־

שים. און דער 4-טער נומער טוט עס. פון דער הילע מיט איר יאָדערדיקן מאט־ ראָס באַם שיף־רודער ביזן בריוו־קאַסטן מיט זיין „דערלאַנגסט („דאַיאָש") לי־ דער און בריוו!" שטייט דאָ מאַמעש א קאָמיוגישער הו-האַ, אַ לעבנסלוסטיקער אימפעט פון רויש-בילדער, שלאָגווערטער, מאַיסים און קונצן. ערדבערגס „צוויי וואָכן" איז אַ געשמאַקער „דערלאַנגסט" פאַר א דראנגפולער קאָמיוגישער קי־ נאָ-פילם; שאַצקינס דערציילן וועגן זיין געוואַגטער נעסיע איז מאַמעש א וואונדערלעכע אוואנטיורן-געשיכטע, מונים יובילי-ארטיקל איז א מוסטער פון אַ נייעם זשאַנר פובליציסטיק — קאָמיוגישע בילדערישע פובליציסטיק.

און די שפראַך! אַזאַ לעבעדיקע, זאַפטיקע, יאָדערדיקע, פינקלדיקע אי־ דישע שפראַך קאָן מען זעלטן געפינען אין אונזער ליטעראַטור — סאַי אין דער פעריאָדישער, סאַי אין דער ניט פעריאָדישער.

איז דאָס קונסט? מע קאָן זיך דאָ אַוועקזעצן און דרייען מיטן פינגער: קיינע קלאָלים פון קונסט זיינען דאָ ניט אָפגעהיט געוואָרן, ניטאָ די אויסגע־ פראוועטע „אינטואיציע", ס'בלייבט ניט קיין דויערנדיקער קונסט-אָפזאַץ, ס'איז „קיי און שפיי". אָבער איך האָב שוין געזאָגט: „יונגוואלד"-זשאַנר דאָס איז קונסט, וואָס גרעניצט מיט לעבנשטייגער, דאָס איז לעבנשטייגער, וואָס האַלט באַ איבערגעשמאָלצן ווערן אין קונסט. דאָס איז אין דער צוקונפט א דורכרייס אינם פאַרשימלטן פראָנט פון אונזער ליטעראַטן-פאַך. עפשער וועט יעדער איינצלנער נומער „יונגוואַלד" ניט לאַנג לעבן, — איבערגעלייענט, האַנאָע גע־ האַט און אַראָפ פון מאַרק, — אָבער „יונגוואלד" אלס אַן אָנויפהערלעכער רינג פון נומערן, — דאָס איז גאָר א נייע און וויכטיקע דערשיינונג. און אלס אזעל־ כע דאַרף מען אים נעמען: „יונגוואלד" אלס א נייער גייסט-צושטאַנד, אלס א נייע ספירע, ריידנדיק אַפן לאָשן פון דער קאַבאָלע.

און דאָס בעסטע אינם 4-טן נומער איז דאָס, וואָס ס'פילט זיך, אז ער איז איינגאַנצן, אַלנפאַלס אין זיינע שלאָג-טיילן באַשאַפן געוואָרן נאָר דורך קאָמיוגיסטן, און די עלטערע האָבן זיך שוין צו זיי צוגעפאַסט,—לעמאָשל, די געלונגענע פעליעטאָן־מאַיסע פון כ' לעוומאַן. „דערלאַנגסט" יוגנט-לוסט!...

אָבער טאַקע צוליב דער נייקייט פונם זשאַנר, צוליב דער ניט אויסגע־ פראוועטקייט פון די וועגן שטייט דער „יונגוואלד" אין שטענדיקן ניסאָיען אריינצופאַלן אַמאָל אין לייכטן זשאַנר, ווי די אויסגאַבן פון טיפ „אָגאָניאָק" אָדער אַמאָליקן „בלויען זשורנאַל" (רוסיש). דער 4-טער נומער איז דערוויל אַ באַווייז, ווי די קונדייסים פונם קאָמיוג קאָנען באַלאַנסירן אַף אַזאַ אָפגרונט און ארויסגיין מיט ניצאָכן. אָבער זיי דאַרפן דאָך שטענדיק האָבן אין זינען דידאָזיקע געפאַר און זיין אָפגעהיט.

נאָיאבר 1923.

III

צוויי יאָר „יונגוואַלד“.

ווען צוריק מיט אַ יאָר אָנדערהאַלבן האָט איינער אַ קאָרעספּאָנדענט (פון זשיטאָמיר) דערציילט אין „עמעס“, אַז דעם „יונגוואַלד“ לייענען מיט באַגייסטערונג דעריקער עלטערע אַרבעטער, האָט דאָס בא מיר ארויסגערופן ווידערשפּרעכיקע געפילן.

פון איין זייט:

ס'איז גוט, וואָס עלטערע אַרבעטער ווייזן ארויס אַזאַ כוש צו יוגנט-לעכן ברויז! דאָס באַווייזט, אז זיי פאַרמאָגן נאָך אין זיך גענוג נעשאָמע-קראַפט צו שטיין אַף די פּאָסטנס פון דער רעוואָלוציע—„דערלאַנג“ יוגנט-פריינט! ביפראט נאָך, אז די יעדיע איז אָנגעקומען פון זשיטאָמיר, פון אַ שטאָט אין אוקראינע, וועלכע האָט איבערגעלעבט אַלע אומבאשרייבלעכע ליידן און ווייטיקן צוליב די „תרפ״ט אלפים“ קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע מאַכטן און באַנדעס. איז נאָך, הייסט עס, פאַראַן גענוג פּולווער אין אונזערע פּולווער-טאַשן!

אָבער פון דער צווייטער זייט:

פאַרוואָס עפּעס דעריקער עלטערע אַרבעטער? און וואו איז די אַרבע-טער-יוגנט? פארוואָס לייענט זי קימאַט ניט דעם „יונגוואַלד“? צי איז די יוגנט געבאָרן געוואָרן מיט פאַרעלטערטע נעשאָמעס, אָדער עפּשער איז די אַרבעטער-יוגנט „אינטערנאַציאָנאַליזירט“ לויטן קאַסרילעווקער שניט, ד. ה. פארפאַלענע אַנאַלפאַבעטן אין אַלע שפּראַכן?

איז אַריבער צוויי יאָר „יונגוואַלד“-עקזיסטענץ—און וואָס זעען מיר?

די אַרבעטער-יוגנט האָט זיך באַשאַפן איר פּרעסע. זי האָט דעם „יונגן אַרבעטער“ אין ווייסרוסלאַנד, די „יונגע גווארדיע“ אין אוקראינע, און ביידע צעשויבערן זיי די יוגנט-מאסן, האָבנדיק אין זייער אַוואַנגאַרד דעם שטענדיק פרישן, מונטערן, שאַלנדיקן „יונגוואַלד“.

ווייל דער „יונגוואַלד“ איז שוין געוואָרן אַ קולטור-יעסאָד, אַן אייגנס פון דער אידישער ארבעטער-יוגנט, וואָס, אַליין באַווירקט פון איר זשורנאַל, לייגט זי פון איר זייט מיט יעדן נומער ארויף איר שטעמפּל אַף אים. און אין דערזעלבער צייט האָט דער „יונגוואַלד“ ניט פאַרלאָרן זיין כיין אויך בא די עלטערע אַרבעטער. זיי לייענען אים עפּשער ניט ווי פריער — די יוגנט האָט

אים סאָפּקאָלסאָף צוריק „עקספּראָפּריאירט“ בא זיי, אָבער לייענען אים לייענען זיי.

צוליב זיין רעוואָלוציאָנערער יוגנטלעכקייט שפּריצט דער „יונגוואַלד“ מיט פרייד, מיט שמייכל — און אונזער גרויסע רעוואָלוציע, וואָס שלאָגט זיך דורך איר וועג אין אַזעלכע בלוטיקעליידן, פאָדערט, מאָנט פרייד. פון איין טיפן קוואַל נעמען זיי זיך — די אייביק יונגע פרייד פון דער „קישעפּמאַכערין“ אין מעלוכישן אידישן טעאַטער און די יוגנט-פרייד פונם „יונגוואַלד“.

און די זעלבע אייגנאַרטיקע באַציאונגען צווישן עלטערע און יוגנט האָט דער „יונגוואַלד“ איינגעשטעלט ניט בלויז צווישן לעזער, נאָר אויך צווישן שרייבער.

אָט לאָמיר נעמען אונזער „אַלטע גוואַרדיע“. מיר פאַרמאָגן, עמעס, ניט אין דער אידישער סוויוע קיין אַלטע באָלשעוויסטישע גוואַרדיע, מיר פאַרמאָגן אָבער אַן אַלטע רעוואָלוציאָנערע גוואַרדיע, וועלכע האָט זיך סאָפּקאָלסאָף געשטעלט אַפן באָלשעוויסטישן פּאָסטן און פילט אויס מיט ערע אירע קאָמוניסטישע שליכעס. גיבן זיי זיך לייכט אונטער דעם צויבער פון „יונגוואַלד“. כ׳טע עסטער, וועלכע מיידט אַזוי עקשאָנעסדיק אויס דעם עלטערן ערנסט פון „עמעס“, איז די שטענדיקע מיטאַרבעטערין פון „יונגוואַלד“, וועלכן זי באַצירט מיט אירע שענסטע אַרטיקלען, וואו די פּאָפּולערקייט פונם אויסלייגן איז אַזוי גלענצנד צונויפגעפּאָרט מיט דער טיפקייט פון לעניניזם. און אַפילע דער פאַרזאָרגטער כ׳ מערעזשין „בעלעטריסטלט“ אויך וועגן „רויטע סוסאַנינס“, ווייל קאָן מען דען אין „יונגוואַלד“ קומען מיט שווערמוט און דאַיגעס?

אָבער דא איז פאַראן א געוויסער כיסאָרן: די מאַרקסיסטיש-לענינשע געשולטקייט פון דער אַלטער גוואַרדיע האָט נאָך אין „יונגוואַלד“ קיין אומבייט ניט געפונען. קיין קאָמיוגישע טעאָרעטיקער אין אידיש זיינען נאָך ניטאָ, און דער „יונגוואַלד“ האָט נאָך ניט באַשאַפן זיין פּובליציסטישן זשאַנר, קיין אייגענע לענינשע פּובליציסטיק איבערהויפּט.

אָבער זעט, וואָס פאַר אַ שטיק דער „יונגוואַלד“ האָט פאַר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ אָפּגעפּראַוועט אין געביט פון „שיינער ליטעראַטור“.

דער „יונגוואַלד“ איז דערשינען אין אַ מאָמענט, ווען אין אונזער שיינער ליטעראַטור האָט געהערשט אַ שווערער שטילשטאַנד. קלעזמער האָבן געקלעזמערט און „געלידלט“, ווי עפּעס אין אַ „ליידיקן גרויסן אַרום“ (פּעפּער). גוט געקלעזמערט, שלעכט געלידלט — אָבער עפּעס ווי „גלאַט אין דער וועלט אריין“. די „עלטערע“ קריטיק האָט געפאָדערט קאָנקרעטע רעוואָלוציאָנערישקייט, די שרייבער האָבן זיך געאַמפּערט, זיך געשפּאָלטן און זיך אַלץ — ניט דיפערענצירט... רייסט זיך אריין דער „יונגוואַלד“, הויבט אָן ארויסכאַפּן דעם אָדער יענעם שרייבער אָן אונטערשייד פון גרופּעס און שמעלצט זיי איבער אין זיין קאָמיוגישן שמעלץ-אויוון. די סאַמע שווערוואָגיקע מוזן פאַרן „יונגוואַלד“ ווערן רירעוודיקער, ארויסבאַקומען פון זיך דעם פונק, וואָס טליעט ערגעץ אין זיי, און — זוכן קאָנקרעטקייט. אזוי ארום האָט „יונגוואַלד“ גע-

צוואונגען עלטערע שרייבער צו באשאפן, לעמאָשל, די „יונגוואַלד"-נאָוועלע. ס'איז שוין פאראן אזא זשאַנר. ס'איז דערווייל בלויז רוישטאָף פאר קומענדיקער רעוואָלוציאנערער בעלעטריסטיק, קיין קינסטלערישן ווערט האָט דאָס ניט, אָבער אין דער ווירטשאַפט פון דער פלינקער „יונגוואַלד"-כעווריע קומט דאָס צונוץ.

און ס'איז איבערהויפּט אינטערעסאנט, וואָס די יוגנט-פּרעסע איז געווארן בא אונז די ערשטע זאמלערין פון ליטעראַרישע קויכעס: סאי פון נייע, פּראָלעטארישע, סאי פון די עלטערע, וואָס זוכן נייע אידעאָלאָגישע וועגן, אזוי איז ניט בלויז מיט „יונגוואַלד", נאָר אויך מיטן מינסקער „יונגער אַרבעטער".

אָבער דער „יונגוואַלד" האָט זיך באשאפן זיין אייגענע קאפּעלע—יונגע פרישע קויכעס, וואָס גרייטן זיך ערשט צו זייער קומענדיקער ארבעט און דערווייל שמידן זיי זיך אין דער „קוזניע". אייניקע זיינען שוין באשטימטע האַפּטאָכעס פאר דער שפּראָצנדיקער אַרבעטער-ליטעראטור. אָט איז, לעמאָשל, דער יונגער זעצער ראַבין, וועלכער האָט אָנגעהויבן מיט „שטראָם"-שווערמוט און מיט יעדן טאָג אָטעמט ער פריי און פריש אָפּ, ארויסווייזנדיק אַלץ מער סימאָנים פון אַן עכטן שרייבער. אָט איז, לעמאָשל, א צווייטער זעצער קאהאן. אַן אָנפאנגער מיט אייגנארטיקע שטימונגען, וואָס האלט זיך אין אויסקריסטאַליזירן אונטער צוג-ווינטן פון פארשיידענע ווירקונגען. אָט איז וויינערמאַן, א פרישער „ארבעטער-פויערשער" יוגנט-דיכטער, וואָס דערווייל „פּעפּערט" ער און „כאריקט" נאָך, אָבער שוין מיט אייגענע פּערספּעקטיוון, און אנדערע. דאָס זיינען אַלץ „יונגוואַלד"-כעוורע,—נייגיריקע, דורשטיקע, זוכערישע, יונגע, דרייסטע...

אָבער אויך דאָ פעלט וויסן. אַן איבערגעטריבענער דראנג צו אויסערלעכקייט, די נעטיע באַלד צו מאכן פון אַלץ אַ קלישע.

דאָסזעלבע אויך אין דעם סיידער (דעם „ברעכן") פון „יונגוואַלד". לעבן, טומל, הוהאַ, קונדייסים-שטיק. אָבער אין אָנהויב האָט דאָ געשפּילט סטיכיע, איצט מאכט מען נאָך זיך אליין. ס'הויבט אָן פארלירן דעם רייץ פון אימפּראָוויזאציע ... ס'הויבט אָן פארלירן דעם רייץ פון אירונג, פון ברויזונג. אַ נעטיע צו קלישע. מעג דען אָבער דער „יונגוואַלד" פון אַ זשורנאַל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מין... צינקאָגראַפיע? און ביז וואַנען מוזן זיין די צייכענונגען פון „יונגוואַלד" אזוי... שוואַך?...

ווילט זיך מיר דעם „יונגוואַלד" ווינשן און... וואָרענען:

היט אייך, כעוורע, פאר קלישע! זעצט ווייטער פאָר אומבאצוואונגען אייער שפּילעוודיקע יוגנט-שאַפונג! פארהיט אייער קאָמוניסטישע פרישקייט, אָבער פארפעסטיקט און דערגאַנצט זי דורך טעאָרעטישן שטודירן דעם לעניניזם.

אפריל, 1925.

„קונסט בּיכלאַל און אר-
בּעטער-שאפונג בּיפראַט״

„קונסט בּיכלאַל און ארבּעטער-שאַפונג בּיפראַט מוזן פאַרנעמען א פּאַ-סיק אָרט אין „עמעס״,—שרייבּט כ׳ הארעדאקער אין זיינע „געדאַנקען פון א לעזער״ *).

פאָדערט אזוי ארום כ׳ האראדאקער פונם „עמעס״ צווי „קליינ׳קייטן״: קונסט ביכלאַל און ארבעטער-שאפונג ביפראַט.

עפנטלעך, אין דער פרעסע, ווערט די פאָדערונג, אז דער „עמעס״ זאָל געבּן „קונסט בּיכלאל״ געשטעלט צום ערשטן מאָל. אבער אין בּריוו פון לע-זער, אין אָנצאָליקע געשפּרעכן איז די גאַנצע צייט געשטאַנען די פראַגע: פאַרוואָס פעלט אין „עמעס״ „ליטעראַטור בּיכלאַל״ — דערציילונגען, לידער, ליטעראַריש-קריטישע אָפּהאַנדלונגען א. א. וו.?

וואָלט איך זיך געקאָנט ארויסדרייען פון דער פראַגע מיט א לייכטן ענטפער: פאַר די צוויי יאָר, וואָס דער „עמעס״ דערשיינט רעגולער, איז אין אים ליטעראַטור „בּיכלאַל״ (וועגן ארבעטער-שאַפונג „ביפראַט״ וועל איך ריידן שפּעטער) געווען ניט ווייניקער, ווי אין „פראַוודאַ״, לעמאָשל. אין „פראַוודא״ זיינען פאַר דער גאַנצער צייט געווען געדרוקט א פּאָר דערציילונגען פון וו. איוואנאָוו און עטלעכע לידער פון אַזעלכע דיכטער, וואָס זייער שאפונג קאָן פאַררעכנט ווערן פאר ליטעראַטור „בּיכלאַל״. אין „עמעס״ זיינען פאַר דער אַנטשפּרעכנדיקער צייט דערשינען עטלעכע דערציילונגען פון ש. גאָדינער, פון א. קושניראוו, פון ש. פּערסאָוו און לידער פון ד. האָפשטיין, א. קושנירָאָוו א. א. און איך קאָן דרייסט זאָגן, אַז די זאַכן, וואָס זיינען געווען גע-דרוקט אין „עמעס״, זיינען סאַי אין הינזיכט פון „קונסט בּיכלאל״, סאַי אין הינזיכט פון זייער אָקטיאַבּר-גייסט אין קיין פאַל ניט געווען מינדערווערטיקער פון די זאַכן, וואָס זיינען דערשינען אין „פראַוודא״. מער האָט ניט געקאָנט געבּן די „פּראַוודא״, ווייל זי איז ניט קיין ליטעראַרישע טריבונע, נאָר א פּאָ-ליטישער שלאכט-אָרגאַן מיט אָנצאָליקע רעוואלוציאָנערע טאָג-אויפגאַבן. מער האָט ניט געקאָנט געבן אויך דער „עמעס״, ערשטנס, צוליב דערזעלבער סיבּע, און צווייטנס,—און דאָ קומט דער איקער ענטפער,—ווייל מיר האָבּן ניט גע-קאָנט געפינען קיין פּאַסיקעס אינם ארסענאַל פון דער איצטיקער אידישער ליטעראַטור...

*) „עמעס״, 6-טן אקטיאבר 1923.

די אידישע ליטעראטור אין ראַטנפאַרבאַנד לעבט איצט איבער א שארפן קריזיס *). ערשטנס, איז עס אַן אייגנארטיקער פארם-קריזיס: ס'איז פון איר קימאַט אינגאַנצן פאַרשוואונדן די פּראָזע. די מאָדערנע אידישע ליטעראַטור איז אַנטשטאַנען ווי א פּראָזע-ליטעראַטור, זי האָט זיך אנטוויקלט אין פאָרם פון ראָמאַנען און דערציילונגען, זי האָט ארויסגערוקט קלאסיקער פּראָזאַאיקער,— קלאסיקער דיכטער זיינען בא אונז דערשינען ערשט די לעצטע יאָרן, און דער ערשטער (אויב ניט דער איינציקער) צווישן זיי איז דאָוויד האָפשטיין,— און מיטאמאָל זיינען ווי פאַרשטאָפּט געווארן די קוואלן פון פּראָזע-שאַפונג! אויסער דעם צוזאָגנדיקן ש. גאָדינער, וועלכער האָט זיך אָבער נאָך ניט זעלבסט-באשטימט, און ד. וואָלקענשטיין, וועלכער איז, ערשטנס, אַן עקלעקטיקער און שאפט א מין סטיל-געמיש פון ל. טאלסטאָי און מ. גאָרקי, שאָלעם-אליי‌כעם און ד. בערגעלסאָן, און צווייטנס, האָט ער דערווייל פאַרעפנטלעכט נאָר פרואוו-עטיודן, האָבן מיר ניט קיין איין פּראָזאאיקער. אנשטאָט דעם האָבן מיר מאַמעש א פארפלייצונג פון לידער, און האָגאַם דער ענגלישער שרייבער אועלס שילדערט אין איינעם פון זיינע אוטאָפּישע ראָמאַנען די צוקונפטיקע מענטשן, וועלכע וועלן ריידן מיט א געזאַנג, ווי די פֿויגלען, איז אבער פאַר די איצטיקע מענטשן לעבן מיט א ליטעראַטור, וועלכע באַשטייט פון לויטער לידער און געזאַנג, גאַנץ שווער און... אביסל לאַנגווייליק.

צווייטנס, איז דער קריזיס א אידעאָלאָגישער, א סאציאל-פּסיכאָלאָגישער. האַגאַם די אידישע ליטעראַטור איז לויט איר עצעם שטענדיק געווען א קליינבירגערלעכע, האָט זי זיך אין געשטאַלט פון אירע שעפער די גאַנצע צייט פון איר עקזיסטענץ סוביעקטיוו, פּסיכיש אָריענטירט אַף די אידישע ארבעטער-מאַסן. און ס'איז גאַנץ נאַטירלעך: קיין אַנדער אָרגאַנישע אוידיטאָריע אויסער דער אידישער ארבעטערשאַפט האָט די אידישע ליטעראַטור קיינמאָל ניט געהאַט און וועט נאָך לאנג ניט האָבן. צווישן דער אידישער ליטעראַטור און די אידישע ארבעטער-מאַסן האָט ביז דער אָקטיאַבר-רעוואלוציע שטענדיק עקזיסטירט א מין אינטימער קאָנטאַקט, א גייסט-נאָענטקייט. פארשטייט זיך, אז דערדאָזיקער קאָנטאַקט און נאָענטקייט איז געווען באַדינגט אויך דורך דעם, וואָס די אידישע אַרבעטערשאַפט אין געשטאַלט פון איר אָרגאַניזירטער סאָציאַליסטישער באוועגונג האָט אין מעשעך פון דער גאַנצער עפּאָכע, וואָס ביז דער אָקטיאַבר-רעוואלוציע, געבלאָנדזשעט אַף די וועגן פון קליינבירגערלעכן נאַציאָנאַליזם און מענשעוויזם.

און מיטאַמאָל איז דערדאָזיקער קאָנטאַקט איבערגעריסן געווארן! די אקטיאבר-רעוואלוציע האָט אין דער אידישער ארבעטערשאפט געמאַכט א גייסטיקע איבערקערעניש, זי האָט זיך מיט גוואלד ארויסגעריסן פון די זומפּן

---

*) אויך די אידישע ליטעראַטור אין פוילן און אין אמעריקע לעבט איצט איבער א קריזיס. נאָר דאָרט האָט דער קריזיס אנדערע סיבעס און האָט אָנגענומען אנדערע פאָרמען (זע אויבן „יערושע און העגעמאָניע”).

פונם קליינבירגערלעכן געדאַנקען-און געפילן-גאַנג. פאַר דער פּאָליטישער אָנפירערשאַפט פון די אידישע ארבעטער-מאַסן איז דאס געווען א שווערער ניסאָיען. עמעס, ניט אלע האָבן דעמדאָזיקן ניסאָיען אויסגעהאלטן, און א געוויסער טייל פון זיי איז פאַרוואנדלט געווארן אין סאָציאַל-פּאָליטישן בראָכוואַרג אַף די וועגן פון דער ווייסער עמיגראַציע. אבער די מער געזונטע און עמעס רעוואלוציאָנערע עלעמענטן פון זיי זיינען דעם קריזיס איבערגעקומען בעשאָלעם, און ס'האָט זיך פאַר זיי געעפנט נייע האָריזאנטן. אבער פאַר די שעפער פון דער ליטעראַטור, וואס לויט זייער מעהוס זיינען זיי געווען און געקאָנט זיין נאָר אידעאָלאָגישע מיטלויפער פון א קליינבירגערלעך-נאַציאָנאַליסטישער ארבעטער-באַוועגונג, איז דער אָקטיאַבר-קריזיס געווען א פאַטאַלער: זיי האָבן מיטאמאָל פארלאָרן דעם אַדרעסאט פאר זייער שאַפונג. זיינען זיי אנטשוויגן געווארן.

דידאָזיקע טראַגישע דערשיינונג קאָן מען באַשיינפערלעך באַאָבאַכטן אַפן ביישפּיל פון בערגעלסאָן און ניסטער.

בערגעלסאָן האָט געהאלטן אין שרייבן זיינע „פאַרטונקלטע צייטן", אין וועלכע ער האָט ווייטער געפלאָכטן די קייט פון פאַראָקטיאבערשע טיפּן און מאָטיוון. פּלוצים האָבן אין זיין רואיקן דיכטער-ווינקל אריינגעשאַלט די דונער-רופן פון דער אָקטיאבער-רעוואלוציע! ווען בערגעלסאָן האָט זיך ארומגעקוקט, האָט ער דערזעען, אז זיין אוידיטאָריע האָט פאַרלאָרן יעדן פּסיכישן אינטערעס צו זיינע טיפּן און מאָטיוון, און אפילע בא דער גאנצער קינסטלערישער באַרעכטיקונג פון זייער דיכטערישן עצעם האָט זיך בערגעלסאָן פאריאָרן. פון דעמאָלט אָן איז אָדער ער גיט (אין „אָפּגאַנג") נייע וואריאציעס אַף אלטע מאָטיוון פון „ארום וואָקזאַל" און „נאָך אַלעמען"; אדער ער לאָזט דורך די איצטיקע געשעענישן דורך א פריזמע פון א מענטשן, וואָס שטייט פון דערווייטן, און שרייבט א מאָדערנעם, דוכט זיך, ראָמאַן, ווי „באטשקא", אָבער אין א סטיל פון א היסטאָרישן ראָמאַן. „באטשקא" איז אין א געוויכן זין פאר בערגעלסאָנען דאָס, וואָס „קידעש האשעם" איז פאַר ש. אַשן, — מיט דעם כילעק, וואָס פארן שוין לאַנג געפאלענעם ש. אַשן, וועלכער איז פארזונקען פון קאָפּ ביז די פיס אינם קלאַל-יסראָעל-זומפּ, איז „קידעש האַשעם" דער לעצטער שטאַפּל פון זיין בארגאראָפּ, בעאייס פאַר בערגעלסאָנען, וואָס די וואונדן פון זיין גייסטיקער צעבראָכנקייט זיינען בא אים גאַנץ פריש און בלוטן נאָך, איז „באטשקאָ" נאָך א פראגע-צייכן און א פּרואַווּשטיין.

ניסטער, א גרויסער דיכטער, וואס אלס דער יוירעש פון פערעצן האָט ער דערשפּירט אין דער אידישער מאַסן-מיסטיק די טיפע רעמאָזים פון רעוואָלוציאָנערער יוירונג, זוכט די גאַנצע צייט צו אַנטפּלעקן דעם באפרייענדיקן סאָד פון דידאָזיקע רעמאָזים. ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט, ניט געפינענדיק, ביז ער האָט אָנגעהויבן דיראָזיקע רעמאָזים באוואוסטזיניק צו סטיליזירן. און דאָ איז אנגעקומען די אָקטיאבער-רעוואלוציע און האָט פיל פון די סוידעס, וועלכע עס זוכט ניסטער, אַנטפּלעקט. וואָלט שוין געווען צייט פאַרן „נסתר" (פאַרבאָרגענעם) צו ווערן א „נגלה" (אַן אַנטפּלעקטער). האָט אָבער דער אינטימער

ניסטער אליין זיך פאַרלאָרן אינם שעפערישן כאַאָס פון אָקטיאַבר, איז ער ניט געווען בעקויעך זיך קינסטלערישער איבעראַריענטירן און זעצט פאָר זיינע קאַבאַלע-רעכאָזים, וועלכע זיינען שוין אָבער בא אים איצט ניט סימבאָליש, נאָר אָפט פאַשעט אלעגאָריש („וויין-קעלער" און אַנד.).

אזוי ארום איז באַ די אַלטע פּראָזאאיקער, די עמעסע פאָרשטייער פון „קונסט ביכלאל", האָט דער „עמעס" ניט וואס צו נעמען. דער „עמעס" קאָן דאָך געבן אזאַ „קונסט ביכלאַל", וועלכע סטימולירט די קאַמף-ענערגיע פון זיינע ארבעטער-לעזער, וועלכע צעמענטירט די נייע אָקטיאַבר-פסיכאָלאָגיע, און דאָ זעען מיר א העמשעך אַלפּי ענערציע פון פאַראָקטיאבערשן שאַפונגס-גאַנג...

די דיכטער?

די דיכטער אונזערע געפינען זיך, עמעס, אין א מער גינסטיקער לאַגע, ווי אונזערע פּראָזאַאיקער. די עמעסע קינסטלערישע דיכטונג אונזערע, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט „קונסט ביכלאל", הויבט זיך ערשט אָן די לעצטע יאָרן, בעשאַס מילכאָמע און רעוואלוציע. האָבן זיי קימאַט ניט געהאַט קיין טראַדיציעס, זיי זיינען אַזוי יונג און פריש, ווי די פאָלקסמאסן, פון וואנען זיי האבן זיך גענומען. אויסער אײן האָפשטיין, אין וועלכן עס לעבט דער טראדיציאָנעלער גייסט פון א קלאסיקער און אקאדעמיקער, זיינען זיי אלע מער געבונדן מיטן מאסן-היינט ווי מיטן נאַציאָנאַלן נעכטן. אזוי ווי זיי האבן זייער דיכטערשע טעטיקייט אָנגעהויבן בעשאַס די שטורעם-יארן, זיינען זיי מער נאָענט צום ריטם פון אונזער עפּאָכע און שאַפן טאקע מער אין איינקלאנג מיטן אָקטיאבר-גייסט.

אָבער אויך זיי זיינען קינדער ניט פון דער אַרבעטערשאַפט, נאָר פון דער קליינבירגערלעכער מאַסע, וועלכע איז ניט די טרעגערין און שעפערין פון דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע, נאָר געפינט זיך מיט איר אין צוזאַמענשלוס. איז אין די שטורעם-זיגזאַגן פון אָקטיאַבר שאַפן זיי צורוף-דיכטונג, אָבער אין צייטן פון שטילשטאַנד הויבן זיי אָן צוהערן זיך צו די „מייזעלעך, וואָס שקראַבען באַ זיי אַף דער נעשאָמע—צי טאַטנס, צי זיידנס ניגונים". און דאָ איז אויך כאַראַקטעריסטיש ד. האָפשטיין, ווי אַ קלאַסיקער און סיסטעמאַטיקער: אין די שטורעם-צייטן האָט ער דער ערשטער געשאַפן ט ע כ נ י ש ע מוסטערן פון אָקטיאַבר-פּאָעזיע („פּראָצעסיע", „אָקטאָבר" א. א.), באַ די ערשטע מאָמענטן פון „נעפּ" האָט ער דער ערשטער געשאַפן דעם מוסטער פון נאַציאָנאַליסטיש-קליינבירגערלעכער זעלבסט-אַפּאָלאָגיע אין זיין „ליד פון מיין גלייכגילט".

איז וואָס און ווי אָפט קאָן דער „עמעס" געניסן באַ דידאָזיקע עמעסע פאָרשטייער פון אונזער דיכטערישער „קונסט ביכלאל"?...

אָבער דידאָזיקע דיכטער און אויך די וויניקע פּראָזאַאיקער, וואָס מיר פאַרמאָגן, געפינען זיך גייסטיק אין גוטשכיינישער באַציאונג צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערשאַפט און צום קאָמוניזם. אין אַ מאָנאַטשריפט קאָנען זיי, דאַרפן זיי און וועלן דינען די רעוואָלוציע, אָבער פאַר אַ טעגלעכער שלאַכט-צייטונג קאָנען זיי ניט שטענדיק געפינען אַנטשפּרעכנדיקע טענער און

מאָטיוון, און די צײַטונג קאָן זיך מיט זייער שאַפונג אין אַלגעמיין גאַנץ זעלטן באַנוצן.

נאָר זיי האָבן זיך אַלע גרופּירט אין „שטראָם", אין דער איינציקער ליטעראַריש-קינסטלערישער טריבונע אין דער ראַטן-פעדעראַציע. כ׳ האראדאקער האָט טאַינעס צום „שטראָם" בענויגייע צו דער פאָרם, ער באַציט זיך אָבער צו זיין גייסט פיל פּאָזיטיווער, ווי איך. כ׳ האראדאָקער וועט זיך עפשער דערמאָנען, אז באַלד נאָכן דערשיינען פונם ערשטן העפט „שטראָם" האָב איך אין צוויי לענגערע אַרטיקלען אין „עמעס" געשטעלט די פראַגע וועגן „ערעוו אָדער איסרעכאַג" און האָב געפונען, אַז פונם „שטראָם" שמעקט מיט איסרעכאַג פון דער רעוואָלוציע. די ווייטערדיקע נומערן פון „שטראָם" האָבן קלאָר דערוויזן, אַז בײַ דער גאַנצער סוביעקטיווער גענויגטקייט צום קאָמוניזם הערשט אָבער אין אים אַן אָביעקטיווע דערווייטערטקייט סאַי פון קאָמוניזם ביפראַט, סאַי פון רעוואָלוציע ביכלאַל. דאָס איז עפשער דערפאַר, וואָס דער „שטראָם" איז געוואָרן אַ מין קינסטלערישע יאַוונע, אַ יעשיווע, וועלכע האָט זיך אידעאָלאָגיש און קינסטלעריש פאַרקאָנספּירירט פונם פּראָלעטאַריאַט. ווייל קינסטלער טאָר מען עפשער אין פאַראַנטוואָרטלעכע עפּאָכן אַליין ניט לאָזן; מע דאַרף זיי אַרונטערנעמען אונטער אַ וואַכזאַמען קאָנטראָל פון ליבע און אויפמערקזאַמקייט.

נאָר „שטראָם" איז אַ טעמע פאַר זיך.

איך גיי איצט איבער צו דער פראַגע וועגן „אַרבעטער-שאַפונג ביפראַט".

II

אַרבעטער-שאַפונג ביפראַט.

„לאָמיר, — שרייבט כ׳ האראדאקער, — געבן די מעגלעכקייט דעם אַרבעטער-לעזער אָפּשפּיגלען דאָס ארומיקע לעבן ניט נאָר אין דער פאָרם פון אַ קאָרעספּאָנדענץ: אַ בילדל, אַ דערציילונג, אַ לידל, אַ קאַריקאַטור מוזן זיין אָפטע געסט אין „עמעס".

כ׳ האראדאקער רעכנט אויס קימאט אַלע ליטעראַרישע זשאַנרען און לייגט פאָר, אַז מיט דעם אַלדאָסגוטס זאָל דעם „עמעס" באַזאָרגן דער אַרבעטער-לעזער, ווייל... ווייל דער „עמעס" איז אַ צענטראַלע צייטונג... כ׳ האראדאקער האָט אזוי אַרום געפונען אַן אייגנאַרטיקע מעגלעכקייט צו לייזן די האַרבע פּראָבלעם וועגן פּראָלעטאַרישער דיכטונג, איבער וועלכער מע מאַטערט זיך אזוי שטאַרק אין רוסלאנד די גאַנצע זעקס יאָר רעוואָלוציע. דאָ גייט אַ שווערער קאַמף, איינע אַנערקענען די מעגלעכקייט פון פּראָלעטאַרישער דיכטונג, די צווייטע לייקענען עס אָפּ, — איז בעשאַס כ׳ טראָצקי, לעמאָשל, עפנט אויף ברייט די טירן און לאָזט דורך זיי אַרויס די אילוזיעס וועגן פּראָלעטאַרישער דיכטונג, קומט כ׳ האראדאקער און שפּאַרט אריין דורך דאָס קליינע פענסטערל פון אַרבעטער-קאָרעספּאָנדענטן אַלע ליטעראַרישע זשאַנרען: לידער, בילדער, דערציילונגען און אז. וו. און דעריקער, כ׳ האראדאקער איז אומצע-

פרידן דערמיט, וואָס די רעדאַקציע פון „עמעס" „שטעלט ניט אַרויס קיין שטרענגע פאָדערונגען אַזאַ מין שאַפונג".

איך קאָן באַרואיקן דעם כ׳ הארדאקער: די רעדאַקציע פון „עמעס" איז גראָד שטרענג אין אירע פאָדערונגען אי בענויגייע „קונסט ביכלאל", פון וועלכער זי פאָדערט (אויסער דעם, אַז זי זאָל טאַקע זיין „קונסט ביכלאל") כאָטש וואָסערע ס׳ניט איז נאָענטקייט צו רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע, און סאי בענויגייע אַרבעטער-שאַפונג ביפראט, פון וועלכע זי פאָדערט (אויסער דעם, אז ס׳זאָל טאַקע זיין שאַפונג פון אַרבעטער און ניט פאַרשטעלטע אינטעליגענטלעריי) כאָטש אַ פונק פון קונסט ביכלאל... און צוליב דער שטרענגקייט פון די פאָדערונגען זעען מיר טאַקע אין „עמעס" אזוי זעלטן סאי „קונסט ביכלאל" און סאי „אַרבעטער-שאַפונג ביפראט". כ׳ הארדאקער, וועלכער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פונם „עמעס" און איינער פון זיינע אויפמערקזאַמסטע לעזער, האָט דאָך געקאָנט באַמערקן, אז עטלעכע מאָל זיינען געמאַכט געוואָרן פרואוון אַיינצופירן אַ ליטעראַריש זייטל אין „עמעס", פון וועלכע ס׳איז צום באַדויערן גאָרניט אַרויסגעקומען. און ניט בלויז אין „עמעס" איז דערפון גאָרניט אַרויסגעקומען.

לאָמיר נעמען די אַנדערע צוויי צייטונגען — דעם „וועקער" און די „קאָמוניסטישע פאָן".

ס׳איז קיין סאָפעק ניט, אַז דער „וועקער" איז אין אַלגעמיין אַן אויסגעצייכנטע אַרבעטער-צייטונג, וועלכע ווערט דעריקער צוזאַמענגעשטעלט פון אַרבעטער. געפינען מיר אין איר „קונסט ביכלאל"? ניין! ווייל אין מינסק פעלט קימאט אינגאַנצן דער מין אידישע פאָרשטייער פון „קונסט ביכלאל", און די ארבעטער, ניט בלויז די אידישע, נאָר די גאַנצע אַרבעטערשאַפט פון דער גאַנצער וועלט האָבן נאָך ניט באַוויזן אַרויסצורוקן פון זיך קאַדרען אייגענע פאָרשטייער פון קונסט ביכלאל: דערפון נעמט זיך דאָך דער קריזיס פון דער פראָלעטקולטישער אידעאָלאָגיע און די נעגאַטיווע באַציאונג צו איר מיצאַד אייניקע אָנפירנדיקע קרייזן אין אונזער פאַרטיי. דערפאַר געפינען מיר אין „וועקער" גענוג „ארבעטער-שאַפונג", ריכטיקער, שאַפונג פון ארבעטער. אָבער אין וואָס באשטייט דידאָזיקע שאַפונג? אין באַלעבטע קאָרעספּאָנדענצן, נאָטיצן וועגן פאַקטן, זעלטן אַ בילד אָדער אַ ליד, קימאַט קיינמאָל ניט קיין דערציילונגען. דער „וועקער" איז געוואַלדיק אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס מיר זעען אין אים, ווי דער ארבעטער איז אין אים שריט באַ שריט גריווער זיין זשורנאַליסטישן אַנאַלפאַבעטיזם, וואָס איז דער ערשטער פאָרבאַדינג פאַר יעדן ליטעראַרישן שאַפן איבערהויפּט. דער „וועקער" איז אַ גוטע ארבעטער-שול פאר ליטעראַרישער איוורע, האַגאַם דידאָזיקע שול פאָדערט נאָך גרויסע און וויכטיקע אויסבעסערונגען. ס׳איז אָבער אַ פראַגע, צי קאָן און דאַרף אף זיך נעמען דידאָזיקע ראָלע דער „עמעס"...

די „קאָמוניסטישע פאָן", וועלכע דערשיינט אין קיעוו, וואו פאַר די לעצטע 10—15 יאָר האָבן זיך אויסגעבילדעט שטאַרקע אידישע ליטעראַריש-קינסטלערישע טראַדיציעס, האָט אַ שטיק צייט יאָ געהאַט אַ ליטעראַריש זייטל.

איז וואָס פלעגט צושטעלן דאָסדאָזיקע זייטל — „קונסט ביכלאל" אָדער „אַרבעטער-שאַפונג ביפראַט"? און מע דאַרף דאָך דערביי ניט פארגעסן, אַז די „קאָמ. פאָן" דערשיינט אין אַ שטאָט און אין אַ ראַיאָן מיט א גרויסער אידישער אַרבעטערשאַפט, זי איז אומפאַרגלייכלעך מער, ווי דער „עמעס", אַרומגערינגלט מיט אַ מאסן-אַטמאָספער און איז אויך מער נאָכגיביקער אין אירע ליטעראַרישע פאָדערונגען, ווי דער „עמעס". דאָך איז דאָס זייטל געווען אַ טריבונע ניט פאר ארבעטער-שאַפונג, נאָר פאר די ניט פראָלעטאַרישע גרופן פון „ליריק", „ווידערוואוקס" און אנדערע. די גאַנצע ליטעראַריש-קולטורעלע אָריענטאַציע פון דער „קאָמ. פאָן" איז גראַדע דאַן אָביעקטיוו און סטיכיש געוואָרן ניט קיין ריין פראָלעטארישע, נאָר עפּעס אַן ערעוו-פראָלעטארישע, אויב ניט קיין קליינבירגערלעכע, און די „קאָמ. פאָן" איז געראַטעוועט געוואָרן נאָר דאַן, ווען זי האָט פארפירט א גוטן אפּאראַט פון ארבעטער-קאָרעספּאָנדענטן: „קונסט ביכלאל" איז דאַן, עמעס, פון דער צייטונג פארשוואונדן, ארבעטער-שאפונג האָט זיך דאָרט אויך ניט באוויזן, זי האָט אָבער אָנגעהויבן געבן עלעמענטארע זשורנאליסטישע ארבעט פון ארבעטער-קאָרעספּאָנדענטן.

דערין באַשטייט דאָך דער גרויסער זין פון דער דערשיינונג, וואָס די פּ ר אָ ב ל ע ם פון פראָלעטארישער קולטור איז אין אלפארטייאישן מאסשטאב מיטאמאָל, האגאם אומבאַמערקט, פארביטן געוואָרן דורך דעם פ א ק ט פון ארבעטער-קאָרעספּאָנדענטן. א געוויסער טייל קונסט-אידעאָלאָגן פונם ארבעטער-קלאס האָט זיך אין האָניק-כוידעש פון דער אָקטיאבר-רעוואָלוציע פארמאָסטן אף א קאָלאָסאלע אויפגאבע: ניט יארשענען פון דער בורזשואזער קולטור דאָס, וואָס ס'לוינט פון איר צו יארשענען און ס'איז ווערט געיארשנט צו ווערן, נאָר פארבייטן זי דורך א נייער קולטור, וועלכע זאָל געשאפן ווערן לויט נייע מעטאָדן און אין נייע פאָרמען. פאר דעם ארבעטער-קלאס, וועלכער איז נאָך אין קולטורעלן זין אנאלפאבעטיש, וועלכער האָט נאָך ניט געהאט קיינע טראדיציעס פון קולטור-שאפונג, איז עס אין דער געגעבענער עפּאָכע געווען אן אוטאָפּישע אויפגאבע, און ס'האָט געמוזט קומען די אנטוישונג אין דער פראָלעטקולטישער פּראָפּאגאנדע.

איך לייקן קלאל ניט אין דער נויטיקייט פונם פראָלעטקולט, ווי א לאבאראטאָריע, וואו ס'קומען פאָר די זוכענישן פונם פראָלעטארישן קונסט-גייסט, איך בין אויך ניט מאסכים מיט אייניקע אויספירן פון כ' טראָצקי וועגן דער אומעגלעכקייט פון פראָלעטארישער קולטור איבערהויפּט, אָבער דאָס איז געוויס, אז נאָך גאנץ לאנג וועט פארן פראָלעטאריאט שטיין די אויפגאבע ניט אזוי צו שאפן אן אייגענע קולטור, נאָר צו יארשענען די עמעסע ווערטן פון דער אלטער קולטור און אין דער ערשטער ריי זיך צו באהעפטן מיט קולטור איבערהויפּט. און די געניאלע מאנעווריר-קונסט פון אונזער פארטיי און פון איר פּרעסע האָט זיך אויסגעדריקט אויך אין דעם, וואָס אין נויטיקן מאָמענט, ווען די ארבעטער-מאסן זיינען באפרייט געוואָרן פון די פראָנטן און האָבן זיך געקאָנט פארנעמען מיט פרידלעכער קולטור-שאפונג, האָט זי מאמעש קעהערעפּאַין ארויסגערוקט אן ארמיי פון ארבעטער-קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע איז טויזנט

מאָל מער מעסוגל אַ רוק צו טאָן פאָרויס די קולטור-שאַפונג פון די ארבעטער-מאסן, ווי די קונסט-כאַלוימעס פון די פראָלעטקולטישע כסידים-שטיבלעך. פריער באַהערש די עלעמענטאַרע מעלאָכע פון שרייבן, פריער לערן זיך שאַפן אַן אייגענע פרעסע, קאָן פריער האַלטן די פען אין האַנט און זי פאַרוואַנדלען אין דיין אייגענעם אינסטרומענט, וואָס זאָל דורכעקבערן די געדיכטעניש פון פינסטערניש, פוילקייט, אַוולעס און מיסברויכן, וועלכע רינגלען דיך אַרום, — דאַן וועט זיך שוין מעמיילע שטעלן און באַ מער גינסטיקע באַדינגונגען אויך די פראָבלעם פון אַן אייגענער סינטעטישער קולטור...

דער אַרבעטער-קאָרעספּאָנדענט — דאָס איז דער ערשטער שטאַפל אַפן לייטער פון באַהערשן די קולטור דורכן אַרבעטער, דאָס איז דער אָנהויב פון אַ לאַנגן, אָבער אַ זיכערן און רעאַלן פראָצעס. און מע טאָר דעם ערשטן שטאַפל ניט באַלעסטיקן מיט אַזעלכע אויפגאַבן, וואָס זיינען מעסוגל אונז אומצוקערן צום פראָלעטקולטישן אויסגאַנגס-פונקט, פון וועלכן מיר האָבן אין איצטיקער עפּאָכע זיך געמוזט אָפזאָגן.

אַזוי אַרום האָט פאַר זיך די אַרבקאָרישע אַרבעט פאַרשיידענע מעטאָדן.

דער אַרבקאָר קאָן דעם גענומענעם פאַקט אָדער דערשיינונג דערציילן פּאָשעט אין דער פאָרם פון אַ געוויינלעכער קאָרעספּאָנדענץ; ער קאָן אים פאַרשטעלן בילדעריש, ער קאָן אים אַריינשטעלן אין בעלעטריסטישע ראַמען אָדער אים אויסלייגן אין גראַמען.

אָבער יעדער מעטאָד שטעלט דעם אַרבקאָר אין פאַרשיידענע ניסיוינעס.

ווען ס'האַנדלט זיך וועגן אַ פּאָשעטער קאָרעספּאָנדענץ, דאַרף דער אַרבקאָר קענען אויסטיילן דעם טאָך פונם פאַקט אָדער פון דער דערשיינונג, זיך ניט אַריינלאָזן אין ניט וועזנטלעכע דעטאַלן. ער דאַרף זיך אויך אָפזאָגן פונם אַלטמאָדישן מינהעג פון אַלגעמיינע און באַנאַלע האַקדאָמעס. לעמאָשל, שאָמער פלעגט אין זיינע ראָמאַנען אָנהויבן יעדן קאַפּיטל מיט באַנאַלע כקירעס וועגן אַן אַלגעמיינע דערשיינונג. „ליבע איז אַ שטאַרקער געפיל, וואָס וועלכער קאָטאַרי" און אז. וו. — „און איצט, ליבער לעזער, לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער געשיכטע". „אייפערזוכט איז אַ געפיל, וואָס" און אז. וו. — „און איצט, ליבער לעזער"... פיל פון אונזערע אַרבקאָרן האָבן אויך געיאַרשנט דידאָזיקע מידע. דאַרף מען דערציילן וועגן דער אַנטירעליגיעזער קאַמפּאַניע, הויבט מען אָן באַריכעס באַשרייבן די שעדלעכקייט פון דער רעליגיע און די געפערלעכקייט פון קלעריקאַליזם, און דערנאָך גיט מען ערשט איבער דעם „ליבן לעזער" די אָרטיקע פאַקטן. אויסער דעם, איז פאַראַן אַ שטאַרקע נעטיע צום מעליצע-אַפּאַראַט פון די אַמאָליקע עקסטערנעס און יעשיווע-באָכערים. דער אַרבעטער דאַרף זיך באַגיין באַם שאַפן זיין נייעם פאַבריקאַט — די קאָרעספּאָנדענץ — פונקט אַזוי שפּאָרעוודיק און אויסגערעכנט, ווי באַם שאַפן זיינע געוויינלעכע אַרבעט-פּראָדוקטן. קורץ, שאַרף און בוילעט: וועזנטלעכע שטריכן, איקער-פאַרבן, אייגענע ווערטער, ניט אויסגעדראָשענע פאַרגלייכונגען א. אז. וו.

גייט אָבער דער אַרבקאָר איבער צו בילדערישע שילדערונגען, דאַרף ער געדענקען, אַז ס׳מוז פּאָרט דערפון פאַרבלייבן אין לעצטן סאַכאַקל אַ ווירקלעכער פאַקט אָדער דערשיינונג, — אַניט ווערט עס שוין אַן אַלגעמיינער סיוזשעט פון אַ בילד איבערהויפּט, און דאַן פאַלט ער שוין ארונטער אונטער די פאָדערונגען פון דיכטונג-קריטיק: פון אַן אַרבקאָר, צו וועלכן מע שטעלט אַרויס פיל קלענערע קונסט-פאָדערונגען, ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ בעלעטריסט, וועלכער האָט שוין פיל מער אויסצושטיין פון די רעדאַקציע-פאָדערונגען... און דעריקער, דאָ שטעלט זיך די פראַגע פון פאָרם.

אין דיכטונג איבערהויפּט איז נאָך שווער צו פאָדערן פונם אַרבעטער גאָר נייע פאָרמען, האַגאַם גאָר אַלטע פאָרמען פאַסן אויך דאָ לאַכלוטן ניט פאַר אַ פּראָלעטאַרישן שרייבער. אָבער ארבקאָרישע ליטעראַטור איז דערווייל נאָך אין דער ערשטער ריי אַ פּובליציסטישע, און דאָ קאָנען מיר שוין אַרויסשטעלן געוויסע פאָדערונגען — אַלנפאַלס נעגאַטיווע פאָדערונגען.

פאַר יעדן, וועלכער וויל אין אידיש שרייבן בילדעריש אָדער הומאָריסטיש, איז פאַראַן איין וועג פון קלענסטן ווידערשטאַנד: די שאָלעם-אַלייכעם-פאָרם. ס׳איז שווער צו געפינען אין דער וועלט-ליטעראַטור נאָך אַ פאָרם, וועלכע זאָל אַזוי געניאַל אויסשעפּן דעם ריידנסאַרט און די פּסיכיק פונם קליינבירגער, ווי די שאָלעם-אַלייכעמשע פאָרם שעפּט אויס די פּסיכיק און דעם אַרט ריידן פונם אידישן קליינבירגער. די באַריידעוודיקע באַגרעניצטקייט, די אומבאַהאָלפענע גוטמוטיקייט, דאָס ניט איבערקלייבן קיין ווערטער („אַבי דאָברי מיינעלע”), דער ריטם פון האַלטן דעם מיטשפּרעכער באַם לאַץ אָדער אריינקריכן אים מיט די פינגער אין באָרד, די קלאַליסראַעלדיקע גוטברודערשאַפט, די געמאַכטע נאַיווקייט און נאַיווע געמאַכטקייט, — די אַלע שטריכן פונם אידישן באַלעבעסל זיינען אומגעוויינלעך קינסטלעריש פאַרקערפּערט ניט בלויז אין שאָלעם-אַלייכעמשן אינהאַלט, נאָר נאָך מער אין דער שאָלעם-אַלייכעמשער פאָרם. דערפאַר איז טאַקע די שאָלעם-אַלייכעמשע פאָרם געוואָרן באַ אונז אין דער פעליעטאָן-ליטעראַטור אַ מין מאַגייפע. ווייל יעדער ליטעראַריש באלעבעסל פאלט אַריין אין אַ מאָדנע אילוזיע: אים גיט זיך אויס, אַז אויב ער ליגט אינגאַנצן אויסגעגאָסן אין דער שאָלעם-אַלייכעמשער פאָרם, ליגט אויך אין אים פאַרבאָרגן אַ שאָלעם-אַלייכעם. אָבער שאָלעם-אַלייכעם איז אַזאַ געניאַלע קונסט-דערשיינונג, וועלכע ווערט ניט איבערגעכאַזערט, דערפאַר ווערט פון די אַלע ליטעראַרישע איבונגען יעדער שפּור שאָלעם-אַלייכעם פארשוואונדן און ס׳בלייבט אין זיי נאָר דער נודנער קליינבירגער.

דאָס אַלץ זעען מיר באַ די ווענדראָפּן, באַ די טונקעלער, באַ די איטשעלעס, באַ די קאָוונער און אז. וו.,— מיר טאָרן עס אָבער ניט דערלאָזן באַ די אַרבעטער-זשורנאַליסטן. שאָלעם-אַלייכעמס פאָרם איז אומגעוויינלעך אָנשטעקנד לעגאַבע דעם אינהאַלט, זי איז די אָפּלייקעניש פון שטאָלקייט, זי מאַכט ווייכלייביק און צעקראָכן דעם אינהאַלט. דער אַרבקאָר טאָר זיך, נאָך מיין מיינונג, בעשום אויפן ניט באַנוצן מיט דערדאָזיקער פאָרם, האַגאַם זי שטעלט מיט זיך פאָר די ליניע פון דעם קלענסטן ווידערשטאַנד. ער מוז זיין

מער פאמפלעטיש, מער אָנגעשטאָלט, מער הייַנטוועלטיק, — און זאָל ער בעסער זיך צוהערן צום זיכערן ריטם פון זייַנע וואַרשטאַטן און פון זייַן האַמער-קלאַנג. קיין באַשטימטע פאָרמען קאָן איך ניט דיקטירן, אָבער איינס איז קלאָר: וויל דער אַרבעטער פון פריער זיך איבערצייגן אין דער סאָציאַלער (און אויך נאַציאָנאַלער) אַלטקייט פון דער פאָרם, זאָל ער אין איר זוכן שפּורן פון שאָלעם-אַלייכעמשן סטיל...

אין געביט פון לידער שטייען פאַרן אַרבקאָר פיל מער ניסיוינעס, — איך רייד פון פאָליטישע צייט-פערזן (אַנדערש וואָלטן דאָך דאָ געשטאַנען די אַלגעמיינע פאָדערונגען צו דיכטונג). דאָ האָט ער פאַר זיך פריער פון אַלץ צוויי עקסטרעמען: עליאַקום צונזער און... פערעץ מאַרקיש.

עליאַקום צונזער איז געווען דער באַדכאַנישער פאָרגייער פון שאָלעם-אַלייכעמען. ער האָט אויסגעדריקט, ווי זיי שטייען און גייען, דעם ריידנסאַרט און מאָטיוון פונם אָרטיקן באַלעבעסל. אָבער אַזוי ווי ער האָט ניט געהאַט קיין טאַלאַנט, וואָס אין זייַן שמעלץ-אויוון זאָלן דיווירקלעכע ווערטער און מאָטיוון איבערגעגאָסן ווערן אין דיכטונג, זייַנען זייַנע לידער פאַרבליבן טויט און זיי קאָן יעדערער נאָכמאַכן. ביפּראַט נאָך, אַז זיי האָבן אין זיך די באַנאַלע רעזאָנירונג פונם דורכשניטלעכן האַמוין-מענטש. באַקומען זיך טאַקע אָפּט אין די רעדאַקציעס און ווערן טאַקע אַמאָל געדרוקט אויך באַדכאַנישע לידער, וואָס שמעקן מיטן גייסט פון עליאַקום צונזער.

פון דער אַנדערער זייט האָבן מיר פערעץ מאַרקישן. מאַרקיש האָט דער ערשטער געשאַפן בייַ אונדז די פּלאַקאַט-ליד. די פּלאַקאַט-קונסט איז אָבער אַ גרויסער ניסאָיען. זי איז אויסערלעך אַזוי אייַנפאַך און צוטריטלעך, אַז ס'ווייַזט זיך אויס, אַז מע קאָן זי לייַכט באַהערשן. אָבער טאַקע צוליב איר אייַנפאַכקייט גיט זי זיך זעלטן איין, אַלנפאַלס איבערכאַזערן זי איז שווער. און די פּלאַקאַטן-פּאָעזיע פון פערעץ מאַרקישן, וועלכע האָט אים אַליין געבראַכט צום „פּוסט און פּאַס"-שטייגער פון זיך אַליין נאָכמאַכן, איז פאַר פיל אונדזערע אַרבעטער-דיכטער און אַרבקאָרן געוואָרן אָנשטעקנדיק. די „צעכראַסטעטע" פּאָעטישע פּראָזאָדיע מאַרקישעס איז ניט מער, ווי אַן אויסערלעכער סימען פון רעוואָלוציאָנערער מאַסן-דיכטונג, מע דאַרף זי אָבער קאָנען אָרגאַניש צונויפגיסן מיט אַ ווירקלעכן רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט, אַניט ווערט עס אַ נייַע מעליצע, פון וועלכער מאַרקיש אַליין איז, צום באַדויערן, אויך ניט פרייַ.

און צום סאָף קומט די „מעטאַלורגישע" מעליצע, וועלכע גילדין האָט געיאַרשנט בייַ אייניקע רוסישע פּראָלעטאַרישע דיכטער: סירענע, שקיוו, קוימען, מאַטאָר און אַנדערע „שם המפורשן" (הייליקע ווערטער), וועלכע דאַרפן קלוימערשט דערווייַזן די פּראָלעטאַרישקייט פון דער ליד.

איך זאָג: דער אַרבקאָר איז אַ נייַע דערשייַנונג, ער איז גאָר אַ נייַער פאַקטאָר פון אונדזער קולטורעלער אַנטוויקלונג, — אַף אים לאָקערן אָבער צופיל אַלטע טראַדיציעס און מעטאָדן. איידער ער האָט נאָך אַרייַנגעבראַכט דאָס נייַע, וואָס ליגט אין אים פאַרבאָרגן, שפּאַרן שוין אַף אים פיל פון אונדזערע

עקסטערנישע און האלב-אינטעליגענטישע שרייב-מעטאָדן. מיר טאָרן עס אָבער ניט דערלאָזן.

דעריבער איז טאקע אין „עמעס" דערווייל נאָך אזוי ווייניק פאראן „ארבעטער-שאפונג ביפראט" אין דעם פארנעם, ווי ס'לייגט פאַר כ'האראדאקער. ווייל דער מעטאָד פון „אראָפּלאָזן זיך" צום ארבעטער איז ניט קיין פּראָלעטארישער און קאָן אין אַ רעדאקציע פון אן אַרבעטער-צייטונג, ביפראט נאָך פון א צענטראלער, ניט אָנגעווענדעט ווערן...

אָקטיאַבר 1923.

אַרבּקאָרן-שאפונג

אין „קראסנאיאַ פּעטשאט" (וועכנטלעכער אָרגאַן פונם פּרעסע-אָפּטייל פון צ"ק רק"פּ) דערציילט אַן אַרבּקאָר א. קאנאוואַליכין, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיינע קאָרעספּאָנדענצן אין משך פון צוויי מיט אַ האלב יאָר אַן ערעך.

ווייזט זיך אַרויס אזעלכעס:

אין 13 צייטונגען און זשורנאַלן האָט ער פאַר דער צייט געשיקט 220 קאָרעספּאָנדענצן, וועלכע האָבן צוזאַמען געהאלטן 17415 שורעס. דערפון איז געדרוקט געוואָרן בלויז 116 קאָרעספּאָנדענצן מיט אַן אַלגעמיינעם סכום שורעס—5809. 104 קאָרעספּאָנדענצן, וואָס האָבן באַטראָפן 9291 שורעס, זיינען אינגאַנצן אוועק אין קאָרב, און פון די געדרוקטע 116 קאָרעספּאָנדענצן זיינען באַם אויסבּעסערן אַרויסגעוואָרפן געוואָרן 2310 שורעס.

לויט איינצלנע צייטונגען איז דאָס בילד אַזוינס:

אין „פּראוודא" האָט כ' קאָנאוואליכין געשיקט 45 קאָרעספּאָנדענצן, געדרוקט געוואָרן זיינען בלויז 20. די דרוקפּעאיקע האָבן באַם אויסבּעסערן פאַרלאָרן 495 שורעס, און אין זיי איז פארבליבן נאָר 1016 שורעס. אין „ראבאָטשאיא מאָסקווא" איז פון 71 צוגעשיקטע קאָרעספּאָנדענצן געדרוקט געווען נאָר 35. פון די דרוקפּעאיקע אויסגעמעקט געוואָרן 790, פאַרבּליבן 1500.

מע דאַרף האַלטן, אַז דער אַרבקאָר קאָנאָוואליכין איז ניט פון די ערגסטע אַרבקאָרן, און דאָך איז פון זיינע קאָרעספּאָנדענצן אָפּגעדרוקט געוואָרן אַן ערעך אַ העלפט, און פונם סכום צוגעשיקטע שורעס איז פאַרבליבן עטוואָס ווייניקער פון אַ דריטל.

וועגן דעם קריטעריום פון די רעדאַקציעס באַם טיילן די קאָרעספּאָנדענצן אַף געדרוקטע ליטעראַטור און קאָרב-ליטעראַטור קאָן מען זיך נאָר מעשאַער זיין, אָבער קיין דירעקטע אָנווייזונגען גיט ניט דער אַרבקאָר קאָנאָוואליכין וועגן דערדאָזיקער גאַנץ אינטערעסאנטער פראַגע. דערפאַר געפינען מיר טאַקע אין דעמזעלבן נומער „קראַסנאיא פּעטשאט" אַ גאנץ קלאָרע אָנווייזונג וועגן דעם אינם באריכט-ארטיקל פון כ' אנדרייעוו וועגן דער אַרבעט פון די אַרבקאָרן פון סאקאָלניקער ראַיאָן.

כ' אַנדרייעוו דערציילט:

„אָפּטער פלעגט מען פאַרבראקעווען קאָרעספּאָנדענצן פון מעכאַבּרים, וועלכע פּרעטענדירן אַף א „הויכן סטיל" (אַרטיקלען, דערציילונגען, לידער). וואָס

אנבאלאנגט שטייגער-נאָטיצן—וועגן דער פּראָדוקציע, וועגן די כעסרוינעס און דערגרייכונגען, פלעגן אזעלכע קאָרעספּאָנדענצן קימאט אינגאַנצן ניט פאַרבראַקעוועט ווערן".

אָט אין די צוויי פאַקטן—וואָס די רעדאַקציעס בראַקעווען ארבקאָרישע שרייבונגען און דאַפקע אַזעלכע, וועלכע „פּרעטענדירן אף א הויכן סטיל", ליגט מערסטנטייל די סיבע פון אַרבקאָרישע אומצופרידנקייט איבערהויפּט און פון קאָנפליקטן צווישן די ארבקאָרן און די רעדאקציעס ביפראַט.

באַגאבטע קאמוניסטישע זשורנאליסטן זאָגן אמאָל ארויס אין א פּאַראַד-רעדע אַ שלאָג-וואָרט, וואָס אין טאָך גענומען איז דאָס ניט מער ווי א „תפארת-הלשון", אַ סטיל-צירונג, נאָר דערנאָך קומט מען און מע וויל דערפון מאַכן א פּראקטישן לאָזונג. דאָס האָט זיך געטראָפן מיט כ' סאָסנאָווסקיס ווערטער, אז „דעם אַרבקאָר איז שוין ענג געוואָרן אין זייטל „אַרבעטער-לעבן" און אים ווילט זיך שוין אַריבערקלייבן זיך אַף די פאָדערשטע זייטן פון דער צייטונג".

וואָס הייסט, אייגנטלעך, דעם ארבקאָר איז ענג געווארן אין זייטל „ארבעטער-לעבן"? מימאנעפשעך: איז דער אינהאַלט פונם ווערק (נאָטיץ, ארטיקל א. א. וו.), וואָס עס האָט צוגעשיקט דער ארבקאָר, אַזוי ערנסט, אז ער גייט אַרויס פון די ראַמען פונם אַרבעטער-זייטל, ד. ה.—באַהאנדלט דער אַרבקאָר אין זיין שרייבונג אן ערנסטע פּובליציסטישע פּראָבלעם און גייט צו איר צו ווי געהעריק, וועט דאָך די רעדאקציע סאַיווי אריבערטראָגן דאָס ווערק אָפן געהעריקן אָרט. קיין „טכום" פאַר ארבעטער זשורנאליסטן האָט נאָך קיין רעדאַקציע בא אונז ניט דעקרעטירט, און קיינער האָט נאָך ניט „פּאַרמישפּעט" דעם אַרבעטער-שרייבער, ער זאָל זיין גאַנץ לעבן פאַרברענגען נאָר אפן ארבעטער-זייטל. עלאָ וואָס,—אָדער דער ארבקאָר שרייבט שטייגער-נאָטיצן („וועגן דער פּראָדוקציע, אירע כעסרוינעס און דערגרייכונגען"), און דאַן *מוז* ער געדרוקט ווערן אין „אַרבעטער-לעבן". אָדער אים ווערט „ענג" אינם ארבעטער-זייטל און ער וויל זיך באַפרייען פון דעם דורך „הויכן סטיל" („ארטיקלען, דערציילונגען, לידער")—איז ווידער אַמאָל איינס פון די ביידע: טויג עס, געפינט זיך דער ארבקאָר אין דערזעלבער לאגע, ווי יעדער זשורנאַליסט, בעלעטריסט אָדער דיכטער; טויג עס ניט—האָט ער אויך דיזעלבע רעכט, ווי יענע, ד. ה. צו גיין אין קאָרב... קיין פּריווילעגיעס אַף טאלאנטלאָזיקייט פאר ארבעטער קאָן ניט, טאָר ניט און וועט ניט דעקרעטירט ווערן, און אויב „ארבעטער-אָפּאָזיציע" פון געוויסן שניט איז שעדלעך אין פּאָליטישן געביט, איז דעמאגאָגיע בענויגייע דער אַרבקאָרישער שאַפונג דיזעלבע שעדלעכע „ארבעטער-אָפּאָזיציע" אין געביט פון קולטור.

ווייל ס'איז דאָך פאָרגעקומען אַן אומגעווייִנלעכע פאַרקריפּלונג פונם גאַנצן איניען ארבקאָרן. דער ארבקאָר איז דער אקטיווער ארבעטער-באַאָבאַכטער פון אונזער סאָוועטישער אלטעגלעכקייט אין אלע געביטן פון לעבן. ער *דיכטעט* ניט, ער *קאָנסטאטירט*, און וואָס שארפער, שניידיקער, ריכטיקער זיינע קאָנסטאטירונגען זיינען, אלץ א בעסערער, מער עמעסער ארבקאָר איז ער. וועגן דעם, אז דער ארבעטער זאָל אָנהויבן *דיכטן*, שאפן פּראָלע-

טארישע קונסט, וועלכע זאָל אָפּשאַפן און פאַרבייטן די ביזאַנטינישע קונסט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן בײַ דער הערשאַפט פון די פּאָריקע קלאַסן, האָט מען שוין גענוג געקעמפט אין די בליאונגס-צייטן פונם „פּראָלעטקולט“, און מיר האָבן זיך קימאַט אַלע פון יענע אילוזיעס אָפּגעזאָגט. שוין זשע וועלן די אילוזיעס באַקומען מער קראַפט, אויב מיר וועלן זיי אַנשטאַט פּראָלעטאַרישע אַ נאָמען געבן אַרבקאָרישע?

ביפּראַט נאָך, אַז די פּראָלעטקולטן זיינען געווען און זיינען נאָך איצט עמעסע שולן און לאַבאָראַטאָריעס פון קינסטלערישן שאַפן. מע האָט דאָרט שטודירט און עקספּערימענטירט, עס זיינען געווען אויך דערגרייכונגען. אָבער די עצעם אידייע פונם אַרבקאָר איז דאָך אַן אַרבעטער, וואָס שטייט בײַם וואַרשטאַט, באַטייליקט זיך די גאַנצע צייט אין פּראָדוצירן, הערט, זעט און פאַרנאָטירט. שטייט דאַ בלויז די פראַגע, צי הערט ער אויפמערקזאַם, צי זעט ער קלאָר, און צי פאַרנאָטירט ער דאָס וועזנטלעכע פון דעם, וואָס ער זעט און הערט.

און טאַקע דערויף דאַרף געלייגט ווערן די גאַנצע אָנשטרענגונג סײַ פונם אַרבקאָר גופע, סײַ פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע באַדינען אָדער דאַרפן באַדינען דעם אַרבקאָר. מע דאַרף זען, אַז דער אַרבקאָר זאָל ניט בלויז זען און הערן, נאָר אויך באַנעמען דאָס געזעענע און געהערטע, ער זאָל דאָס קענען סינטעזירן, דערהויבן צו אַן אַלגעמיינער דערשיינונג, צו אַ געזעלשאַפטלעכער פּראָבלעם.

ווייל סאָפּקאָלסאָף איז דער גרעניץ צווישן אַ קאָרעספּאָדענץ און אַ פּובליציסטישן אַרטיקל ניט שטענדיק אַזאַ שאַרפער און בולטער. ווען די אָדער יענע קאָרעספּאָנדענץ כאַפּט אַרום טיף אַ געוויסן פאַקט, דערהויבט זי אים אויך ביז דער מאַדרייגע פון אַן אַלגעמיינער דערשיינונג און ברענגט דערמיט צו ערנסטע מאַכשאָוועס וועגן אַ וויכטיקער פּראָבלעם. אין דעם זין זיינען אַרבקאָרן זשורנאַליסטן און פּובליציסטן. די פראַגע איז נאָר, צי פאַרכאַפּט דער אָדער יענער אַרבקאָר טיף די סוויווע, אין וועלכער ער לעבט און וועלכע ער באַשרייבט, צי ניין. און איז דער אַרבקאָר אַן אַרבעטער בײַ דער פּראָדוקציע און איז אַקטיוו פאַרבונדן מיט זיין סוויווע, וועט ער שטענדיק האָבן גענוג שטאָף פאַר זיינע אַרבקאָרישע באַאָבאַכטונגען, וועלכע ער ברענגט אַרויף אין דער צייטונג. הויבט ער אָבער אָן נאָך עטלעכע געדרוקטע קאָרעספּאָנדענצן זיך פילן שוין ניט אַלס אַרבעטער, וועלכער דערציילט שריפטלעך פאַר אַלעמען, וואָס ער זעט און הערט, נאָר אַלס מיטגליד פונם ליטעראַטן-צעך, — פאַרלירט ער די גרויסע מאַילעס פונם אַרבעטער און באַקומט די גרעסטע כעסרוינעס פון אַ קלוימערשטן ליטעראַט. עס שעפּט זיך בײַ אים אויס דער קוואַל פון נאַטירלעכע טעמעס, מיט וועלכע זיין פּראָדוציר-לעבן איז אַזוי רייך, און ער הויבט אָן זוכן וועגן וואָס צו שרייבן. ער הויבט אָן זיך קליגן, קינצלען, זיך יאָגן נאָך „הויכן סטיל“, שרייבן „בילדער“, כקירעס, לידער...

מיט איין וואָרט, פון אַן אַרבעטער ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ געוויינלעכן זשורנאַליסט פון אַמאָליקע צייטן, וועלכער פלעגט שרייבן ניט קעדיי

צו פאַרענטפערן געוויסע פּראָבלעמען, נאָר קעדיי צו באַפרידיקן די זשורנאַ־ליסטן-קונסט. איז נאָך גוט, אויב דידאַקטיקע קונסט איז יעדעס מאָל און באַ יעדן, וואָס פּרעטענדירט אַף איר, טאַקע קונסט...

מע דאַרף דאָך ניט פאַרגעסן, אז נאָך דער אָקטיאַבר-רעוואָ/לוציע האָט זיך באַ אונז ראַדיקאַל געענדערט די זשורנאַליסטיק. פּובליציסטיק גלאַט אין דער וועלט אריין איז אין ראַטנפאַרבאַנד פאַרשוואונדן, ארטיקלען ווערן באַ אונז געשריבן אַף פראַגן פון קאָנקרעטער בויאונג און פון טוער, וועלכע זיינען אַוועקגעשטעלט דורך דער פּאַרטיי אָדער דער ראַטנמאַכט אַף באַשטימטע אר־בעט. די מעכאַברים פון דידאַקטיקע אַרטיקלען פילן ניט קיין מאַנגל אין טעמעס, אדעראבע, אָפט ווערן זיי פאַרפלייצט פון צופיל טעמעס, און זיי זיינען ניט שטענדיק אימשטאַנד זיי זשורנאַליסטיש צו באארבעטן. ווייל מע ווערט אָפט באַ אונז שרייבער דערפאַר, וואָס די ארבעט באַרייכערט מיט אינהאַלט און מע איז פאַרינטערעסירט אים איבערגעבן די מאַסן, און ניט דערפאַר, ווייל עס ווילט זיך שרייבן און מע איז געבוירענע זשורנאַליסטן.

איז וואָס באַדייטן די ווערטער: „דעם ארבקאָר ווילט זיך אריבער אַף די פאָדערשטע זייטן פון דער צייטונג”? וועגן וואָס וועט ער דעמאָלט שרייבן? קעדיי צו באַזיצן מאַמאָשעסדיקע טעמעס, דאַרף מען דאָך פירן א געוויסע מאַ־מאָשעסדיקע ארבעט, פאַרנעמען א קאָנקרעטן פּאָסטן. איז באַדייט יענע פראַזע אָדער, אז דער ארבעטער וויל אוועק פון דער פּראָדוקציע און פאַרנעמען עפּעס אַן אנדער פּאָסטן, אָדער, אז ס'זאָל אים דערלויבט ווערן זיך פאַרנעמען מיט „הויכן סטיל”, דאָס הייסט, שרייבן מעליצעדיקע „בילדער”, זיך לאָזן אפן וועג פון גראַמען א. אז. וו.

און דאָ קומט צו הילף די „אייביקע” טעמע וועגן דעם „נייעם לעבנ־שטייגער”—אָדער „זיכרוינעס”. מע פאַרוואַנדלט די צייטונג אין א מין „זאגס” (אָפּטייל פון ראַט, וואו מע פאַרשרייבט אקטן פון געבורט, הייראַט א. א. וו.), וואו מע רעגיסטרירט אַלע „רויטע בריסן”, „רויטע כאַסענעס”, „רויטע געטן” א. ד. גל. פאַרשטייט זיך, פאַרעגיסטרירן דאַרף מען דאָס אַלץ, אָבער דערביי ווערט דאָך פאַרגאָסן אַ יאַם מעליצע וועגן דעם „שימל פון דורעס”, וועגן דער „אַלטער אָפּשטאַרבנדער וועלט” א. א. וו. און אַז עס ווערט די שרייבער אַליין דערעסן, ניצעווען זיי איבער קאָרעספּאָנדענצן אין „בילדער”, וואו מע דערציילט, ווי די פרוי איז פריער געווען קעגן „סאָבראַניעס”, נאָר נאָכדעם, ווי דער מאַן האָט זי איבערגערעדט און זי געבראַכט אַף א פאַרזאַמלונג, האָבן זיך באַ איר געעפנט די אויגן א. אז. וו. און דאָס אַלץ אין סטיל פון א „רויטן איטשעלע” אנשטאט דעם געלן איטשעלע פון „מאָמענט”...

און אַז עס ווערט שוין דאָס אויך דערעסן, נעמט מען זיך פאַר „זיכ־רוינעס”. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דאָס קעמערל פון קאָמיוג אין דער מאָסקווער פּאָליגראַפישער שול האָט צום א י י נ י אָ ר י ק ן י ו ב י ל י י פון זיין עקזיסטענץ אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור מיט אַ באַריכט פון א יאָר טעטיקייט און מיט ז י כ ר ו י נ ע ס וועגן דער אַרבעט פון דעם קעמערל...

איך האָב דאָס אַלץ געבראַכט, קעדיי צו ווארענען אלע כאַוויירים, וואָס שרייבן, באַזונדערס די ארבקאָרן. איין פאַקט פון ווירקלעכן לעבן איז מער ווערט פון אַלע געמאַטערטע אויסטראַכטענישן. אנשטאט אונז דערציילן מיט גרויס טאַראַראם וועגן אַ „רויטן בריס״ באַ די קוסטאַרן, לעמאָשל, וואָלט געווען פיל וויכטיקער צו דערציילן וועגן דער מאַטעריעלער לאַגע פון די קוסטאַרן, די צאָל אַרטעלן זייערע, צי האָבן זיי לערן-אינגלעך א. א.ז וו. די לאַגע פון דער פּראָדוקציע, דער צושטאַנד פונם ווארשטאַט, וואָס מע לייענט און ווי מע לייענט, די ראַטן-אַרבעט, די פּראָפאַרבעט, די קאָאָפּעראַציע, דער אָרטיקער האַנדל, מיט איין וואָרט, דאָס גאַנצע אָרטיקע לעבן, אַף וויפל דער אַרבעטער זעט עס פון זיין וואַרשטאַט, אין זיין קלוב, אין זיין פאַריין, אין זיין פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע, אין זיין ראַט.

זאָלן די כאַוויירים אַרבקאָרן זיך באַצייטנס פאַרהיטן פון דער פּסיכאָלאָגיע פון געקינסטלטע ליטעראַטן, זאָלן זיי זיך לעכאטכילע און די גאַנצע צייט באַטראַכטן ניט ווי שרייבער, וואָס אַרבעטן, נאָר ווי אַרבעטער, וואָס דערציילן שריפטלעך זייער אַלטעגלעכע אויסקומעניש, וועלן זיי גלייך דערפילן, אַז זיי האָבן וואָס צו זאָגן און קענען דאָס זאָגן. דעמאָלט וועלן זיי זיין די עמעסע פאָרזעצער פון די אַרבקאָרן, וואָס האָבן צוריק מיט 12 יאָר אָנגעהויבן שאַפן אונזער צענטראַל-אָרגאַן די „פּראַוודא״ און צוזאַמען מיט איר די קומענדיקע רעוואָלוציע. יענע זיינען געקומען אין צייטונג אָן פּרעטענזיעס, אין פאַרשמאָלצעוועטע בלוזעס, מיט פאַרקאשערטע אַרבל פונם וואַרשטאַט, האָבן ניט געשטעלט קיין פראַגן, צו וואָס און אַף וועלכער זייט זיי האָבן דאָס רעכט צו שרייבן, און זיי האָבן געקראָגן אַלע רעכט—ביז רעגירונגס-מאַכט איינגעשלאָסן. איצט לעבן מיר אין אַן אַנדער עפּאָכע פון קאַמף אַפן ווירטשאַפטלעכן, קולטורעלן און אַנדערע פראָנטן. שרייבט, וואָס איר הערט און וואָס איר זעט! דער, באַ וועמען עס וועט זיך אַנטפּלעקן אַ העכערע קוואַליפיקאַציע, וועט מעמיילע פאַרנעמען דאָס אַנטשפּרעכנדיקע אָרט—מיר לעבן דאָך אין ראַטן-לאַנד. אָבער דעריקער איז—איינפאַכקייט און נאַטירלעכקייט אין פאָרם, געציילטקייט און געמאָסטנקייט אין ווערטער. ביפראַט נאָך, ווען מיר האָבן פאַר זיך אַזא געניאַלן מוסטער, דעם כ׳ לענין. כ׳ לענין איז ניט געווען אַ שרייבער, וועלכער קעמפט, נאָר אַ קעמפער, וועלכער שרייבט. ער איז געווען געניאַל שוין דערמיט אַליין, וואָס די פאַרוויקלטסטע אויפגאַבן פון דער סאַמע פאַרוויקלטסטער עפּאָכע האָט ער געקאָנט מאַכן איינפאַך און צוגענגלעך פאַר די סאַמע פּראָסטע מענטשן פון די אַרבעטנדיקע. איז זאָלן אונזערע אַרבקאָרן זיך לערנען, ווי מע דאַרף שרייבן איינפאַך, אָן פּרעטענזיעס, נאָר דאָס, וואָס מע דאַרף און פאַר וועמען מע דאַרף.

און אין פּרעסע-טאָג, ווען מיר פייערן אויך דעם געבורט פון אונזער צענטראַל-אָרגאַן „פּראַוודא״, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן דורך מאַסן איינפאַכע אַרבעטער אונטער דער אָנפירונג פונם געניאַלן איינפאַכן איליטש, דאַרפן

מיר אַלע זיך פֿאַרנעמען צו מעקאיעם זיין דעם לענין-געבאָט: ניט „ליטעראַ-טורעוועון״, נאָר שרייבן קורץ און שארף וואָס מיר הערן און זעען, אַף וויפל דאָס פאַרדינט פאַרנאָטירט צו ווערן.

דאָס איז דער איינציקער וועג צו ארבקאָרישער שאַפונג, וועלכע איז דערווייל דער אָנפאנג-שטאַפל צו פּראָלעטארישער קולטור פון א העכערער מאדרייגע.

מאי 1924.

די שפּראַך פון אונזערע צייטונגען

I

אויפגעקומען איז לעצטאַטכילע די פראַגע וועגן דער שפּראַך פונם „עמעס“, פאַרוואַנדלט איז זי געוואָרן אין אַ פראַגע וועגן דער שפּראַך פון אונזער גאַנצער טאָג-פּרעסע. אויפגעהויבן איז זי געוואָרן אַף די שפּאַלטן פון „עמעס“, — אַריבערגעטראָגן האָט זי זיך אַף די שפּאַלטן פון אַלע אונזערע צייטונגען און האָט שוין געבוירן קימאַט אַ גאַנצע געדרוקטע און שריפטלעכע ליטעראַטור.

וועגן וואָס האנדלט זיך דאָ?

די שפּראַך פון אונזערע אַרבעטער-צייטונגען, אין דער ערשטער ריי די שפּראַך פון „עמעס“, איז ניט גאָר פאַרשטענדלעך פאַר די אַרבעטער-לייענער, — אַזוי טאַינעט מען, און די טאַינע איז גאַנץ אָפּט ניט אומבאַגרינדעט.

איז פון וואַנען נעמען זיך די שפּראַך-שוועריקייטן אין אונזער פּרעסע און די איבערגעטריבענע שפּראַך-טאַינעס צו אונזער פּרעסע?

אַלץ אַרויפוואַרפן אַף די שרייבער, וועלכע זיינען קלוימערשט אפגעריסן פון די מאַסן און דעריבער פאַרנעמען זיי זיך נאָר מיט שפּראַך-צערטלעריי, מיט אידישיסטישער וואָרט-קלייבעריי, וואָלט הייסן זיין דעמאַגאָגיש. איך רייד שוין ניט פון דעם, וואס מיט יעדן טאָג ווערט דער טייל צייטונג, וואָס ווערט צוזאַמענגעשטעלט דירעקט דורך אַרבעטער, אַלץ גרעסער. אַפילע אין „עמעס“, וועלכער דערשיינט אין מאָסקווע, ווייט פון אידישע מאסן-צענטרען, ווערן די אָפּטיילונגען „פּראָווינץ“, „אַרבעטער לעבן“, אָפּט אונטערשטריך-פעליטאָנען און אַרטיקלען צוזאַמענגעשטעלט אָדער דורך אַרבעטער אָדער דורך מאַסן-טוער אין צענטר און אַף די ערטער. נאָר אויך די אָנפירער גופע פון די צייטונגען זיינען דאָך אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן נאָר אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, האָבן זיך אויסגעקאָכט אין די טיפענישן פון דער אַרבעטער-סוויווע, פון וועלכער זיי זיינען אַף איין מינוט ניט אַוועק. אַזוי, אַז אַרויפוואַרפן די שולד אַף אידישיסטישע גרויסהאַלטעריי, אַף אינטעליגענטישע שפּראַך-גאַיווע, ווי ס'טוט, לעמאָשל, כ' אַבראַם און אַנדערע, וואָלט געווען לאַכלוטן פאַלש.

כ' אַבראַם שרייבט:

„מע צאַצקעט זיך צופיל מיט די געקינצלטע זילבן און גראַמען פון דער נייער אידישער פּאָעזיע, מע זוכט מאָדערניזירטע אידישע ווערטער, אַ געלונ=

גענעם אויסלייג פאַר דער שפּראַך פון „קאָמפּאָן“, פאַרגעסנדיק אינגאַנצן אָן דער שפּראַך פון דער מאַסע“ *).

זוכן ווערטער, ווען די שפּראַך הויבט ערשט אָן לעבן אין פּיל, זייער פּיל נייע געבּיטן, שטרעבן צו דערגרייכן אַ געלונגענעם אויסלייג איז ניט בלויז ניט קיין לוקסוס-זאַך, נאָר עס איז די ערשטע נויטיקייט, ס'איז אַ כוויו פאַר אַ אידישן פּראָלעטאַרישן זשורנאַליסט. געוויס איז גערעכט כ' אַבראַם, ווען ער שרייבט ווייטער, אַז „זאָגן, אַז די אידישע אַרבעטער פאַרשטייען ניט קיין אידיש, איז אַן אבטורד אָדער אַ בעקיוונדיק שפּיצל פון אַ רוסיפיקאַטאָר אָדער פון אַ ציאָניסט“. אָבער דאָס איז דאָך די מאיסע, וואָס דער אידיש גופע האָט ביז דער אָקטיאַבר=רעוואָלוציע געהאט צו אָפּערירן מיט אַ באַגרע-ניצטער צאָל באַגריפן און דערשיינונגען, וואָס דער אידישער אַרבעטער איז געבליבן באַם פאַראָקטיאַברישן פאַרנעם פון זיין מוטער-שפּראַך, און דער אָק-טיאַבר האָט פאַר אונז געעפנט אַזאַ נייע וועלט פאַקטן, דערשיינונגען, באַגריפן און שטימונגען, וואָס די שפּראַך דאַרף זיי ערשט באַהערשן, איבערקאָכן און איבערשמעלצן אין נייעם וואָרט-מאַטעריאַל.

דאָס אַליין וואָלט שוין געווען גענוג אַף שווערער מאַכן די שפּראַך-אויפגאַבע פאַר אונזערע צייטונגען. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז אַפילע פון דער פאַראָקטיאַברישער שפּראַך-קולטור זיינען די אידישע אַרבעטער פאַר די יאָרן פון דער מילכאָמע און דער רעוואָלוציע אויך אָפּגעריסן געוואָרן. אָט שרייבט כ' קיפּער, וועלכער גייט צו צו דער פראַגע מער פּראַקטיש און באַטראַכט:

„דער גרעסטער טייל אידישע אַרבעטער האָט פאַר די יאָרן פון רעוואָ-לוציע און בירגער-קריג געלייענט זייער ווייניק אידישע צייטונגען און ליטע-ראַטור. דער פאַקט, וואָס אין מאָלעווער אידישער ביבליאָטעק איז פאַראַן ניט מער, ווי 26 אַרבעטער-לייענער פון אידישער ליטעראַטור (אין האָמליער אי-דישער ביבליאָטעק איז אויך ניטאָ מערער אידישע אַרבעטער-לייענער), באַ-שטעטיקט דאָס, וואָס מיר שרייבן“ **).

איז צו דער נייער אָקטיאַבר-סוויווע מיט איר גרויסן אויצער נייע דער-שיינונגען און באַגריפן, וואָס דאַרף ערשט דורך דער אידישער שפּראַך באַ-הערשט ווערן, קומט נאָך צו די אַלטע שפּראַך-קולטור, וועלכע איז פונם אי-דישן אַרבעטער פאַרלאָזט געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס רופט אַרויס באַם אידישן אַרבעטער-לייענער אַ פאַרשטעלונג, אַז מע שרייבט אַף אַן אומפאַר-שטענדלעכער שפּראַך פאַר אים, און באַם אידישן שרייבער און זשורנאַליסט שאפט עס אומגעהויערע שפּראַך-שוועריקייטן און וואָרט-ליידן.

II

מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז יעדער קער פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג באַרייכערט די שפּראַך. דאָס אויפקומען פון דער אידישער אַרבע-

*) „קאָמפּאָן“ יאַנוואַר 1924, נומ. 7.
**) „עמעס“ 1923, נומ. 270.

טער-באוועגונג איז געווען אַ גרויסער קער-פונקט אין דער געשיכטע פונם אידישן פאָלק, און די אידישע אַרבעטער-באוועגונג האָט טאַקע געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אַף דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער שפּראַך.

ווען דער אידישער אַרבעטער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פּאַטריאַרכאַלער פויעל, אַ געזעל און איז געוואָרן אַ באוואוסטזיניקער פּראָלעטאַריער, האָט ער זיך גלייך קאָנסטיטואירט אין אַ מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט. ער האָט באַקומען אַ קלאַסן-שטאַנדפּונקט, האָט זיך דערוואָרבן אַנשויאונגען, האָט אָנגעהויבן שטרעבן צו רעוואָלוציאָנערע עראָבערונגען. די אַלע אונטערגעשטראָכענע ווערטער, וועלכע זיינען איצטער אזוי אָרגאַניש און צוגענגלעך פארן אידישן ארבעטער, זיינען בעשאס זייער אויפקומען געווען פרעמד און אומפארשטענדלעך. אונזערע עלטערן האָבן ניט געוואוסט פון קיין „שטאַנדפּונקט“, פון קיין „וועלטאנשויאונג“, פון קיין „קלאסן-באוואוסטזיין“ און אז. וו. אזוי ארום איז אנטשטאנען אַ נייער אויצער פאקטן, באגריפן, שטימונגען און דערשיינונגען, וועלכע זיינען באלד איבערגעגאָסן געוואָרן אין וואָרט-מאטעריאל און האָבן אָן אַן ערעך באַרייכערט דעם לעקסיקאָן פונם אידישן אַרבעטער.

ניט שטענדיק זיינען די נייע ווערטער געווען לויטן אינערלעכן גייסט פון דער שפּראך, — אַמאָל זיינען זיי געווען צו דייטשמעריש, אמאָל צופיל פּארוסישט, אָבער די שפּראך האָט אין זיך דעם גאנצן נייעם ווערטער-מאטעריאל איבערגעקאָכט, אָפּגעוואָרפן דאָס, וואָס ס׳איז איר געווען פרעמד, איבערגעאַנדערשט דאָס, וואָס ס׳איז מעסוגל צו אסימילירט ווערן.

„פון דער שפּראַך פון מענדעלע, פּערעץ און שאָלעם-אלייכעם האָט זיך דער אידישער אַרבעטער דערוואוסט אַסאַך שפּעטער, ווען אין זיין מויעך האָבן שוין אָנגעהויבן שפּראָצן עפּעס נייע געדאַנקען“, — אַזוי שרייבט כ׳ שאָלעם לעווין *). אַזוי איז טאַקע געגאַנגען דער אַנטוויקלונגס-וועג פון דער אידישער שפּראַך: פון איין זייט איז די דייטשמערישע שפּראַך פון דיקן און שאָמערן באַזיגט געוואָרן דורך דער ליטעראַטור פון די קלאַסיקער, וועלכע האָבן אַנטדעקט די שפּראַך-אויצרעס פון די פאָלקס-מאַסן, און פון דער אַנדערער זייט האָט די אַרבעטער-באַוועגונג געשאַפן נייע שפּראַך-אויצרעס אין העסקעם מיטן אויסגעוואַקסענעם קולטור-צושטאַנד פון די אַרבעטער-מאַסן.

אָבער די אַלטע קלאַסישע אידישע ליטעראַטור איז אין זין פון שפּראַך געווען קאָנסערוואַטיוו-זאַמלעריש, ד. ה. זי האָט געזאַמלט די פאַראַנענע אויצרעס פון דער אידישער פאָלקס-שפּראַך, — זי האָט אָבער ניט רעגיסטרירט די נייע וואָרטשאַפונג פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג און פונם גאַנצן פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס דידאָזיקע באַוועגונג האָט אַרויסגערופן אין דער אידישער סוויווע. ביז פּערעצן געפינען מיר קימאַט ניט אין דער אידישער ליטעראַטור קיין רעמעז אַפן לעקסיקאָן פון דער נייער געזעלשאַפטלעכקייט. און אַפילע נאָך פּערעצן געפינען מיר קימאַט ניט אין דער אידישער

*) „עמעס“ 1923, נומ. 286.

ליטעראַטור קיין וואָרט-אָפּשפּיגלונג פון דער נייער מאַסן-קולטור. דערפאַר איז, לעמאָשל, אזוי אומבאהאָלפן אַפילע אַזאַ גרויסער קינסטלער, ווי ד. בערגעלסאָן, ווען ער פּרוּווט זיך יאָ אָפּשפּיגלען דעם נייעם קולטור-געזעלשאַפטלעכן לעקסיקאָן: לעמאָשל, „סובסטאנץ" אין „פּאַרטונקלטע צייטן", אייניקע ערטער אין „אַרום וואקזאַל" א. א. וו.

דערפון איז אַרויסגעקומען דאָס, וואָס די פריערדיקע ליטעראַטור האָט ניט מיטגעהאָלפן צו באַרייכערן דעם פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן לעקסיקאָן פונם אידישן ארבעטער. אין דער רוסישער ליטעראַטור זעען מיר אַ פאַרקערטע דערשיינונג. זי האָט ניט בלויז רעגיסטרירט די נייע וואָרטשאַפונג פון דער געזעלשאַפטלעכקייט, זי האָט אָפט אליין געשאַפן ווארט-מאטעריאל פאַר דער געזעלשאפטלעכקייט. לעמאָשל, די ווערטער „ניהיליזם", „ניהיליסטן" זיינען געוואָרן פאַרשפּרייט און פּאָפּולער אַדאַנק טורגעניעווס ראָמאַן „פּאָטערס און קינדער" און אַז. וו.

די אָפּשפּיגלונג פון דער פּראָלעטאַרישער וואָרטשאַפונג, די ווירקונג פון דער גאַנצער וואָרט-קולטור, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך דער אַרבעטער-באַוועגונג און אַרום איר, הויבן מיר אָן ערשט געפינען אין דער נייער דיכטונג. די שפּראַך פון אָשער שוואַרצמאַן, מאַרקיש, קוויטקאָ, האָפשטיין, קושנעראָוו, רעזניק, פעפער א. א. איז ניי און מאָדערן. זי רעאַליזירט ערשט איצט די שפּראַך-ענערגיע, וועלכע איז אָנגעזאַמלט געוואָרן דורך די דורעס פון אַרבעטער-קאַמף, און ווען כ׳ אַבראַם איז ניט צופרידן, וואָס „מע צאַצקעט זיך מיט די פיל זילבן און גראַמען פון דער אידישער פּאעזיע", איז ער גערעכט נאָר אַף אַזוי פיל, אַף וויפל דאָס „צאַצקען זיך" מאַכט צופיל ראַפינירט אונזער צייטונג-שפּראַך,—האַגאַם, ווען איז דאָס אונזער צייטונג-שפּראַך אַזוי ראַפינירט? ער איז אָבער קלאַל ניט גערעכט, אַף וויפל אין זיינע ווערטער שטעקט אַ געוויסער ביטל צו דער שפּראַך פון אונזער נייער פּאָעזיע. דאָס הייסט אָפּלייקענען אונזער אייגענע אַרבעטער-יערושע: האלעוואי זאָל דאָס געלויטערטע, שטייפע און ריינע וואָרט פון אונזער פּאעזיע אַריין אין אונזער אַלטעגלעכן געברויך.

נאָר ס׳איז פאָרגעקומען אַ היסטאָרישער איבערייס: ווען די אידישע ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן איבערגיין צו רעאַליזירן די שפּראַך-ענערגיע, וועלכע איז אָנגעזאַמלט געוואָרן דורך דער אַרבעטער-באַוועגונג, איז דער אידישער אַרבעטער דורך די יאָרן פון מילכאָמע און רעוואָלוציע אָפּגעריסן געוואָרן אַפילע פון זיינע פריערדיקע שפּראַך-דערגרייכונגען. אומאָפּהענגיק פון די שטימונגען פון דער נייסטער אידישער ליטעראַטור, וועלכע זיינען עפּשער אַמאָל פרעמד דעם געדאַנקען-גאַנג פונם אידישן אַרבעטער, איז דער אידישער אַרבעטער אַליין אַביסל דערווייטערט געוואָרן פון שפּראַך-קולטור איבערהויפּט. איז נאָך מער שווער געוואָרן די אויפגאַבע פון דער צייטונג, וועלכע דאַרף אָפּקעמפן די שפּראַך-פּאָזיציעס פון דער פריערדיקער עפּאָכע און מוז שאַפן נייע וואָרט-פּאזיציעס פאַר באהערשן דעם נייעם אינהאַלט פון דער אָקטיאַבר-עפּאָכע.

ביפראט נאָך, אַז די אָקטיאַבר-עפּאָכע האָט געשאַפן גאָר אַ נייע פּאָלי-

טישע,ווירטשאפטלעכע און קולטורעל-געזעלשאַפטלעכע סוויווע, אין וועלכער די אנטוויקלונג פון דער אידישער שפּראַך און קולטור איבערהויפּט באַגעגנט זיך מיט גאָר נייע פאקטאָרן, וואס אין איין און דערזעלבער צייט איז אי זיי פארלייכטערן, אי זיי פארשווערן אונזער ארבעט.

III

פאַר דער רעוואָלוציע איז די אידישע קולטור-סוויווע געווען אָפּגעזונדערט פונם אַרומיקן קולטור-לעבן, ווי דאָס לעבן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט האָט געפליסט איזאָלירט פונם אלגעמיין-פּראָלעטאַרישן גאַנג. דער סיידער פון א נאַציאָנאַל-בורזשואזער מעלוכע אונטער דער הערשאפט פונם צאַריזם האָט געשאַפן „טכומען" סאי פ א ר די פעלקער, סאי צ ווי ש ן די פעלקער פונם געוועזענעם רוסלאנד. דערביי איז דער סאמע שטאַרקסטער, דער סאַמע כינעזישער „טכום" געווען דער אידישער.

דער רעזשים פון אַ נאַציאָנאַל-בורזשואזער מעלוכע אונטער דער הער-שאַפט פונם צאַריזם מיט זיינע מעכיצעס פ א ר און צ ווי ש ן די פעלקער האָט זיך געהאַט זיין דיאַלעקטיק, זיין אינעווייניקסטע לאָגיק, געגרינדעט אַף אָרגאַנישע ווידערשפּרוכן. פון איין זייט, האָט ער שטאַרק מיטגעהאָלפן דעם קאָנסערווירן די נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייטן פון יעדן געגעבענעם פאָלק. פון דער אַנדערער זייט, איז ער געווען א געוואלטיקע שטערונג פאר דעם, אז דידאָזיקע אייגנטימלעכקייטן זאָלן אין זייער סטיכישן שטרעבן צו אַן אַלגעמיינעם סאַכאַקל זיך אנטוויקלען און דערהויבן ווערן צו דער מאדרייגע פון א סינטעטישער, איינהייטלעכער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר קולטור אַלס אָרגאנישער גליד פון דער א י נ ט ע ר נ א צ י אָ נ א ל ע ר קולטור. און אויב די אידישע מאסן-קולטור האָט נאָך פאר דער רעוואָלוציע אָנגעהויבן ווערן א נאציאָנאלע קולטור מיט צוזאָגן און פּערספּעקטיוון צו באקומען אן אינטערנאציאָנאלן ווערט אין אינהאלט, איז דאָס פאָרגעקומען ניט אדאנק דעם פאָריקן רעזשים, נאר אין שטענדיקן קאמף קעגן איר.

איז די קולטור-סוויווע פונם אידישן ארבעטער פאר דער רעוואָלוציע געווען אן אָפּגעזונדערטע, און דידאָזיקע אָפּגעזונדערטקייט האָט ארויפגעלייגט איר שטעמפּל אף דער אנטוויקלונג פון דער אידישער שפּראך. דאָס אייגענע, „אווטאנאָמע" לעבן האָט ניט געשטראָמט רוישיק, פלעגט ניט ארויסברענגען יעדן טאָג נייע מעגלעכקייטן און דערשיינונגען, וואָס זאָלן ברעכן די אַלטע צוימען פון דער שפּראך. פון יענער זייט מעכיצע, ווידער, פלעגן אויך ניט אזוי אָפט אויפקומען נייע דערשיינונגען, פאקטן, באגריפן א. אז. וו., וואָס זאָלן פאָדערן א באלדיקע רעגיסטראציע און איבערארבעטונג דורך דער שפּראך. און פלעגן זיי ווען יאָ אויפקומען,—זיינען זיי ניט אזוי גיך אריינגע-דרונגען אין דער אידישער סוויווע, און די שפּראך האָט געהאט צייט אויסצו-זוכן פאר זיי אידישע אויסדריקן און פאָרמען. די אידישע קולטור האָט זיך

אנטוויקלט בעהאדראָגע, ווי דאָס לעבן פונם גאנצן לאנד, און די לעפּיערעכדיקע רואיקייט און טריט-בּא-טריט-אנטוויקלונג פון דער אידישער קולטור האָט געפונען איר אויסדריק אין דער לאנגזאמקייט און געוויסער פוילקייט פון דער אנטוויקלונג פון דער אידישער שפראך.

דער ראטן-רעזשים האָט געשאפן גאָר אן אנדער מין דיאלעקטיק. פון איין זייט, די אלטעגלעכע פראקטיק פון „פראָלעטאריער פון אלע לענדער (און פעלקער) פאראייניקט זיך”, און פון דער צווייטער זייט—די פראקטיק פון „זעלבּסטבּאשטימונג בּיז אָפּטיילן זיך”. פון איין זייט, ווירטשאפטלעכע ניוועלירונג און צונויפגיסן פונם גאנצן פארבּאנד, פון דער צווייטער זייט—אומבּאגרעניצטע מעגלעכקייטן פון נאציאָנאל-קולטורעלער אינדיווידואליזאציע פון אלע פעלקערשאפטן, וועלכע בּאזעצן דעם פארבאנד. פון איין זייט, די גרעסטע בּאגייסטערונג פאר דער רוסישער קולטור און שפראך, ווי די קולטור און שפראך פון דעם אָפּטייל פונם אינטערנאציאָנאלן ארבעטער-קלאס, וועלכער האָט דער ערשטער אין דער וועלט-געשיכטע איינגעשטעלט די דיקטאטור פונם פּראָלעטאריאט; פון דער צווייטער זייט, האָט דידאָזיקע דיקטאטור אזוי טיף צעאקערט דעם מאסן-באדן פון אלע נאציעס און פעלקער, זי האָט אף דער ארענע ארויפגעפירט אזויפיל און אזא קרעפטיק מאסן-רויווארג פון יעדן פאָלק מיט נאָך ניט געריר טע שפראך-אוצרעס און בּוויזנדיקער שאפונגס-ענערגיע, אז פאר דער קולטור פון יעדן פאָלק אן און פאר זיך און פאר איר דערהויבּונג צו דער מאדרייגע פון אן אינטערנאציאָנאלן ווערט האָבּן זיך געעפנט אומבאגרעניצטע מעגלעכקייטן און פערספּעקטיוון.

צווישן דידאָזיקע אָביעקטיווע, אָרגאנישע אייגנשאפטן פונם ראטן-רעזשים, די אינטערנאציאָנאליזירנדיקע און „נאציאָנאליזירנדיקע”, איז נאָך אזהאיאָם ניט געפונען געוואָרן דער געהעריקער גלייכגעוויכט. דערפאר איז בּא דער גאנצער ק ל אָ ר ק י י ט פון דער ליניע פון ר.ק.פּ. און דער ראטנמאכט אין דער נאציאָנאלער פראגע, זיינען דאָך אין מעשעך פון די זעקס יאָר ראטנמאכט געווען אזויפיל פאקטישע וואקלונגען און אָפּנויגן אין אונזער ק אָ נ ק ר ע ט ע ר נאציאָנאלער פּאָליטיק. דער ערשטער גרויסער שריט איינצושטעלן „ערנסט און אף לאנג” אזא מין גלייכגעוויכט איז געווען דער 12-טער צוזאמענפאר פון ר.ק.פּ., און דאָך וועט נאָך פיל יאָרן אויסקומען אָנגעשטרענגט ארבעטן, קעדיי דעמדאָזיקן גלייכגעוויכט ענדגילטיק אויספאָרמירן און פארפעסטיקן.

ווייניקער, ווי אומעטום, איז דערדאָזיקער גלייכגעוויכט אָביעקטיוו דערגרייכט געוואָרן אין דער אידישער סוויווע, וואו די לאַגע איז אַ העכסט קאָמפּליצירטע. די אידישע סוויווע, וועלכע איז פריער געווען אינגאַנצן איזאָלירט און אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, איז איצט אינגאַנצן אָפן פאר אלע צוגווינטן סאַי פון דער „נאַציאָנאַליזאַציע”, סאַי פון „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע”. דער אידישער פּראָלעטאַריאט איז אַ קלאַס פון אַן עקסטעריטאָריאַלן פאָלק, וואָס איז אינזלענווייז ארייַנגעשפּרענקט אין אַנדערע נאַציאָנאלע מערהייטן,— דערין ליגן געוויסע שוועריקייטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון זיין נאַציאָנאלער

קולטור. ער איז אָבער אין דערזעלבער צייט אַ קלאַס פון אַ פאָלק, וואָס לעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסן אין די שטעט און שטעטלעך אין פריערשער אַרומרינגלונג און האָט אַלטע איינגעפונדעוועטע קולטור-טראַדיציעס און געוואוינהייטן — דערין ליגט דער פעסטער באָדן פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון זיין נאַציאָנאַלער קולטור.

פריער איז געווען שטאַרק באַגרעניצט דער שטאַך פון דער אידישער קולטור און שפּראַך, האָבן זיי מיט זייערע אויפגאבן געקאָנט לעפיערעך לייכט דורכקומען. אָקטיאַבר האָט מיטאַמאָל אומבאַגרעניצט פאַרברייטערט זייער שטאַך, ער האָט פאַר זיי געעפנט אָן אַ שיר נייע געביטן, דערביי ווערן דידאָזיקע געביטן לעכאַטכילע אַנטדעקט און באַאַרבעט דורך דעם אַלפאַרבאַנדישן פּראָלעטאַריאַט און זייער ערשטע רעגיסטראַציע און איינמעלדונג, אַזוי צו זאָגן, באַקומען זיי, נאַטירלעך, אין דער רוסישער שפּראַך, אלס די אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך פון דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע אינם ראַטנפאַרבאַנד. אידיש האָט, פון איין זייט, באַקומען אומגעוויינלעך גרויסע מעגלעכקייטן ארומצונעמען אַלע געביטן פון לעבן און האָט באקומען דעם נאַטירלעכן און אָרגאַנישן כיישעק פאַקטיש דידאזיקע מעגלעכקייטן צו פאַרווירקלעכן, — פון דער אַנדער זייט, האָט די שפּראַך דערפילט איר ארימקייט און די היסטאָרישע באַגרעניצטקייט פון איר באַנוץ-שטאַך. ביפראַט נאָך, אז אין דער אידישער סוויווע זיינען די מעכיצעס צווישן דער נאַציאָנאלער שפּראַך און דער מעלוכישער שפּראַך אָפּט גאַנץ שוואכע און וואַקלדיקע, און ביז וואַנען אידיש גיט זיך אַ ריר אַף אויסגעפינען און איבערקאָכן אַ געוויסן אויסדריק, טערמין, וואָרט-געברויך, רייסט זיך שוין פון אלע זייטן אין אונזער לעקסיקאָן דאָס פאַרטיקע רוסישע וואָרט.

די ראַטן-סוויווע, וועלכע איז צוליב גאַנץ פאַרשטענדלעכע סיבעס און טאַימים אָן אַן ערעך ברייטער פון דער נאַציאָנאלער סוויווע פון יעדן פאָלק אינם ראַטנפאַרבאַנד (אויסער דער רוסישער), איז באַזונדערס שווער מיטאַמאָל אַריינפאַסן אין די דערווייל נאָך ענגע ראַמען פון דער אידישער שפּראַך. די אלזייטיקע ראַטן-קולטור האַלט אין איין וואַקסן און ברויזן, יעדן טאָג קומען אין איר אויף נייע דערשיינונגען און באַגריפן, און איר שאַפנדיקער מיטלפונקט איז אַדהאַיאָם און וועט נאָך לאַנג זיין דער רוסישער פּראָלעטאַריאט און זיין שפּראַך. און אַפילע די רוסישע שפּראַך פילט אַ געוויסע שוועריקייט אינם באהערשן דעם רעוואָלוציאָנערן מאַבל פון באגריפן, דערשיינונגען, שטימונגען, אנשטאַלטן און פאַקטן, און פיל שפּראַך-פסוילעס זיינען אין רוסיש אויך אויפגעקומען, וועלכע די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פון דער רוסישער שפּראַך וועט זיי מיט דער צייט פון זיך אָפּוואַרפן. גענוג מאַטערנישן האָט יעדע נאַציאָנאלע שפּראַך אינם פאַרבאַנד אין איר מוז ארומצונעמען די סאָוועטישע, פאַרטייאישע, פּראָפעסיאָנעלע,ווירטשאַפטלעכע אלטעגלעכקייט, און ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אז באַזונדערע שוועריקייטן פילן מיר אין אידיש.

IV

דידאַקטיקע שפּראַך-שוועריקייטן זיינען אייגנטלעך דער טאַמציס פון אַלע אונזערע קולטור-שוועריקייטן. אונזער קאָמוניסטישע אידישע אַרבעט באַשטייט דאָך דעריקער אין אַרבעטן אף אידיש. און טאַקע דערפאַר, וואָס דער אויבן געזאָגטער גלייכגעוויכט איז בא אונז נאָך אַמווייניקסטן דערגרייכט געוואָרן, וואָס מיר פילן אומעטום די געשילדערטע שוועריקייטן, איז איינע פון די סיבעס, וואָס ס'איז בא אונז אף אַ מאָמענט אויפגעקומען די באַרימטע פּראָבלעם פון „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע".

די אידישע קולטור-אַרבעט איז זיך צעוואַקסן, די נעץ קולטור-אַנשטאַלטן האָט אָנגעהויבן שטייגן אין דער הויך. מיר האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פאַרמעסטן ניט בלויז אף „ריינע" קולטור, נאָר אף קולטורעלע פּראָדוציר-אַלטעגלעכקייט אין דער פאָרם פון פּראָפשולן א. אז. וו. האָבן זיך איינע דערשראָקן פאַר אייגענער אָרימקייט, די צווייטע זיינען אַריינגעפאַלן אין אַן ערנסטן ישעוואַדאַאַס וועגן די פּערספּעקטיוון און דעם מעגלעכן טאַכלעס פון אונזער קולטור-וואוקס, — דאָס איז, לויט מיין מיינונג, דער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישער באָדן, אף וועלכן עס איז אויפגעקומען די פּרינציפּיעלע פּראָבלעם פון „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע".

איצט קומט מען דאָ און דאָרט אין אונזער פּראָווינציעלער פּרעסע מיט א מין שעמעוודיקער, פּאַכדאָנישער „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע" אין דער שפּראַך-פראַגע, און מע באַשאַפט נאָך צוליב דעם באַזונדערע אָרטיקע טעאָריעס פון עקסטערנישן מאַרקסיזם.

מיר פאַרמעסטן זיך ניט בלויז אף אַ צייטונגס-קולטור — מיר האָבן שוין און ווילן האָבן אַ רייכע שפּראַך-קולטור, — בעלעטריסטיק, דיכטונג, קונסט, וויסנשאַפטלעכע פּובליציסטיק. דידאַקטיקע אַלע געביטן זיינען צווישן זיך אָרגאַניש פאַרבונדן, איין געביט איז אַ פּאָלגע פונם צווייטן און א שטופּע צום צווייטן. די שפּראַך פון דער צייטונג דאַרף איינגעזאַפּט ווערן אין אונזער בעלעטריסטיק און דיכטונג ביכלאַל, די שפּראַך פון אונזער בעלעטריסטיק און דיכטונג דאַרף שפּילן אין אונזער צייטונג, אז ניט, וועט צווישן דער שפּראַך פון אונזער לעבעדיקער געזעלשאַפטלעכקייט און דער שפּראַך פון אונזער דיכטונג פאַרבלייבן די אַלטע מעכיצע. ווי איז געווען אַמאָל? דער אַרבעטער האָט געקעמפט, האָט אָנגעשטרענגט געשאַפן נייע דערשיינונגען און ווערטן, וועלכע פלעגן באַלד איבערגעגאַסן ווערן אין א נייער פרישער שפּראַך. איז ער אָבער געקומען אהיים און זיך גענומען פאַר א ביכל פון דער „שיינער ליטעראַטור", האָט ער זיך באַלד דערפילט פריי פון זיינע קאַמפּס-מאַלבושים און פלעגט זיך „אָפּרוען" אף זיין אַלטן „מאַמע-לאָשן" און „טאַטע-מאַמע"-שטייגער. מיר אַליין קומען איצט צו דער אידישער ליטעראַטור מיט שטרענגע פאָדערונגען, זי זאָל אָפּשפּיגלען דעם רעוואָלוציאָנערן לעבנשטייגער, אַז זי זאָל אונז געבן דעם אַרבעטער, דעם קאָמוניסט, די ראַטן-סוויוווע. איז וואָס וועט שילדערן די ליטעראַטור, די דיכטונג — דעם „כאָזיאַיסטווועניק", די „יאַט-

שייקע", דעם „סאָוונארכאָזניק", דעם „שקורניק" א. א. וו.? שוין זשע קאָנען און דארפן דידאזיקע און ענלעכע ווערטער אריינגיין אין א קינדער-כרעסטאָמאטיע, אין דער דיכטונג א. אז. וו.?

און אין טעאטער? שוין זשע וועלן מיר רעסטאווירן די „מארקוס"-שפּראַך (לויט דער „קישעפמאכערין"), נאָר שוין אין אַ רוסישער טראַנסקריפּציע?

די צייטונג איז דאָס מעכטיקסטע געווער ניט בלויז אין פּאָליטישן קאמף, נאָר אויך אין שאפן און אויסבילדן אונזער קולטור. די שפּראַך פון דער צייטונג האָט די סטיכישע טענדענץ צו ווערן די שפּראַך פון דער גאַנצער ליטעראטור, ביפּראט נאָך בא אונז, וועלכע זיינען אין ביכער דערווייל גאנץ אָרים.

און ווי קאָן א וואָרט בלייבן אין דער שפּראַך איזאָלירט, אָפּגעריסן פון זיין שוירעש, פון אלע דעקלינאציעס (בויגונגען) און פארצווייגונגען? באנוצט מען דאָס וואָרט „כאָזיאיסטוועניק", מוז מען סאָפּקאלסאָף קומען צום וואָרט „כאָזיאיסטווע" א. אז. וו. — ווי וועט אויסזעען אין לעצטן סאכאקל אונזער שפּראַך?

V

איז טאקע ריכטיק, אז די שפּראַך פון אונזערע צייטונגען, דעריקער פונם „עמעס", איז ניט שטענדיק לייכט פאַרשטענדלעך פאַרן לייענער, — אָבער דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן פאַרשטיין *ווערטער*: דאָס קומען צו יעדן טאָג פּאָשעט נייע *באגריפן*, וואָס דאַרפן אַריינגעפּאַסט ווערן אין די ראַמען פון דער אידישער שפּראַך.

אמאָל, מיט א יאָר דרייסיק צוריק, האָבן א *פאַרלעגנהייט*-געפּיל ארויסגערופן, לעמאָשל, די ווערטער: „שטאַנדפּונקט", „קלאַסן-באַוואוסטזיין", „אַנטוויקלונג", „אנשויאונג", „שטרייק" (אמאָל פלעגט מען ניט שטרייקן, מע פלעגט „מעאקעוו זיין די קריע"...), „סאלידאַריטעט" א. א. וו., — ד. ה. דער גאנצער לעקסיקאָן פון פּראָלעטארישן קלאַסנקאַמף. איצטער רופן אַרויס אַ געפּיל פון *אומצעפרידנקייט* די ווערטער: „צוזאַמענשלוס" (סמיטשקע), „קעמערל", „ראַטפּאָלקאָם", „ווירטשאַפטלער", „שפּייזלער", „קאָמיוג", „אָרים-פּויערים-קאָמיטעט" א. א. וו., ד. ה. דער גאנצער לעקסיקאָן פון דער פאַרווירקלעכטער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאַט, די פאַראידישטע ווערטער און באגריפן פון ראַטנמאכט.

אמאָל פלעגט דער אידישער ארבעטער באַם באַקומען אַ ניי וואָרט דערפילן נאָר *פארלעגנהייט*, ווייל בא דער אָפּגעזונדערטקייט פון דער אידישער סוויווע פלעגט ער מיטאמאָל באקומען אי *דאָס נייע וואָרט*, אי *דעם נייעם באַגריף*, וואָס עס דריקט אויס, און פאַר אים פלעגט שטיין די באגריף-פראַגע, ניט די וואָרט-פראַגע. ביפּראט נאָך, אז באַם דעמאָלטיקן שטילן טעמפּ פונם לעבן האָט דער ארבעטער געהאט גענוג געדולד און צייט צו אסימילירן, איבערקאכן אין זיך צוזאַמען אי דאָס וואָרט, אי דעם באַגריף. איצט, ווען די טויערן פון דער אידישער סוויווע זיינען ברייט צע-

פּראלט, באַקומט דער אידישער אַרבעטער אָפּט דאָס נייע וואָרט טייקעף, נאָך איידער ער באַנעמט דעם נייעם באַגריף, וואָס דאָס וואָרט אנטהאלט אין זיך. אָבער באַקומענדיק דאס ווארט, האָט ער די אילוזיע, אַז ער האָט שוין באַהערשט דעם באַגריף, און גענוג צייט באם ואַשן טעמפּ פונם רעוואָלוציאָנערן לעבן האָט ער ניט, מאיסע באַלעבאָס פילט ער זיך, — איז ער אומגעדולדיק, דריקט ער אויס זיין אומצופרידנקייט...

אָבער פונקט ווי ער האָט אמאָל, ניט געקוקט אף דער פארלעגנהייט, דאָך באהערשט אין אידיש דעם נייעם לעקסיקאָן און באגריפן-אויצער פון זיין קלאסנקאמף, אזוי וועט ער סאָפּקאלסאָף איבערקאָכן און מאַכן פאַר זיין אייגנס אין אידיש אויך דעם לעקסיקאָן און באַגריפן-אויצער פון זיין קלאַסן-דיקטאטור און ראטנמאכט...

יאנוואר 1924.

נייע פראזע?...

(ש. גארינער. טאג אַנטקעגן.—י. מייעראָוויטש. אין א צייט אַזא (שטראם נ. 5—6)—
ב. אָרשאנסקי. אף כוואליעס. — כ. גילדין. קאמונארן. לעניניאדע).

I

דער קריזיס.

אַז די אידישע קינסטלערישע פראָזע לעבט איבער זייער אַ שווערן קריזיס,—איז שוין געוואָרן אַן אַלגעמיין אַנערקענטער עמעס. באַ אונז אין ראַטנפאַרבאַנד ליידט די אידישע ליטעראַטור פון דעם, וואָס פראָזע פעלט אין איר אינגאַנצן; אין אויסלאַנד ליידט זי פון איבערפלוס פון אַזאַ פראָזע, וואָס אַז זי איז שוין פאַראַן, איז מאַכטייסע, עפשער וועט עמיצער אין איר אַריינקוקן, נאָר ליטעראַטור אין עמעסן זין פון וואָרט ווערט פון איר ניט געבויט.

די גרונט־סיבע פון דער יערידע פון אונזער קינסטלערישער ליטעראַטור האָט דער ערשטער דערקלערט איינער פון אירע בעסטע שעפער, איר געוועזענער „קויהען גאָדל"—דאָוויד בערגעלסאָן.

דאָס איז. געווען אין סאָף 1918-טן יאָר און אָנהויב 1919־טן יאָר. ווען ס'איז דערשינען דער ערשטער זאַמלבוך „אייגנס", מיט אַן אָנהויב פון בערגעלסאָנס ראָמאַן „פאַרטונקלטע צייטן", האָב איך אָנגעוויזן, אַז העיויס ווי בערגעלסאָנס אוואודע איז די קינסטלערישע רעאַביליטאַציע, עמעס, אַ העכסט קינסטלערישע און העכסט טאַלאַנטפולע רעאַביליטאַציע, פונם אידישן מיטלשטאַנד, הויבט ער שוין אָן זיך אַליין קינסטלעריש מאַלעגיירע זיין, און אַבראַם ראַפּאָפּאָרט פון „פאַרטונקלטע צייטן" איז ניט מער ווי אַ אינטערעסאַנט איבער־געניצעוועטער גדאַליע הורוויטש פון „נאָך אַלעמען"... בערגעלסאָן האָט זיך טיף באַליידיקט און האָט געענטפערט מיט אַ מין דעקלאַראַציע-אַרטיקל אונטערן נאָמען „דיכטונג און געזעלשאַפטלעכקייט", וועלכער איז געווען אָפּגעדרוקט אין קיעווער זשורנאַל „ביכער-וועלט" (נומער 4—5). אין דעמדאָזיקן אַרטיקל איז געווען געזאָגט:

„אויב די איינזאַמקייט פון דער דיכטונג אין אַלגעמיין איז אין איצטיקן מאָמענט (ד. ה. בעשאַס רעוואָלוציע. מ. ל.) זייער גרויס, איז די איינזאַמקייט פון דער אידישער דיכטונג שרעקלעך. אינם מיטלשטאַנד פון יעדן פאָלק געפינען זיך דאָך אייניקע עפּאָס-עלעמענטן, וואָס

נעמען ניט קיין דירעקטן אנטייל אינם איבערבויאונגס=פּראָצעס פון דער געזעלשאַפט, און דער כאַאָטישער וועלט=צושטאַנד (ד. ה. די רעוואָלוציע. מ. ל.) האָט זיי ניט אינגאנצן פאַרכאַפּט. זייער באַציאונג צו דיכטונג איז ניט געענדערט געוואָרן, און אין דערזעלבער צייט שטעלן זיי מיט זיך פאָר די מער שטאנדהאפטיקע, רואיקע פאָרמען (אונזער קורסיוו. מ.ל.), אַף וועלכע די דיכטונג באַזירט אירע פּרואוון. באַ אונז אָבער איז דער מיטלשטאנד לאַכלוטן ניט פאַרינטערעסירט מיט דער אידישער שאַפונג. פאַר דער אידישער דיכטונג בלייבן אַזוי אַרום, פון איין זייט, דער ניט אַנטוויקלטער פאָלקס-מענטש, וועלכער איז צו דער טראַדיציע פון בילדערלעכקייט ניט דערוואקסן און באַנעמט נאָר יענע צייכענונגען, וואָס באַשטייען פון פּרימיטיווע ליניעס, — אַנדערש געזאָגט, ער באַנעמט נאָר דעם „לובאָק“. און פון דער אַנדערער זייט, בלייבט פאַר דער אידישער דיכטונג דער אינטעליגענטער לעזער, וועלכער איז, אַגעוו, טיילווייז אויפגעצויגן אַף פרעמדער דיכטונג און קומט צו אונז פון פרעמדע טישן. דאָרט באַ די פרעמדע טישן לאָזט דער זייטיקער אויער דורך קימאַט די גאנצע האַנדלונג, וואס טראָגט אַ נאַציאָנאַל-סוביעקטיוון כאַראַקטער, און נעמט אויף ניט מער, ווי דעם אַלמענטשלעכן זינען אירן — די אוניווערסאַלע קאַוואָנע... איצט, ווען דערדאָזיקער לעזער קאָן ניט און טאָר ניט שטיין אויסער דער שפּאָגל-נייער געזעלשאפטלעכער שאַפונג (ד. ה. רעוואָלוציאָנערער קאַמף. אונזער קורסיוו. מ. ל.), איז אים שוין גרינגער, ווי עמיצן אַנדערש, צו אַנערקענען נאָר יענע נאַקעטע ליניעס, יענעם אוניווערסאַליזם, וואָס האָט אַ דירעקטע שאַיכעס צו די נייע געזעלשאַפטלעכע זוכענישן. אַנדערש געזאָגט, ער באַנעמט ניט מער, ווי דעם כאַאָטישן (ד. ה. רעוואָלוציאָנערן. מ ל.) „לובאָק“...

די „קאָנצעפּציע“ איז דאָ אַ גאנץ קלאָרע. אין מיטלשטאַנד זיינען פאַראַן „עפּאָס-עלעמענטן“, וועלכע האָבן קיין שום שאַיכעס ניט צו רעוואָלוציע, זיי שטעלן אָבער מיט זיך פאָר די מער „שטאַנדהאפטיקע און רואיקע“ קונסט-פאָרמען. באַ אונז אינטערעסירט זיך אָבער ניט דער מיטלשטאַנד מיט אידישער שאַפונג, בלייבט נאָר דער פאָלקס-מענטש מיט זיין באַנעמען בלויז דעם פאָלקס-„לובאָק“ און דער אינטעליגענט, וואָס, אויפגעצויגן אַף פרעמדער דיכטונג, האַלט ער אין רואיקע צייטן בלויז פון „אוניווערסאַלע קאַוואָנעס“ און אין רעוואָלוציאָנערע צייטן — בלויז פונם רעוואָלוציאָנערן „לובאָק“. אַזוי אַרום איז די ליטעראַטור פאַרלאָזט געוואָרן סאַי פונם מיטלשטאנד-מעפונעק, סאַי פונם פאָלקס-מענטש, סאַי פונם רעוואָלוציאָנערן אינטעליגענט — איז פון וואַנען האט זי געזאָלט ציען שעפערישע כיונע?

מער אַלפאַבעטיש הייסט דאָס אָט וואָס:

די אידישע ליטעראטור האָט געהאַט אַ קליינבירגערלעכע אָריענטאַציע, וועלכע האט אין יענע צייטן אַנטשפּראָכן אויך די דעמאָלטיקע שטימונגען פונם גרונט=קאַדר לעזער פון דער אידישער ליטעראַטור — פון דער אַרבעטער-

שאַפט. איז אַבער געקומען די רעוואָלוציע, און דערדאָזיקער קאַדר — די אַרבעטערשאפט — איז געוואָרן רעוואָלוציאָנער=באָלשעוויסטיש, האָט זיך אָפּגעקערט פונם באַגרעניצטן דיכטונג-שעטאַך פון דער אידישער ליטעראַטור, — איז די ליטעראטור אַף אַ צייט געבליבן „איינזאַם" און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

און נאָך מער.

די אידישע ליטעראטור איז לעכאַטכילע אויפגעקומען מיט אַ האמוינישער אָריענטאַציע אַף די פראָלעטאַרישע און האלב-פראָלעטארישע מאַסן. נאָר האַגאַם פארבלייבנדיק באַם זעלבן פראָלעטארישן לעזער-קאַדר, האָט די ליטעראטור זיך גענומען אָריענטירן ווערטיקאַל אַרויף. פון שרייבער צו שרייבער האָט זי אַלץ אָפּענער גענומען דעם קורס אַפן קליינבירגער, אַפן אידישיסטישן באַלעבעסל. און מיט בערגעלסאָנען האָט זי שוין אַפילע אָנגענומען דעם קורס אָפן מיטלשטאַנד. בערגעלסאָן איז אַוועק נאָך ווייטער. אין „פארטונקלטע צייטן" האָט ער שוין אָנגעצילט זיין קינסטלערישע אויפמערקזאמקייט אַפן אידישן גרויס-קאַפיטאַליסט, און אַבראַם ראַפּאָפּאָרט ווערט באַ אים געשילדערט מיט ניט ווייניקער ליבע, ווי גדאַליע הורוויץ. איז מיטאַמאָל פאָרגעקומען דער גרויסער „כאַאָס", דידאָזיקע ליבלינג-שיכטן פון דער אידישער ליטעראַטור האבן אָנגעהויבן פליען מיטן קאָפּ אַראָפּ אין היסטאָרישן אָפּגרונט, און דעם אויבנאָן האָט פארנומען דער אידישער אַרבעטער. איז די ליטעראטור פארבליבן אָן אָריענטאציע און אָן לאָשן...

ס'איז אַ דערשיינונג ניט בלויז פון דער אידישער ליטעראטור אין רוסלאַנד. אין אויסלאנד איז מען אויך פונם „קוילער=געסל" געקומען צו „שלוימע באָגיד" און פון „פעלקער און געטער" צו „קידוש=האַשעם"; פון אַ „ראָמאַן פון אַ פערד-גאנעף" צו „היברו" און „פוילישע וועלדער" א. א. וו. איז דען אַ כידעש, וואָס ס'איז פאָרגעקומען ניט בלויז אַ „געאָגראַפישע" עמיגראַציע פון דער ליטעראַטור, נאָר אויך אַ סאָציאַל-קינסטלערישע? בערגעלסאָן האָט אויסגעוואנדערט אַלס אַ קינסטלערישע ביילאגע צום „בינטל בריוו" פון „פאָרווערטס"; אַש איז געוואָרן אין „היינט" דער שטעלפארטרעטער פון „נעץ פון זינד" און פון דער „געהיימניספולער פרוי", רייזין איז פון „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן" און פון „געזינד זאַלבעאַכט" אַריבער צו „טאַנאַכישע מאָטיוון" אין „מאָמענט" וועגן מאַצע און אַרבע קויסעס א. א. וו.

ווייל ניט בלויז די אידעאָלאָגישע אָנשטענדיקייט פון דער אידישער ליטעראטור, נאָר אויך איר ריין קינסטלערישן שטאָלץ האָט אויסגעהאלטן דאַפקע דער „פאָלקס-מענטש", וועגן וועלכן בערגעלסאָן רעדט מיט אַזאַ מין ביטל, ווי וועגן אַ „לובאָק"-ליבהאָבער. אַרום אַלע שרייבער, ניט בלויז אַרום די האַמוינישע, ווי מאָריס ראָזנפעלד, מאָריס ווינטשעווסקי, אַווראָם רייזין א. אַנד. נאָר אויך אַרום די ראַפּינירטע, ווי פערעץ, בערגעלסאָן א. אנד. האָבן באַשאַפן אַן אַטמאָספער פון סימפּאַטיע און אויפמערקזאמקייט בלויז די אידישע אַרבעטער. און ווען די שרייבער האָבן זיך אויסגעטאָן פון אַלע היסכאַיוועסן פארן אידישן אַרבעטער, איז סאַי זיי אַליין זיינען פארומווירדיקט געוואָרן, סאַי אין זייערע ווערק האָט אויפגעהערט צו ברויזן שאַפונגס-גייסט, סאַי קיין נייע לע-

זער האָבן זיי ניט געקראָגן. און ווען באַ אונז אין ראַטנפארבאַנד קערן די אי-דישע ארבעטער וועלטן און פאָדערן ליטעראטור און דאַפקע שיינע ליטערא-טור אויך דערביי, זיצן באַטלאָנישע אָדער אינדיווידואליסטישע מעפונאָקים נעבן די וואסערן פונם אַמעריקאנישן זשורנאל „טעאליט" און קלאָגן ביטער אַפן אונטערגאנג פונם אידישן בוך, וועלכער האָט קיין לעזער ניט.

און וועגן וועלכע „אינטעליגענטע לעזער, דערצויגענע אַף פרעמדע טישן", וואָס זוכן אין דער ליטעראטור אוניווערסאַלע קאוואָנעס, האט דאס גע-רעדט בערגעלסאָן ?

אַזעלכע לעזער האָט די אידישע ליטעראטור קימאַט ווי ניט פארמאָגט. אוניווערסאלע קאַוואָנעס זיינען געווען באַ די ארבעטער, די אינטעליגענטערע לעזער זיינען געווען אידישיסטישע באלעבעסלעך, וואָס זיינען עפשער געווען „קאָלבויניקעס", אָבער ניט אוניווערסאַליסטיש געשטימטע.

גייען די אייביקע ציאָניסטיש=באלעבאטישע טאַינעס וועגן די, „וואָס היטן פרעמדע וויינגערטנער", וואָס זיינען אויפגעצויגן אַף פרעמדער דיכ=טונג און זיינען געקומען פון „פרעמדע טישן". דידאָזיקע, הייסט עס, מאכן שווער די לאגע פון דער נאציאָנאלער ליטעראטור מיט קלוימערשט „געליענע" פון דער פרעמד אידעאָלאָגיעס.

יאָ, מיר האבן גענומען אונזערע אידעאָלאָגיעס „פון דער פרעמד", מיר האָבן זיך געלערנט באַ מאַרקסן און ענגעלסן, באַ פלעכאנאָוון און לענינען און פירן דורך זייערע געדאנקען און פאָדערונגען אין אלע געביטן פון אידישן לעבן און שאַפן, אויך בענויגייע דער ליטעראטור. אָבער די ליטעראטור „פי-טערט" זיך אויך אַף „פרעמדע פעלדער". האַמטון, לעמאָשל, איז ניט קיין נאַ-ציאָנאל-אידישער שרייבער און יעסענין איז ניט קיין נאציאָנאל-אידישער דיכ-טער, און ווען „אָפגאנג" בערגעלסאָנס דערמאָנט שוין צופיל אין דעטאלן האַמ-סונס „מיסטעריעס", און אויב די אָדער יענע לידער דערמאָנען צופיל יעסענינען, מאַכן מיר זיך ניט ווסנדיק, אויב נאָר די ווערק זיינען מעסוגל צו ווערן אָר-גאנישע גלידער פון דער אידישער ליטעראטור. דער כילעק איז נאָר, וואס מיר שעפן אונזער אייגנס באַ וועלט-געאוינים, וועלכע אנדערשן איבער דעם אויסזעען פון דער מענטשהייט, בעאיים אונזערע שרייבער לערנען זיך באַ די דיכטערשע דורגייער, וואס היינט לעבן זיי און מאָרגן ווערן זיי פארגעסן. מיר האָבן נאָך ניט געזעען, אַז אונזערע שרייבער און דיכטער זאָלן זיך לער-נען, לעמאָשל, אַף געטען, אַף שעקספירן א. א. — נאָר באַ טאָג-וואנדערער, וואָס לעאַכאַר האמאַיסע ווייסט קיינער ניט, וואו זיי זיינען אהינגעקומען...

די באטראכטע דעקלאראציע פון דאָוויד בערגעלסאָן איז ניט פארעלטערט געוואָרן, איר געדאנקען=גאנג ליגט אַדהאַיאָם אין גרונט פון דער באציאונג פון דער ליטערארישער עמיגראציע אין אויסלאנד צו די „יעווסעקישע" פאָ-דערונגען צו דער אידישער ליטעראטור. און טאקע די אידעאָלאָגיע און פסיכי=שער צושטאנד, וועלכער איז אויסגעדריקט אין דערדאָזיקער דעקלאראציע, איז די גרונט-סיבע פון דעם טיפן קריזיס פון דער אידישער ליטעראטור. ווייל אויך בערגעלסאָן איז „אוניווערסאליסטיש" אין זיין דעקלאראציע. ער שרייבט:

„פֿאַר אַ בוילעטער אילוסטראַציע צום טהאָם, מיט וועלכן דער איצטיקער שטורעם- און דראַנג-פּעריאָד הויבט אָן אָפּצוטיילן די מאָדערנע קונסט פֿון דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט, קאָן דינען דער פֿאַקט, וואָס פֿאַר דער לעצטער צייט זיינען אַנטשוויגן געוואָרן קימאַט אַלע בעסטע און אָנגעזעענסטע רוסישע שרייבער און דיכטער. געוויס זיינען אין דעם שולדיק ניט די שרייבער אַליין, נאָר דער קוואַל, פֿון וועלכן זיי האָבן געשעפּט, די ליים און ציגל, פֿון וועלכע זיי האָבן זייער דיכטונג געבויט און געקנאָטן" (אונזער קורסיוו. מ. ל.).

ווי מיר זעען, האָט בערגעלסאָן נאָך אין אָנהויב 1919 יאָר זיך סאָלידאַריזירט מיט די „בעסטע און אָנגעזעענסטע רוסישע שרייבער", וואָס, אָפּוואַרפֿנדיק די רעוואָלוציע, זיינען זיי אַנטשוויגן געוואָרן און זיינען דערנאָך געוואָרן די וואָרטפֿירער פֿון דער קאָנטר-רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע. בונין, קופּרין, אַנדרייעוו א. א. זיינען אויך אַזוי פֿאַרומווירדיקט געוואָרן, ווי „דער קוואַל", פֿון וואַנען זיי האָבן געשעפּט". און די, וואָס האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען פֿון דעם שרייענדיקן שווייגן פֿון דער עמיגראַציע, ווי אַלעקסיי טאָלסטאָי, האָבן געמוזט אומבייטן סאַי זייער פּאָליטישע אָריענטאַציע, סאַי דעם קוואַל, פֿון וואַנען צו שעפּן די דיכטערשע אינטואיציע... אַלע אַנדערע לעבן ניט בלויז איבער אַ קריזיס, זיי זיינען פּאָשעט טויטע נעפּאַשעס און פֿרייער פֿאַר אַלץ אין קונסט. אונזערע „אַנטשוויגענע" שרייבער (אַפֿילע ווען זיי שרייבן) געפֿינען זיך אין אַ בעסערער לאַגע, ווייל זיי האָבן די אילוזיע פֿון קלאַל-ישׂראָעל, וואָס „לעבט", ווי באַוואוסט, אויך און עפּשער בלויז אויסער דעם ראַטנפֿאַרבאַנד. אָבער ס'איז בלויז אַ אילוזיע, און זיי זיינען אויך ניט מער לעבעדיק, ווי זייערע רוסישע כאַווייריִם. וואָס פֿאַר אַ רעטונג קאָן דען קומען פֿאַר דער ליטעראַטור פֿון די „עפּאָס-עלעמענטן", וואָס געפֿינען זיך אינעם אידישן מיטלשטאַנד, און פֿון די „שטאַנדהאַפֿטיקע און רואיקע פֿאַרמען", וואָס זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר? איז טאַקע די בערגעלסאָנישע פֿאָרם שוין איצט טויט און אָפּגעלעבט—און די בערגעלסאָנישע פֿאָרם איז דאָך געווען די בעסטע אין אונזער פֿאָררעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור.

נאָר איינער פֿון די פֿריערדיקע שרייבער איז אַ לאַנגע צייט פֿאַרהיט געוואָרן פֿון אַזאַ מין קריזיס—דאָס איז ניסטער.

ניסטער האָט זיך אין זיין שאַפֿונג קיינמאָל ניט אויפֿגעהערט אָריענטירן אַף די פֿאָלקס-מאַסן, ער האָט שטענדיק געזוכט דעם דווירעסדיקן סאָד פֿון דער מאַסאָווער פֿאָלקס-ראָמאַנטיק, וועלכע פֿלעגט זיך אין אַמאָליקע צייטן אויסדריקן אין די אייגנאַרטיקע מיסטישע דראָכים. פֿריער פֿאַר אים האָט פּערעץ, אַרויסגייענדיק פֿון פֿרייהייטס-מאָטיוון, זיך געווענדעט צו זייער אורקוואַל—די פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן, און איז אַף אַ אינטעליגענטישן שטייגער פֿאַרפֿירט געוואָרן צוריק אַף די וועגן פֿון דער מיסטישער אידישלעכקייט. ניסטער האָט פֿון אָנהויב אָן, האַגאַם סטימולירט דורך פּערעצן, אין זיך געטראָגן דעם כוש צו מאַסאָווער פֿאָלקס-ראָמאַנטיק. ער האָט, עמעס, דעם געזוכטן סאָד אַדהאַיאָם

ביט געפונען און הויבט זיך שוין אָן שטויסן אף איין אָרט,—ער האָט אָבער געשאפן א נייעם סטיל, א נייע פאָרם אין דער אידישער ליטעראטור. ער האָט דער ערשטער ראדיקאל און אָרגאניש געבראָכן דעם שאָלעם-אליינכעם-שטייגער אין אונזער דיכטונג, ער האָט באשאפן א נייעם דערציילערישן שניט, ער האָט אויפגעברויזט מיט א שלאל נייע ווערטער אוןווארט-געבויכן. בא זיין גאנצער פארנעפלטקייט, וועלכע נעמט זיך פון אינטעלעקטועלער און אידעאלאגישער שוואכקייט, פארבאָרגט זיין סטיל-„רעפאָרם" פיל מעגלעכקייטן פאר נייעם קינסטלערישן שאפן.

און ניט אומזיסט האָט ש. גאדינער, וועמעס בוך קעמוי-דערציילונגען „טאָג אנטקעגן" שטעלט מיט זיך פאָר איינעם פון די ערשטע פרואוון מיצאד דער אידישער קינסטלערישער פראזע ווידער אָנצוהויבן ריידן, געהאט אָנגעהויבן זיין שרייבערשן יכעס פון ניסטערן.

.II

ערעוו-סאָוועטישע ליטעראטור.

ש. גאָדינער („טאָג אַנטקעגן") האָט אין הינזיכט פון פאָרם אנגעהויבן פון לערנען זיך בא ניסטערן. אָבער דאָס לערנען זיך איז ארויסגעקומען אַ ריין-מעכאַנישעס, און אַן אנדערס האָט עס עפשער ניט געקאָנט זיין.

ניסטער איז אינגאַנצן ארײנגעטאָן אין היסטאָרישן אידייען- און בילדער-שטייגער פון די מאַסן, ווי שאָלעם-אַלייכעם איז געווען אינגאנצן אַרײנגעטאָן אינם קאָנקרעטן שטייגער פון זייער אלטעגלעכער אויסקומעניש. שאָלעם אַלייכעם האָט פארפיקסירט די אַלטעגלעכע אומגאנג-שפּראַך און אומגאַנג-סטיל פון די מאַסן, ניסטער זוכט זיין גאנץ לעבן די שפּראַך און דעם סטיל פון זייערע סאָציאַל-היסטאָרישע באגערן, טרוימען און דראַנגען. דערפאר איז טאַקע ניסטער געוואָרן די איינציקע (נאָך פּערעצן) אָרגאַנישע אָפּלייקענונג פון דער שאָלעם-אַלייכעמשער פאָרם אין דער אידישער ליטעראטור.

אָבער דאָ הויבן זיך אָן די גרויסע שוועריקייטן פון דער ניסטער-דערשיינונג.

שאָלעם-אלייכעם איז דער דיכטער פון דער פאר אים היינטוועלטיקער אַלטעגלעכקייט; ניסטער איז דער דיכטער פון היסטאָרישער פסיכאָ-אידעאָלאָגיע. שאָלעם-אַלײכעם איז אזוי געווען פארשלונגען דורך דער רייכקייט פון שטייגער-דעטאַלן, אז ער איז קיינמאָל ניט געווען בעקויעך דעם סכום זייערן דערהויבן צו אַלגעמיינע אויספירן, צו באדייטפולע סינטעזן. ניסטער איז אַזוי אַרײנגעטאָן אין היסטאָרישע רעמאָזים פון סאָציאַלער פסיכאָ-אידעאָלאָגיע, אַז ער איז קיינמאָל ניט בעקויעך צו אַנטפּלעקן זייער מאָדערנעם זין פאר דער איצטיקער קאָנקרעטער מאַסן-סוויווע.

שאָלעם-אַלייכעם האָט ניט געקאָנט און קאָן ניט זיין קיין פּראָגראַם,

ווייל ער האָט אידעאָלאָגיש אין ערגעץ ניט געפירט. שאָלעם-אלייכעם פלעגט באקומען זיין אידעאָלאָגישן טיקן שוין פונם לעזער, און דאָ איז שוין געווען געווענדט פון דעם, צו וועלכן סאָציאלן שיכט אָדער גרופּע געהערט דער אָדער יענער לעזער. אַזוי האָט ער זיין בעסטן אידעאָלאָגישן און דערמיט אויך קינסטלערישן טיקן באקומען דורך דער גרעסטער אידישער קונסטשאַפונג פון אונזער צייט—דורך דעם מעלוכישן אידישן טעאטער, אָנגעפירט פין א. מ. גראַנאָווסקי.

היסטאָרישע פּסיכאָ-אידעאָלאָגיע פון מאסן פאַרפליכטעט שוין מער אין זין פון פראָגראַם. דאָ פאָדערט זיך שוין אָרגאניזירטער אינטעלעקט און אָריענטירטע אידעאָלאָגיע, וועלכע זאָל באזינען דעם כאַאָס פון אויפגעבראויזטע מאַסן-ווייען און מאַסן-באגערן. און ניסטער איז אייגנטלעך דער זעלבער מאַסןמענטש, וועלכער געפינט זיך אין געפענגעניש בא אומפאָרמירטע און אומבאזינטע מאַסן-וואונשן, נאָך פארשלייערטע אין נעפּל פון האַלב=מיטלאַלטערלעכער מאַסן=ראמאַנטיק. אין אַמאָליקע צייטן, ווען ס'האָט נאָך געפעלט דער קלאָרער קלאַסן=באוואוסטזיין, וועלכער זאָל אַראָפּנעמען פון מאַסן-ווייען און מאסן-באגערן דאָס מיסטישע הייטל, זיינען די מאסן פארבלאָנדזשעט געוואָרן אַף די וועגן פון „זוהר”=רעמאָזים, פון פאלשמשיכישער מיסטיק, פון כסידישער גיסים-ראָמאנטיק. אָפּענע און קלאָרע מאַסן-באגערן זייגען צוליב היסטאָרישע אומשטענדן פארגעהיימט, פאַרקאַבאָלעט געוואָרן, אָבער מיט דער צייט איז די סוידעסדיקייט, די קאַבאָלע שוין אַליין געוואָרן אַ פאַקטאָר. איז איצט געקומען ניסטער, דער אָרגאַנישער יורעש פון דער היסטאָרישער אידיש-מאָסאָווער פּסיכאָ-אידעאָלאָגיע, און זוכט קינסטלעריש אָנצואווענדן דעם סאָד, דעם קאַבאָלע-רעמעז צו מאַסן-באגערן, וועלכע האָבן שוין געפונען זייער ריכטיקן און אַנטפּלעקטן וועג צו פארווירקלעכונג...

אין געוויסן זין איז דאָס אַ סאָציאַל-נוצלעכע פונקציע. באלעבאטישע מעפונאקים האַלטן מאַסן-באגערן און מאַסן-מאכט פאר מעגושעמדיקע, פאר אזעלכע, וואָס עפענען ניט קיין שיינקייט-פּערספּעקטיוון, — קומט ניסטער און באשיינט דידאָזיקע באגערן מיט כיין פון פאָלקס-ראָמאנטיק. דערמיט אַליין נעמט ער שוין אראָפּ פון דערדאָזיקער ראָמאנטיק דעם הימלישן שלייער פון געטלעכקייט. אָבער אין דערזעלבער צייט זוכט ניסטער דעם כיין ניט פאָרנט, נאָר הינטן. זיין קינסטלערישער בליק שיקלט צווישן צוריק און פאָרויס. הענגט, ער טאַקע איבער אן אָפּגרונט סאי קינסטלעריש, סאי אידעאָלאָגיש און קאָן בעשום אויפן ניט ווערן פון אַ „ניסטער” (א פארבאָרגענער) א „ניגלע” (אַן אַנטפּלעקטער)...

דאָס אַלץ האָט באשטימט ניסטערס סטיל: צעשויבערטע „זויהאר”-רעמאָזים, נאכמען בראַצלאווערס מאַיסע-אָרטיקייט, כאַבאַדישע קאָפּ-שטיק, מאָדערנער פּערעץ-גייסט, געדרענגטע עמעס-זוכעריי פון א מאַסן-מענטש, — אלץ העכסט קינסטלעריש צונויפגעגאָסן און איבערגעשמאָלצן, אָבער ניט פעסט אָרגאניזירט, ווייל עס פעלט, ווי געזאָגט, דער אָרגאַניזירנדער אינטעלעקט און די אָריענטירנדע אידעאָלאָגיע. ווען אין דער אידישער ליטעראַטור וועט

זיך אָנהויבן אַנטוויקלען אַן אָרגאַנישע לינקע ריכטונג, וועט זי האָבן ניסטערן אַלס איינעם פון אירע אויסגאַנגס-פונקטן. אָבער פאַרזעצן ניסטערן, אים פאַרצווייגן קאָן מען נאָר דאַן, ווען מע קומט, ערשטנס, אָנגעזאַפּט, ווי ער, מיט מאַסאָווער קולטור-יערושע, און, צווייטנס, מיט דעם, וואָס ניסטערן אַליין האָט געפעלט, — מיט אַן אָרגאַניזירנדן אינטעלעקט און אָריענטירנדער אידעאָלאָגיע...

* * *

ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס ש. גאָדינער האָט אָנגעהויבן זיין שרייבערשן וועג פון לערנען זיך באַ ניסטערן. אַ נייער שרייבער אין אונזער רעוואָלוציע-עפּאָכע האָט ניט אין דער אידישער ליטעראַטור קיין אַנדער קוואַל פאַר נייעם סטיל אויסער ניסטערן, סאַידן ער האָט מיט זיך שוין לעכאַטכילע געבראַכט אַן אייגענעם סטיל.

אָבער גאָדינער דער שרייבער איז געקומען אין דער ליטעראַטור אָדאָם-נאַקעט, ריין פון יעדער מאַסאָווער קולטור-יערושע (פון אַן אַנדער מין יערושע איז אָפּגעראָדט). ער איז ניט אויסגעוויקט אין קיין שפּראַך-סטיכיע, אים איז פרעמד סטיל פון מאַסאָווער פּסיכאָ-אידעאָלאָגיע. אַלס שרייבער איז גאָדינער, לויטן ענגלישן אויסדריק, אַ „זעלבסטגעמאַכטער מענטש”, און אין אים איז דעריבער שאַרף אויסגעדריקט דער אידעאָלאָגישער ווילן, וועלכער פירט אָפּט אָן מיט זיין דיכטערישער אינטואיציע. דאָס איז אַ נייע און אינטערעסאַנטע דערשיינונג, דער כיסאָרן איז נאָר, וואָס די אידעאָלאָגיע איז אַ שוואַכע און צעשוואומענע, און דער ווילן אַן אומבאַשטימטער און ניט אָריענטירטער. דאָס איז סאַי אין הינזיכט פון אינהאַלט, סאַי אין הינזיכט פון פאָרם.

האָט זיך גאָדינער באַוואוסטזיניק געווענדעט צו ניסטערן אַלס פאָרם-מוסטער. ניסטער האָט אָבער ניט דערהויבן זיין סטיל צו אַזאַ מאַדרייגע, ער זאָל זיין מעסוגל צו עקזיסטירן אָביעקטיוו אויסער אים. די ערשטע אויפגאַבע פון ניסטערס נאָכקומער-אָנהענגער איז דעמדאָזיקן סטיל צו קאָאָרדינירן, אָרגאַניזירן און אים פאַרוואַנדלען אין אַן אָ ב י ע ק ט י ו ו ן פאַקטאָר פון פאָרם-אַנטוויקלונג. ווי שאָלעם-אַלייכעם האָט זיך אינגאַנצן אויסגעשעפּט אין זיין סטיל, און זיין סטיל האָט זיך אויסגעשעפּט אין אים, אַזוי האָט ניסטער זיך פאַרלאָרן אין זיין סטיל און זיין סטיל האָט זיך פאַרלאָרן אין אים. מאַכט עמיץ נאָך שאָלעם-אַלייכעמען, ווי ער שטייט און גייט, ווערט ער אומפאַרמיידלעך באַנאַל. וויל עמיצער נ אָ כ ט אָ ן ניסטערן, וועלכער האַלט נאָך אַד-האַיאָם אין ווערן, דער מוז אונז אנשטאָט ניסטערס סטיל פון ווערטער-באַשעפענישן אומפאַרמיידלעך געבן שפּראַך-סקעלעטן און סטיל-מאַנעקענען.

און ס'איז טאַקע זעלטן צו טרעפן אַזאַ טרוקענעם סטיל, אַזאַ אויסגעדאַרטע שפּראַך, ווי באַ גאָדינערן. זי איז מעכאַניש אַריבערגעטראָגן פון ניסטערן, אַן דער קולטור-היסטאָרישער אָנפּילונג און אָן דער פאָלק-ראָמאַנטישער זאַפטיקייט, וואָס אינם ניסטערשן אורקוואַל. די ווערטער בלייבן באַ אים איזאָלירט, זיי וואַקסן ניט אויס אין אַסאָציאַציאַס, זיי פירן ניט אין די אָרגאַנישע טיפענישן פון דער פאָלקס-שפּראַך, זיי סטימולירן אויך ניט צו נייע

וואָרט=בילדונגען. אַ מין מעכאַנישער סטיל, געשאַפן, לאָמיר זאָגן, אַף אַ אינדוסטריעלן אויפן, אָבער ניט אויסגעדיכטעט דורך א לעבעדיקער אינטו- איציע פון אַ לעבעדיקן באָסאָרוואַדאָם...

דידאָזיקע דערשיינונג האָט אויך אַ געוויסע מאילע: מיר האָבן קימאַט דעם ערשטן שרייבער, וועלכער איז, לויט אויטמאַנס אויסדריק, זיין אייגענער אָנהויב. עפּשער איז דאָס טאַקע אַ מין דאַמף-מאַשין, וועלכע רייניקט אָפּ די ליטעראַרישע ערד פאַר פרישן אַקער. אָבער דאַן איז גאַנץ ריזיקאַליש זיך צו ווענדן נאָך סטיל-מוסטערן צו אַזאַ שרייבער, ווי ניסטער, וואָס, ניט געקוקט אַף זיין נייקייט פאַר דער צייט, וואָס פאַר דער רעוואָלוציע, איז ער דורכגע- ווייקט מיט קולטור-היסטאָרישער שפּראַך-טראַדיציע. קומט אָבער יאָ אויס זיך ווענדן צו אים, מוז מען זיין באַוואָפנט מיט אַ שטאַרקער קולטור-עסטעטישער און סאָציאַלער אידעאָלאָגיע,—און גראָד אין דעם פּראַט איז נאָך שוואַך דער שרייבער גאָדינער.

דערפאַר רופט אַרויס אַ ווידערשטאַנד דער סטיל פון ניסטערשע רע- מאָזים, פון סוידעסדיקער פאַרשטעלטקייט, וועלכע מאַכן באַ גאָדינער דעם איינדריק פון מיסנאַגדיש-טרוקענע אַלעגאָריעס...

אויסערלעך פּרואווט זיך גאָדינער צו באַפרייען פון ניסטערס סטיל, און אַזוי ווי זיין אייגענעם סטיל האָט ער נאָך דערווייל ניט באַשטימט, עקספּע- רימענטירט ער סאַי אין די זאַכן, וואָס זיינען אַריין אין דער זאַמלונג „טאָג אַנטקעגן״, סאַי אין די זאַכן, וואָס זיינען אַהין ניט אַריין. אין אייניקע דער- ציילונגען געפינט ער זיך אונטער דער ווירקונג פון געוויסע רוסישע שרייבער; אין אַנדערע (ווי, לעמאָשל, „קאַמיסאַרן״, „טונקל בלוט״) פּרואווט ער זיך זיין קאָנקרעט און אַפילע פלאַקאַטאַרטיק. אָבער אין טאָך פאַרפאָלגט אים דער ניסטערשער „זויהאַר״-געשפענסט, וועלכער ווערט באַ אים פאַרוואַנדלט אין געמאַטערטע קינסטלערישע קאָפּ-שטיק.

און דאָס ברענגט צום פעלן פון סיוזשעט. ניסטער ווערט אַזוי פאַרמאַ- טערט פון טרעפן זיינע אייגענע געיאַרשנטע סוידעס, אַז ער פאַרלירט דעם סיוזשעט, דעם סיפּור האַמאַיסע. זיינע ווערק ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ מין ראַבייאישע קאַבאָלע-דערציילונגען מיט געמאַטערטע טוירע-מיינען, וועלכע האָבן ניט קיין אָנהויב און קיין סאָף. און דאָס זעלבע איז באַ גאָדינערן, נאָר אָן ניסטערס נאַטירלעכקייט. ביפּראַט נאָך, אַז גאָדינער ווענדעט אָן דעם מעטאָד צו אַ קאָנקרעטער היסטאָרישער סוויווע, צו קאָנקרעטע אומשטענדן. אין אַזאַ געביט ווערט די טוירע פלאַך און לאַנגווייליק, און די ארויסגערופענע רעמאָזים-אָנשטרענגונג ווערט ניט קאָמפּענסירט דורך געשילדערטער האַנד- לונג. אַלע געמאַטערטע רעמאָזים אין „איוואַנגאָראָד״ אין „ליד פון גרוב״ זיינען אַ פּראָדוקט פון געוואלדיקער סטיל-און-אידעאלאָגיע-אָנשטרענגונג, וועל- כער פירט סאָפקאָלסאָף צו אַנטוישונג, ווייל זיי גיבן ניט קיין קאָמפּענסאַציע אין דער פאָרם פון אַ לעבעדיקן סיוזשעט, וואָס זאָל זיין דורכגעזאַפּט מיט האַנדלונג. איין אויסנאָם איז פאַראַן אין ביכל: „פיגורן״, ווייל די זאַך רופט מאמענטנווייס ארויס אַ אילוזיע, אז זי וועט אַנטוויקלט ווערן אין אַ האַנדלונגספולן

סיוזשעט... „קאַמיסאַרן” האָט יאָ אַ באַשטימטן סיוזשעט, איז זי אָבער באַאַרבעט צייטונגסמעסיק.

דידאָזיקע אַלע סיבעס ברענגען אויך צו דער אָפשוואכונג פונם אידעאָלאָגישן ווערט פון גאָדינערס ווערק.

אַ גרויסער טייל פון „טאָג אַנטקעגן” (די אָפּטיילונג „וועלטבראָך”) איז געווידמעט דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. מע קאָן זיכער זאָגן, אַז דאָס זיינען די אייינציק קרעפטיקע אנטימיליטאריסטישע ווערק אין אונזער ליטעראַטור. אָבער צוליב זייער אבסטראַקטער סוידעסדיקייט, צוליב זייער סיוזשעטלאָזיקייט, וועלן זיי קיינמאָל ניט באַקומען דעם ווערט, לעמאָשל, פון באַרביוס „פייער”. זיי באַקומען דעם בייטאָן פון הומאניסטיש-פּאַציפיסטישע טרוימערייען, און עס ליגט אין זיי לאכלוטן ניט פאַרבאָרגן די באַרעכטיקונג פונם פאַרוואַנדלען די אימפּעריאליסטישע מילכאָמע אין בירגערקריג. עמעס, אין די קעמוי-דערציילונגען „ריינגען” מאַכט שוין גאָדינער אַ שריט פאָרויס און הערט אויף צו זיין פּאַציפיסטיש, אָבער אויך דאָרט פילן זיך סימפּאַטיעס בלויז צו דעם סאָלדאַטישן באָלשעוויזם, וועלכער צעשטערט אַ ל ע פראָנטן, י ע ד ן פראָנט. ביפראַט נאָך, אַז אין דער צווייטער אָפּטיילונג („טאָג-געבורט”) קומט די סאַנטימענטאַל-קליינבירגערלעכע „קינדער-טאינע” מיטן אויסגעדראָשענעם מאטיוו פון איוואן קאַרמאַזאָוו, אז „די גאַנצע וועלט איז ניט ווערט קיין איין טרערעלע פון אַ פאַרמוטשעטן קינד”...

אָבער די ביזאיצטיקע שאַפונג גאָדינערס שטעלט מיט זיך פאָר דערווייליקע עטאַפּן פון אַן ערנסטן שרייבער, וואָס, אָנגעוויזן אַף זיך אליין און אַף זיין עפּאָכע, אַרבעט ער אָנגעשטרענגט איבער זיין זעלבסטבאַשטימונג סאַי אין זין פון סטיל און פאָרם, סאַי אין זין פון אידעאָלאָגיע. ער איז אָן צווייפל א פּיאנער אין אַ נייעם געביט. אויב ער האָט נאָך ניט קיין ס י ו ז ש ע ט ן, האָט ער שוין ט ע מ ע ס — און טעמעס גאַנץ נייע אין דער אידישער ליטעראַטור. ער פירט אָרגאַניש ארויס די אידישע פּראָזע-דיכטונג פון די ענגע אידישע דאַלעדאַמעס און פּרואווט זי איינבירגערן אין דעם אוניווערסאַלן קרייז פון דער ס א ו ו ע ט י ש ע ר רעוואָלוציע. מיט יעדן נייעם שריט קומט ער נעענטער צום קאָנקרעטן בלוט און פלייש פון דער רעוואָלוציע און זעט דערצו אויסגעפינען דעם געהעריקן סטיל.

אָבער דאָ קומט די פראַגע פון אידעאָלאָגיע. דאָס, וואָס גאָדינער האָט זיך לעכאטכילע געווענדעט נאָך סטיל-רעפאָרם צו ניסטערן, איז נאַטירלעך; דאָס, וואָס ער פּרואווט זיך פון אים אַוועקגיין, איז אויך נאַטירלעך. נאָר אויב צו יאַרשענען און מאדערניזירן ניסטערס סטיל מוז מען האָבן אַן אריענטירנדע אידעאָלאָגיע, איז דאָס נאָך מער נויטיק, ווען מע שטעלט זיך די אויפגאַבע צו שאַפן אַ סטיל פון נייער, רעוואָלוציאָנערער פּראָזע. דער אייינציקער וועג איז — באַהעפטן זיך מיטן רעוואָלוציאָנערן שטייגער און מיט די מאַסן, וואָס שאַפן אים. דערווייל פילט מען נאָך בא גאָדינערן ניט קיין פעסטע געבויטע אידעאלאָגיע, און דעריבער איז „טאָג אַנטקעגן” בלויז ערעוו-סאָוועטישע ליטעראטור.

III

נאָכגעמאַכטע ליטעראַטור.

ד. מייעראָוויטש, אַ שרייבער אַן אָנפאַנגער, האָט אָפּגעדרוקט אין „שטראָם" אַ ווערק אונטערן נאָמען „אין אַ צייט אַזאַ". דאָס איז, אַף וויפל ס'איז מיר באַוואוסט, זיין ערשט געדרוקט ווערק (אויב ניט רעכענען זיין גאַנץ קליינע סקיצע „געשיכטע פון אַ שילד", וועלכע איז געווען געדרוקט אין „עמעס").

האָט ד. מייעראָוויטש געגעבן זיין ערשטלינג אַן אונטערקעפּל: „קאַפּיטלען". קאַפּיטלען פון וואַנען? פון וואָס? פון אַ דערציילונג, אַ ראָמאַן אָדער אַ פּאָעמע? אָנהויבן הויבט זיך אָן דאָס ווערק מיט אַן „אַריינפיר"—וואוהין? דערנאָך גייען קאַפּיטלען ביכלאַל, קאַפּיטלעך „פון דאָרטן"—פון וואַנען? קאַפּיטלעך „זייטיקע"—צו וואָס זייטיקע?

דאָס ווערק גופא גיט ניט אַף דידאָזיקע פראַגן קיין שום אָרגאַנישן אָביעקטיוון ענטפער. די עצעם מאַיסע (אויב מיר זאָלן רעכענען, אַז „אין אַ צייט אַזאַ" אַנטהאַלט עפּעס אַ מאַיסע) האָט ניט קיין אָנהויב און קיין סאָף, און דער מיטן באַשטייט „מיקאָל מאַמינים שעהו": דער טייך קאַמע, אוראַלער בערג, טאָטערן, אידישע פּליטים, פאַבריק-שטעטל מאָטאָווילִיכע אין פּערם, אַרבעטער-טייל גאיאָק און דווינסק א. אַ. וו., אַלץ פּאָרמעל, אָבער ניט פאַקטיש גרופירט אַרום אַ... העקדעש פאַר אידישע פּליטים און א.. ווענערישן שפּיטאָל פאַר טאָטערן. די אַלע קאַפּיטלעך, „זייטיקע" און „פון דאָרטן" האָבן געזאָלט פאַרייניקט ווערן דורך דעם צענטראַלן פּערסאָנאַזש מולקע—אַ גאַנעף, אַ לאָבוס, אַ היצל, אַ הינטשלעגער. אָבער אַזוי ווי פון מולקען איז באַ מייעראָוויטשן אויך גאָר ניט אַרויסגעקומען, ווייל ער איז אַ מעכאַנישער געמיש פון אַלע ענלעכע טיפּן, וואָס דער מעכאַבער האָט אויסגעלייענט באַ פאַרשיידענע, האַגאָם געציילטע שרייבער, ליגן די „קאַפּיטלעך" אין „שטראָם" צעוואָרפן אומגעלומפּערט, און זיי זיינען קימאַט אַלע „זייטיקע" און „פון דאָרטן", ד. ה. פון די ווערק, וואָס האָבן געהאַט אַף מייעראָוויטשן אַ קאַטאַסטראָפישע ווירקונג... נאָר וועגן דעם ווייטער.

דאָס אַלץ איז זייער כאַראַקטעריסטיש. מייעראָוויטש האָט נאָך אויך ניט קיין סיוזשעט, ווי ש, גאָדינער. עמעס, מייעראָוויטש האָט אַ מאַילע לעגאַבע גאָדינערן: באַ אים פינקלט אַ שלאַל רעמאָזים אַף סיוזשעטן, אָבער ער האָט נאָך דערווייל ניט אַרויסגעוויזן קיין קויעך צו באַהערשן אַפילע איין רעמעז און אים אַנטוויקלען אין אַ סיוזשעט. אָנשטאָט סיוזשעט האָט ער געגעבן אַ מין „טיקן שוואועס", אַ מעכאַנישן פּייסעכדיקן „קוירעך" פון סיוזשעטן.

קונסט, דערקלערן מאַרקסיסטן, אָרגאַניזירט דעם באַוואוסטזיין און די פּסיכיק פונם לעזער. דער קינסטלער נעמט אַ שטיקל לעבן און דיכטעט עס אויס אַזוי, אַז ער טרעפט עפּעס אין אַ פּינטל. וואָס פאַר אַ שטיק לעבן נעמט דער קינסטלער, אין וואָס פאַר אַ פּינטל ער טרעפט און וועמעס באַוואוסטזיין

און פסיכיק ער אָרגאַניזירט, דאָס איז שוין געווענדט אָן דעם, צו וועלכן קלאַס געהערט דער קינסטלער און אַף וועמעס פסיכיק וויל ער אויפווירקן. אין וואָס פאַר אַ פינטל טרעפט מייעראָוויטש אין זיין „פון אַ צייט אַזאַ״? וועמעס פסיכיק און באַוואוסטזיין אָרגאַניזירט ער? ער טרעפט אין ערגעץ ניט, ער אָרגאַניזירט קיינעמס פסיכיק ניט, ווייל... „פון אַ צייט אַזאַ״ איז נאָך קיין קונסט ניט, נאָר אַ כאַאָטיש אָנגעוואַלגערטער רוישטאָף.

וואָלט דאָס נאָך אויך ניט געווען קיין גרויס בייז, ווען דער מעטאָד פון אנוואַלגערן רוישטאָף וואָלט [לעכאָלאַפּאָכעס זיין אַן אייגנאַרטיקער, נאָר דעם געגעבענעם קינסטלער אָן אייגנשאַפטלעכער. אין אַזאַ פאַל וואָלטן מיר כאָטש געהאַט די מעגלעכקייט צו זען די אָרגאַנישע שוואַרצע אַרבעט אין דער קינסטלערישער לאַבאָראַטאָריע, דעם פּראָצעס פון געבורט פון אַ קינסטלער. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז „פון א צייט אַזאַ״ איז אין הינזיכט פון פאָרם ניט אַ רעזולטאַט פון מייעראָוויטשעס אָרגאַנישער קונסט-אינטואיציע, נאָר פּאָ-שעט אַ רעזולטאַט פון נאָכמאַכן אַ באַשטימטן שרייבער און אַ באַשטימטן ווערק. עס האַנדלט זיך וועגן דעם מאָדערנעם רוסישן שרייבער באָריס פּילניאַק און זיין באַרימט געוואָרענעם ווערק „דאָס הוילע יאָר״.

דאָס „הוילע יאָר״ טיילט זיך אויך אף אן „אריינפיר״, דערנאָך גייט די „עצעם מאַיסע״, וואָס באַשטייט פון קאַפּיטלען: דאָס 5-טע קאַפּיטל, לעמאָשל, —„ערשטער טריפּטיק״ *), דאָס 6-טע קאַפּיטל—„צווייטער טריפּטיק״, „שלוס״— „דריטער״ טריפּטיק („אייגנטלעכער מאַטעריאַל״). די גאַנצע אויסערלעכע מא-ניר פון באָריס פּילניאַק, באַזונדערס אין זיין „הוילן יאָר״, געפינען מיר אין מייעראָוויטשעס „פון א צייט אזא״. אפילע דעם נאָמען פונם ווערק, „פון א צייט אזא״, איז אויך א מין פאַראידישונג פון נאָמען „דאָס הוילע יאָר״. נאָר בא פּילניאַקן איז דאָס קאָנקרעט. עס רעדט זיך קלאָר פון א באַשטימטן צייט-מאָמענט מיט באַשטימטע געשעענישן, און דעם צייט-מאָמענט, דאָס יאָר, בא-נעמט פּילניאַק גופע, ווי א הוילן, א נאַקעטן. בא מייעראָוויטשן אָבער איז צייט אויך אָנגעוואַלגערט כאַאָטיש, ווי רוישטאָף. ער רעדט „פון א צייט אזא״, וועלכע שלענגלט זיך פאָרמעל אָנהויבנדיק פון 1905-טן יאָר און פריער, דורך דער מילכאָמע-צייט און ענדיקט מיט דער רעוואָלוציע—און פאַקטיש כאַפּט זי גאָרניט ניט ארום, און איז ניט קיין „צייט״ און ניט „אזא״.

בא פּילניאַקן האָט דער אריינפיר אויסערלעך קיין שום שאַיכעס ניט צום „עצעם האמאיסע״, אָבער פאַקטיש און אָרגאַניש שאַפט ער דעם פאָן און דעם אונטערבאָדן פאַר די האַנדלונגען פונם ראָמאַן. מייעראָוויטש גיט אויך אין „אריינפיר״ א „ברייטן״ פאָן: דער טייך קאַמע, די אוראַלער בערג, קיר-גיזן, טאָטערן—און אלץ, קעדיי צו שילדערן די האַנדלונג ארום א העקדעש פאַר אידישע פּליטים. דאָ האָט ניט דער אריינפיר ניט קיין אויסערלעכע, ניט קיין אינערלעכע שאַיכעס צום „עצעם מאַיסע״, ווייל קיין עצעם איז ניטאָ.

---

*) טריפּטיק באַדייט אַ בילד פון 3 בלעטער אָדער לייוונטן.

פילניאַק גיט טעקסטן פון מאַנדאַטן א. א. מייעראָוויטש ברענגט מעלדונגען מיט טאָג=אָרדענונגען פון זיצונגען. באַ פילניאַקן געפינען מיר א באַזונדערע גראַפישע אָרדענונג פון שורעס, אַריינגערוקטע אין מיטן, אָפּגערוקטע פון די זייטן-ראַנדן—אַפילע דאָס פעלט ניט אויס באַ מייעראָוויטשן. נאָר פילניאַק האָט, ערשטנס, דאָס, ווי פיל אַנדערע אייגנשאַפטן זיינע, געיאַרשנט באַ אַנדריי ביעלי, מיט וועמען ער איז פאַרבונדן דורך א דעזאָריענטירטער, צעשויבערטער אידעאָלאָגיע און פסיכיק פון א שיכט בורזשואַזער אינטעליגענץ, וועלכע האָט פאַרלאָרן איר וועג שוין נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905. די דאָזיקע דעזאָריענטירטע אידעאָלאָגיע און פסיכיק שטעלט מיט זיך פאָר אן אייגנאַרטיקן געמיש פון ביזאנטיש*)-סלאַווישער מיסטיק מיט אייניקע אויסערסייכלדיקע סיסטעמען פון מאַירעוו אַף אַן אובאַשטימטן פאָן פון מאראַליש-עסטעטישן סאָציאַליזם. דאָס אַלץ פאָדערט פון אַזעלכע שרייבער אַפילע אן אויסערלעכע, גראַפישע פאַרדרייעניש פון דער פאָרם, וועלכע זאָל מ אַ ט ע ר י ע ל אָפּשפּיגלען זייער צעשויבערטן און צערודערטן געמיט. מייעראָוויטש איז אָבער ווי מע זעט פון זיין שרייבן, א פּאָשעטער אידישער אַמכאָ, מיילנוויט פון אזא ראַפינירטקייט, מאַכן זיינע גראַפישע אָנשטעלן דעם איינדריק פון א ניטגעניטן מעטראנפּאַזש.

וואָלט דאָס נאָך עפּשער אויך געווען ניט קיין גרויס בייז—זאָל זיך אן אָנפאַנגער באַלעווען מיט אויסערלעכע קונצן, אַפילע ווען זיי קומען בא אים אַרויס צו עלעמענטאַר. איז אָבער די צאָרע, וואָס דאָס נעמט באַ אים אָפּ יעדע מעגלעכקייט צו האָבן אין זיין ווערק אן אייגענעם נאַטירלעכן סטיל, צו וועלכן זיין אַמכאָ-נאַטור ציט אים שטאַרק. ווייל פילניאַק האָט מיט זיך געבראַכט ניט בלויז אנדריי ביעליס ירושע, נאָר אויך ירושע פון פויעריש-סעקטאַנטישע זאָגער. דער סטיל זיינער איז דעריבער אויך א פּאַרוויקלטער. צו אַנדריי ביעליס בעקיוונדיקער, ראַפינירטער פאַרדרייטקייט קומט צו די פּויעריש-סעקטאַנטישע זאָגערשע אויסערסייכלדיקע אָפּשפּרעכענישן לויטן מוסטער פון די אידישע „סיני סאנסיני אוסמאנגאלאף", לעמאָשל. ס'איז ניט בלויז א סטיל און א שפּראַך, — ס'איז א באַשטימטער גייסט.

אָבער מייעראָוויטשן פעלן אינגאַנצן דידאָזיקע „הויכע דראָכים". אים ווילט זיך ריידן אַף א פּאָשעטן מענטשלעכן לאָשן. ניט אומזיסט האָט ער נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק פאַר דעם רעצענזירטן ווערק געלייענט זיינע פּיעסן, וועלכע זיינען געווען פאַרפאַסט אין א באַנאַליזירטן שאָלעם-אלייכעם-סטיל. און מיטאַמאָל — באָריס פילניאַק! פון שאָלעם-אלייכעם ביז באָריס פילניאַק איז „פאָלג מיך א גאַנג"! באַקומט זיך א מאָדנער איינדרוק פון מייעראָוויטשעס שפּראַך אין דעם באַהאַנדלטן ווערק: א געוויינלעכע שפּראַך, נאָר מאָדנע פאַרגוואַלטיקט דורך אן אָנגעבונדענעם פּילניאַקישן שלייער. און קיין א יי ן ניי וואָרט ניט. קיין איין נייע וואָרטבילדונג, האַגאָם אז עס קומט א שרייבער פון

---

*) א באשטימטער סטיל פון אויסערלעכער פראַכט בא אינערלעכער פאַרשקלאפונג.

נייע שיכטן, ברענגט ער געוויינלעך מיט זיך א שלאַל נייע ווערטער און וואָרטגעבראיכן. פילניאַק, וועלכער געפינט זיך אַפן רעכטן פלאַנג פון דער נייער רוסישער ליטעראַטור, האָט אויך אריינגעבראכט אַסאַך נייע ווערטער און וואָרט-געברויכן, און מייעראָוויטש, דער לינקער, האָט אָנגעשריבן א גרויס ווערק און האָט גאָרניט מעכאַדעש געווען, אויסער קינסטלעך געבראָכענע און פאַרשיידענע סטיל-האוואיעס.

און דאָס אַלץ—באַזונדערס די פילניאַקישע טיראַנישע אויפפוירקונג—האָט געבראכט דערצו, אז די אידעאָלאָגיע פונם ווערק איז ווייט ניט קיין לינקע, האַגאַם דער מעכאַבער אליין האָט געשטרעבט צו געבן א רעוואלוציאָנער ווערק. מילכאָמע און רעוואָלוציע פאַרפירט אין... א העקדעש. געמאַכט, קאָן מען זאָגן, א וועלט-טומל, איבערגעקערט אוראַלער בערג, אויפגעברויזט דעם טייך קאמע, באאומרואיקט דוירעס פון טאָטערשע הערשער—און אלץ צוליב מאַפיל זיין א העקדעש.

„...וויגן זיך טויזנטער יאָרן איבער טויזנטער מיילן.

„דרימלען וועלדער אין זיסקייט פון זויגן מיט מיילער צו ערדבויך גע-בונדן.

„שטייען בוימער געדיכטע און צוזאַמענגעוואָרפן אין וואלד-טיפעניש, אין זיין געדיכטעניש.

„הויבן זיי —

— זייער אָנהויב אין דאָרעם זייט פון אוראַלער בערג.

און באַלד טאַקע:

„אין קאָמיטעט פאַר געקומענע (אזוי ווערן באַצייכנט באַ מייעראָוויטשן די היימלאָזע, די פליטים—„געקומענע"! מ. ל.) א זיצונג געוועז:

אַפן טאָג-סיידער:

1) דירע-פראַגע

„א פאָרשלאַג:
עפענען א העקדעש"

„באשטימט:

„פאַר אַלטע קראַנקע און גלאט
ווער פון די געקומענע האָבן ניט
וואו צו זיין —
עפנט זיך א העקדעש".

עס ווערן געשילדערט אומלעגאַלע אַרבעטער-פאַרזאמלונגען אין דווינסקער „נאיאָק" מאַמעש אף צו לאַכן. נאָך ערגער איז מיט מאָטאָווילִיכע. ס'קלייבט זיך צונויף דער אומלעגאַלער קאָמיטעט פון אַרבעטער, טרינקט אויס עטלעכע טוץ ביר — און דערפון קומט ארויס א שטרייק... קאַריקאַטור-פאָרשטעלונגען גיט ער אויך וועגן די אומלעגאַלע אַרבעטער-טוער און זייער קאָנספיראַציע. דרייט זיך באַ אים עפּעס ארום אַ פאַרשוין א טיפּעש און א שיקער, וואַלעזש-ניקאָוו הייסט ער, וועלכער פאַרטרויט זיינע רעוואָלוציאָנערע סוידעס דעם ערשטן בעסטן לאָבוס מולקען, — און וואַלעזשניקאָוו איז נאָך א באָלשעוויק.

ווייל מענשעוויקעס האָבן אין דער צייט פון מילכאָמע צו קיין שטרייקן ניט גערופן...

טאָמער גייט אָפּ דאָס סעקסועלע, דאָס געשלעכטלעכע, האָט איר אייך קלוימערשטע פאַרדרייעניש צווישן עסטער צייטלין, פון איין זייט, און מולקע און לייבקען,—פון דער צווייטער. אַפילע דערויף האָט מייעראָוויטש געדאַרפט האָבן פילניאַקס סיסרע-טוירע. אף עסטער צייטלין האָט ער געפונען א רעמעז אין אָליענקאַ קונץ, צו וועלכער עס רייסט זיך אריין דער כאַוועד לאַיטוס אף דעמזעלבן אויפן און מיט דעמזעלבן ערפאָלג, ווי לייבקע (אויך א העקדעש-„רעוואָלוציאָנער") רייסט זיך אריין צו עסטער צייטלין... נאָר דאָס סעקסועלע איז בא מייעראָוויטשן נאָך וויניקער נאַטירלעך, ווי באשאיטוי באַ יוינע ראָזנפעלד אין זיין נאָוועלע „עלנטע" וועגן פאָטער און טאָכטער, וועלכע איז געווען אָנגעשריבן נאָך ארציבאשעווס „סאַנין".

א גאַנצע קעמוי-האנדלונג דרייט זיך ארום א קינסטלעריש-שלימאַזלדיקן גאנעף, לײדיקגייער און בערקוט, וועלכער ווערט אף א געהיימניספולן אויפן צוגעשאַדכנט צו רעוואָלוציע, און אַרום א העקדעש, אַלס דער מיטלפונקט פון אַלע געשעענישן פון דער מילכאָמע און דער רעוואָלוציע. ס'איז עפשער אן איינפאַל צו וועלן זעען קינסטלעריש די וועלט פון אַזאַ אומגעריכטן אבסערוויר-פונקט, דער איינפאַל איז אָבער א ריזיקאַלישער אפילע פאַר א גרויסן און שוין אויסגעפּרואווטן קינסטלער, און מייעראָוויטש איז דערווייל אן אָנפאַנגער, וועלכער איז נאָך דערצו אריינגעפאַלן אין די אומראכמאָנעסדיקע נעצן פון א שרייבער, וועלכער איז גאַנץ פרעמד זיין אייגענער נאַטור.

אָבער דאָס ווערק מייעראָוויטשעס איז אַ מין קאָלבוי פון סיוזשעטן, פון קינאָ-פיגורן, פון שטייגערשן רוישטאָף. מייעראָוויטש האָט דאָ דערוויזן, ערשטנס, אַז ער האָט א דורשטיק אויג, צווייטנס, פעאיקייטן פון טעכנישן צופאַסן זיך. פון איינצלנע שטיקלעך („קאַפיטלעך") איז צו זעען, אז דערווייל האָט ער א אינערלעכע נעטיע צו קורצע נאָוועלן (לעמאָשל, „העגדזשיקעס"), עס פעלט אים אָבער דערווייל א רוקנביין. ער זוכט זיין אייגנס ניט אין זיך אליין, נאָר באַ אנדערע, — דערצו איז ער ניט קיין איבערקלייבער, און זיינע מוסטערן זוכט ער אויס ניט לויט א אינערלעכן, אים אָרגאַנישן קונסט-קריטעריום, נאָר לויט אן אויסערלעכער צוגענגלעכקייט.

רוישטאָף דאַרף אן אָנפאַנגער אָרגאַניזירן, איבערשמעלצן און איבערלעבן, — און דאָס האָט מייעראָוויטש אין זיין ערשטן ווערק ניט געטאָן. ער האָט אזוי ווי געיאָגט זיך נאָך א מין עקסטערנישן מאָדערניזם, ווי פריער האָט ער זיך געהאַלטן באַ שאָלעם-אלייכעמען, וועלכן דער קליינשטעטלדיקער „קלאסיקער" באַטראַכט אויך, ווי דעם וועג פון קלענסטן ווידערשטאַנד. מייעראָוויטש איז פריער דורכגעפאַלן אף שאָלעם-אלייכעמען, איצט איז ער דורכגעפאַלן אף פילניאַקן.

און די אויפגאַבע זיך צו געפינען שטייט איצט פאַר מייעראָוויטשן אין אַ דרינגענדיקער פאָרם, ווייל ער איז יונג און פאַרמאָגט א געוויסן דראַנג.

IV

ליבּהאָבער־ליטעראַטור.

1

שרײַבער זײַנען אומבאַדינגט אויך לעזער און דאַפֿקע פֿון די בעסערע לעזער. אָבער לעזער, רײנע לעזער, אויסגעשפּראָכענע לעזער ווערן ניט אומבאַדינגט אויך שרײַבער. אָבער מיטן שטײַגן פֿון דער קולטורעלקייט פֿון די מאַסן, מיט דער אַנטוויקלונג פֿון מאַסן־קולטור ווערט אַלץ מער אָפּגעווישט דער אויסערלעכער גרעניץ צווישן דעם מין שרײַבער און דעם מין לעזער.

די מעכטיקע אַרבעטער־באַוועגונג פֿון די לעצטע הונדערט יאָר, די גרויסע רעוואָלוציעס פֿון די לעצטע צענדליקער יאָרן האָבּן אַרויפֿגעבראַכט אַף דער געשיכטלעכער אַרענע קאָלאָסאַלע מאַסן, האָבּן אויפֿגעבּרויזט זייער לעבנס־ענערגיע, האָבּן זיי אָן אַן ערעך באַרײַכערט מיט געדאַנקען, שטימונגען, באַגערן, באַגריפֿן, — און דאָס אַלץ שפּאַרט פֿון יעדן אײנעם צווישן זיי מיט אַ וואולקאַנישער קראַפֿט. יעדער אײנער פֿון זיי ווערט באַהערשט דורך די נײַ־אויפֿקומענדיקע דערשײַנונגען, דורך די געוואַלדיקע פּאַסירונגען, און ער פֿילט די שטענדיקע דרינגענדיקע נויטווענדיקייט אַרויסצוברענגען זײַנע איבּערלעבונגען אין דער אָדער יענער פֿאָרם אַף דער ליכטיקער וועלט. די נאָגנדיקע עמעס־זוכערײַ, דעם מוז צו געפֿינען דעם זין פֿון לעבן זוכט ער קוידעם־קאָל צו באַפֿרידיקן דורך לייענען, און די ליטעראַטור באַקומט בײַ אים די גרעסטע באַדײַטונג. דער קוואַליפֿיצירטער מאַסן־מענטש ווערט אַ דורשטיקער, אַ פֿאַרברענטער לעזער, און עס פּאַסירט אָפּט, אַז אומבאַמערקבאַר פֿאַר אים גופֿע נעמט ער זיך אַליין פֿאַר דער פֿען, ווי ס׳איז אים ניט שווער „אַוועקצולייגן דעם טאַטן“...

ער נעמט זיך פֿאַר דער פֿען, ווײַל ליטעראַטור גיט זיך אויס דעם רויען מענטשן פֿאַר דער ליניע פֿונם קלענסטן ווידערשטאַנד. אָבער אין טאָך גערעדט, ווײַזט דער מאַסן־מענטש אַרויס אַן אָרגאַנישע נעטיע צו נעמען זיך פֿאַר יעדן מין קונסט. נאָר ס׳איז פֿאַראַן אַ גראַדאַציע לעגאַבע די קונסטן לויט דער מאָס פֿון זייער טעכנישער צוגענגלעכקייט.

די שווערסטע און אַמווייניקסטן צוגענגלעכע איז די בילדערישע קונסט — די מאָלערײַ און סקולפּטור. דאָ מוז מען קענען כאָטש וויפֿל ס׳ניט איז באַגיין זיך מיטן מאַטעריאַל, כאָטש וויפֿל ס׳ניט איז איבּער אים געוועלטיקן, עס פֿאָדערט זיך דאָ כאָטש אַ מינימאַלע טעכנישע געשולטקייט. מיט מוזיק איז שוין די זאַך פֿיל לײַכטער. עמעס, מיט אינסטרומענטאַלער מוזיק האַלט עס גאַנץ שווער, זײַנען אָבער פֿאַראַן אייניקע עלעמענטאַרע אינסטרומענטן, וועלכע זײַנען צוגענגלעך פֿאַר יעדן אײנעם, און, לעמאָשל, די האַרמאָניק, די גיטאַרע איז אַ גאַנץ פֿאַרשפּרייטער מאַסן־אינסטרומענט. דערפֿאַר איז שוין וואָקאַלע מוזיק אַ וואָכעדיקער גאַנג, און יעדער, וואָס זינגט, איז נויטע צו האַלטן זיך פֿאַר אַ זינגער.

בעסער האָט עס אַמאָל געהאַלטן אין זין פון צוגענגלעכקייט מיט טעאַטער. וועלכער מענטש האַלט זיך דען ניט פאַר פעאיק אויסצוגיסן זיין האַרץ פאַרן אוילאַם, אַרויסברענגען פאַר אים זיינע איבערלעבונגען, פאָרשטעלן דעם אָדער יענעם טיפּ? ביפראַט נאָך, אז פאר דעם איינציקן מאטעריאַל פון שוי-שפּילערישער קונסט האָט מען דאָך געהאַלטן דאָס וואָרט און די געשאָמע, — זאַכן, וואָס יעדערער פאַרמאָגט אָן יעדער שול, אָן יעדער אויסגעלערנטער טעכניק. האָט טאַקע מער פון אַלץ אין געביט פון טעאַטער געבליט די ליבהאָבעריי...

עמעס, די לעצטע יאָרן איז אין געביט פון טעאַטער געשאַפן געוואָרן אַ שווערע לאַגע פאר דער ליבהאָבעריי. ערשטנס, איז דאָס וואָרט גופא דערקלערט געוואָרן פאַר אַ מאַטעריאל, וואָס דאַרף טעכניש באַהערשט ווערן, צווייטנס, זיינען נעשאָמע-איבערלעבונגען דערקלערט געוואָרן פאר באַוועגונגען, וועלכע מוזן טעכניש אָרגאַניזירט און ראַציאָנאַליזירט ווערן, און — וועאַלקולאָם — דער מענטשלעכער קערפּער גופא איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ק ו נ ס ט-מ אַ ט ע ר י אַ ל, וועלכער דאַרף באַהערשט ווערן.

די לעצטע צענדליקער יאָרן איז איבערהויפּט אין אַלע קונסט=געביטן פאָרגעקומען די אַנטבלויזונג פון דער טעכניק, וועלכע איז אַ דיאַלעקטישע דערשיינונג. ערשטנס, דער פאַקט אליין, וואָס די קונסט-טעכניק האָט זיך אַנטבלויזט, האָט זיך אַנטפּלעקט פאר די מאסן, — דאָס האָט פון איר אַראָפּגענומען דעם מיסטישן סאָד און האָט באַוויזן פאר אלעמען די וועגן, ווי פּראָפעסיאָנעל צו באַהערשן די אָדער יענע קונסט. די זייט פון דער דערשיינונג עפנט אומ=באַגרעניצטע מעגלעכקייטן פאר דער אַנטוויקלונג פון מאסן=קונסט. אָבער פון דער אנדערער זייט, איז קלאָר געוואָרן, אז קונסט איז ניט בלויז א „גאָט=זאַך”, אז מע דאַרף זי לערנען, אז מע מוז די מעלאָכע פּאָשעט קענען, און ניט יעדערער קאָן זיך פאר איר גלאט אין דער וועלט אריין נעמען.

איז אין דער וואָרט=קונסט פאָרגעקומען פונקט א פארקערטער פּראָצעס, ווי אין דער טעאטער-קונסט. צו „שפּילן טעאטער” האָט מען זיך אמאָל באַצויגן, ווי צו א „וואָכעדיקן גאנג”, און יעדערער האָט געשפּילט. איצט אָבער, נאָך דער אנטבלויזונג פון דער טעכניק אין דער טעאטער-קונסט, ווען מע האָט דערזעען, אז עס איז טאקע א גאנץ קוואַליפיצירטע מעלאָכע, הערשט צווישן די „ליבהאָבער” א געפאלענער געמיט. דער פּראָלעטקולט, לעמאָשל, א ר ב ע ט טאקע, ל ע ר נ ט, ש ט ו ד י ר ט און פארברייטערט די מאסן-באַזע פון דער טעאטער-קונסט, אָבער אין דערזעלבער צייט שטארבן אָפּ די פּאָריקע ליבהאָבער פון „גאָטס גענאָד”... אין דער וואָרט-קונסט זעען מיר גאָר אַן אנדער פּראָצעס. פריער האָט מען זיך צו ליטעראטור באַצויגן, ווי צו א געהיימניספולער אוואוידע, און ניט מיט א לייכטן געמיט פלעגט מען זיך פאר איר נעמען. איצט אָבער, ווען די אנטבלויזונג פון דער טעכניק האָט דערוויזן, אז דאָ שטעקן ניט קיין סיסרעטוירע, אז ס'איז אויך א מעלאָכע, — האָט זיך גראָד איצט שטארק פארשפּרייט דאָס מעלאָכעווען... ביפראַט נאָך, אז, ווי געזאָגט, די מאסן זיינען אויפגעברויזט, און פון פילע צווישן איר שפּארן די קאָלאָסאלע איבער-

לעבונגען. איז אויב פריִער האָבן מיר אין געביט פון טעאַטער געהאַט די דערשיינונג, וואָס דער צושויער פלעגט צו לייכט ווערן אַ שוישפּילער, האָבן מיר איצט אין דער ליטעראַטור אַן אַנאַלאָגישע דערשיינונג, ווען דער אויסגעשפּראָכענער לעזער ווערט אַ שרייבער און שאַפט אַזוי אַרום ליבהאָבער-ליטעראַטור.

און אַזעלכע צוויי ליבהאָבער-שרייבער האָבן מיר אין די פּערזאָנען פון ב. אָרשאַנסקי און כאַים גילדין. אָבער יעדערער פון זיי געהערט צו אַן אַנדער עפּאָכע פון דער ליבהאָבער-ליטעראַטור.

2

ב. אָרשאַנסקי („אַף כוואַליעס") איז אַ לעזער פון דער עפּאָכע פון דער ניט-אַנטבלויזטער קונסט-טעכניק, ווען צו ליטעראַטור האָט מען זיך נאָך באַצויגן, ניט, ווי צו אַ מעלאָכע, וואָס „אַז איך וויל, קען איך", נאָר ווי צו אַ הייליקער אַוואָדע. דערפאַר זעען מיר, אַז אַף אַלץ, וואָס ב. אָרשאַנסקי האָט געשריבן און שרייבט, ליגט אַ גאַיווער „קוירים", אַ מין טמימעסדיקער ציטער פאַר אַ צאַפּלדיקער שכינע. און אויב ב. אָרשאַנסקי שטרעבט ליידנשאַפטלעך זיין גאַנץ באַוואוסטזיניק לעבן צו ווערן פון אַ לעזער אַ שרייבער, נעמט דאָס זיך ניט פון אַ לייכטן געמיט, נאָר פון דעם, וואָס פון אים שפּאַרט מאַמעש אַ שלאַל איבערלעבונגען, שטימונגען, איינדריקן און באַגערן. ב. אָרשאַנסקי איז אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג, ער האָט ניט בלויז דורכגעלעבט די גראַנדיעזע געשעענישן פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָרן, נאָר ער האָט זיי אויך דורכגעמאַכט אין שווערע אויסערלעכע און אינערלעכע שטרייטן, — און דאָס אַלץ רייסט זיך פון אים אַף דער ליכטיקער שיין. ער האָט צו אַקטיוו געלעבט און געקעמפט, געפילט, געזען און געהערט, ער זאָל זיך וועלן באַנוגענען מיטן גוירל פון אַ לעזער. פּרוּווט ער זיך די גאַנצע צייט צו ווערן אַקטיוו-שעפעריש אויך אין קונסט, ער וויל ווערן איינער פון דער מאַסע, וואָס זאָגט עפּעס זיינס, זאָל זיין אַפילע דאָס סאַמע באַשיידענע, אויך אין דער וואָרט-קונסט. האָט ער געשריבן דראַמאַטישע שטיק, דראַמאַטישע פּאָעמען (געדרוקט אין דער אַמעריקאַנישער „פריַיהייט") און איצט האָט ער אָנגעשריבן אויך אַ ראָמאַן „אַף כוואַליעס" (1-טער טייל).

אָבער זיינע דראַמאַטישע שטיק זיינען ניט געוואָרן קיין טעאַטראַלע פּיעסן, זיינע דראַמאַטישע פּאָעמען זיינען ניט קיין דיכטערישע ווערק און אויך זיין ראָמאַן איז ניט קיין קונסט-ווערק. ווייל ב. אָרשאַנסקי איז דאָך ניט קיין שרייבער, נאָר אַן אָנגעשטרענגטער לעזער...

און, ווי געזאָגט, איז ער אַ לעזער פון דער פאָריקער עפּאָכע פון נאָך ניט-אַנטבלויזטער קונסט-טעכניק. פעלט אים דעריבער דער כוש צו מעטאָדן פון קונסט-טעכניק, צו פאַרשיידענע קונסט-סטילן. איז אַמאָל פלעגט ער שרייבן, ווי אַ געוויינלעכער ליבהאָבער, ווי אַ פּאָשעטער לעזערישער אַמכאָ, אָן פּרעטענזיעס אַף „סטיליזאַציע". איז אָבער אַף אים אָנגעקומען די נייע עפּאָכע פון

אנמבלויזטער טעכניק, וועלכע ער באנעמט ניט אינערלעך, אָרגאניש. ער האָט פארזוכט שוין אויך דעם טאם פון קונסט-טעכנישע דריידלעך, וועלכע זיינען אין עצעם פרעמד זיין לעזערישער נאטור, ער האָט זיי אָבער אויפגענומען, ווי א „געבאָט פון דער צייט". האט זיין ראָמאן „אף כוואליעס" באקומען א מעשונעדיקן אויסזעען אין זין פון סטיל. ניט וויסנדיק דעם סאָד פון א מאָדערנעם סטיל, האט ער גענומען אף זיין לעזערישן אלטן בעגעד מאכן אומגעלומפּערטע „ניי-מאָדישע פלעקן"... אים גיט זיך אויס, לעמאָשל, אז אויב ער וועט אוועקשטעלן דאס פארבינדונגס-וואָרט „און" מיט א פּאסיקל עלנט און אליין אף איין שורע און די צווייטע שורע וועט באשטיין פון א פארדרייטער פראזע מיט הויפּטווערטער אָן דעם ארטיקל (דעם, דאָס, די), און אלץ וועט זיין גענומען אין א דערהויבענעם מעליצע-טאָן, — הייסט דאס סטיליזירט... איז בא א געבאָרענעם שרייבער טרעפן אויך דורכפאלן, ווען ער וויל קינסטלעך אָנעמען א סטיל, וועלכער איז אים אָרגאניש פרעמד. בא יענעם קומט ארויס א ניט-געלונגען ווערק, אָבער א ווערק. בא א לעזער אָבער פארלירט דאס ווערק יעדע פאָרם, אזוי אז עס הערט אויף צו זיין איבערהויפּט א ווערק. און דאס האט זיך אין זין פון פאָרם געטראָפן מיט „אף כוואליעס".

און אין זין פון אינהאַלט, פון סיוזשעט און האַנדלונג איז „אַף כוואַליעס" אויך אַ טיפּיש לעזעריש ווערק. עס דערמאָנט שטאַרק אָן „מאָטקע גאַנעף". אבער אין אָרשאַנסקיס ווערק פעלט אינגאַנצן די לעבעדיקע בלוט און פלייש, דער פרישער זאַפט פון „מאָטקע גאַנעף". ביפראַט נאָך, אז ב. אָרשאנסקי איז געשטרויכלט געוואָרן אין הילכעס „סטיליזאַציע" און האָט זיך גענומען וועגן פּאָשעטע „כאַי וועקאַיעמס" דערציילן מיט מאָדנע, קלוימערשט היינטוועלטיקע האַוואַיעס.

עמעס, אידעאָלאָגיש איז „אַף כוואַליעס" אַסאך פּראָגרעסיווער, ווי „מאָטקע גאַנעף", ווייל אַלע פאַרוואַנדלונגען נאַכקעס נעמט אָרשאַנסקי אין סאָציאַלן שניט. נאכקעס צייטווייליקער כאווער יויסעף איז אויך געגעבן אַזוי, אַז מע קאָן זיך שוין אָנשטויסן, אז פון אים וועט אַרויסקומען אַ שפּעטערדיקער מענשעוויק. נאָר דאָס איז שוין די פאַרדינסטן פון אָרשאַנסקי דעם לעזער און ניט אָרשאַנסקי דעם שרייבער. ווייל ווען אין אָרשאַנסקין דערוואַכט ווידער דער ליבהאָבער-שרייבער, זעצט ער אַראָפּ אפילע די אידעאָלאָגיע פון זיין ווערק. אַלס פּאָן און באַזע פאַר דער אָנקומענדיקער ארבעטער-באַוועגונג נעמט ער אַ נאַכקע דעם גאַנעף און קאַטערינִיק (עפּעס אַ מין גזאַר איז אָנגעקומען אף אונזערע קאָמוניסטישע שרייבער: מייעראָוויטש האָט אויך די רעוואָלוציע גרופירט אַרום אַ גאַנעף). און די מאַסן-פאַרזאמלונג מיטן זיידענעם רעדנער איז עפּעס אַ מין לעזעריש צוקער-לעקעכל און קלאל ניט קיין שרייבעריש בילד.

ב. אָרשאנסקי האָט געוויס וואָס צו דערציילן. איז ווען ער זאָל זיך נעמען דערציילן פּאָשעט „וואַרהייט", ווירקלעכע פּאַסירונגען מיט אים און ארום אים, וואָלט געוויס עפּעס אַרויסגעקומען אינטערעסאַנטעס, ווייל דאָס קען אַ קוואַליפיצירטער און אַקטיווער לעזער, ווי ער. וויל אָבער אָרשאַנסקי

געבן ניט „וואַרהייט“, נאָר דיכטונג — און דאָס איז איבער די קויכעס פון א לעזער.

.3

כאַים גילדין איז שוין אַ לעזער פון דער נייער עפּאָכע פון אנטבלויזטער קונסט־טעכניק. עמעס, ער האָט נאָך פריער עפּעס געשריבן לידער „מיט פלאַם, מיט ברען, ווי אן אַמכאָ קען“, — אָבער ס'איז נאָך געווען אָן סיסטעם, אָן קונסט־אידעאָלאָגיע און אָן פּרעטענזיעס. אָבער אויספּאָרמירט זיך אַלס ליבהאָבער־שרייבער האָט ער זיך שוין אין דער נייסטער עפּאָכע פון פּראָלעטקולט און פּראלעטאַרישע שרייבער. אים האָבן זיך מאמעש געעפנט די אויגן, ווען ער האט זיך דערוואוסט און דערזעען, ווי מע אַנאַטאָמירט דאָס וואָרט, מע מאַכט איבער דעם פאַרשיידענע טעכנישע אָפּעראַציעס, מע בויגט דאָס און מע ציט דאָס און מע קנעט דערפון פאַרשיידענע קונסט־פאָרמען. ער, דער לעזער־האָרעפּאַשניק, איז דערפון ניספּאָעל געוואָרן, ער האָט דערפילט, אז צו וואָרט־קונסט, צו וועלכער ער האָט אומזיסט געזוכט אין זיך דעם וועג פון אינטואיציע, פירט אויך דער וועג פון אָרגאַניזירטער מעלאָכע, פון פּראָפעסיאָנעלער געשולטקייט. אלס לעזער, וועלכער לעבט פון פרעמדער אינטואיציע, האָט ער זיך דערפילט פאַר אויפגעריכט... איין זאך האָט ער אָבער אלס לעזער פאַרזעען: אַז די אַנאַטאָמיע, די וויוויסעקציע, די אַנאַליטישע אָפּעראַציעס, וואָס מע מאַכט איבערן וואָרט, און די פּראָפעסיאָנעלע מעטאָדן, אין וועלכע מע וויל דאָס איינצוימען, האָבן דעם ציל וואָס מער צו אָרגאַניזירן, ראַציאָנאַליזירן און באַהערשן באַוואוסטזיניק די פאַראנענע אינטואיציע...

האָט גילדין אָנגעהויבן שרייבעריש פאַרפיקסירן זיינע לעזערישע באַאָבאַכטונגען איבער פאַרשיידענע טעכנישע פאַרוואַנדלונגען און פאָרם־פּרואוון. איז געווען אַ צייט, ווען דעם טאָך פון דער געזונטער פּראָלעטאַרישער דיכטונג האָט מען געשטרעבט אויסצודריקן דורך אַ ספּעציעלן „מעטאַלורגישן“ לעקסיקאָן, דורך מעליצעס פון „עלעקטראָ־פּאָעמען“ און „שטאָל־געזאַנגען“. האָט גילדין דאן געזונגען וועגן שקיוון, סירענעס, קוימענס, טראַנסמיסיעס — „לאַמטאדריטאַם, הוירא, הוירא“. דערפון זייַנען ארויסגעקומען זיינע לעזערישע פּרואוון אין דער פאָרם פון „האַמער־קלאַנגען“, וועלכע זיינען אין קיין דיכטונג ניט פאַרוואנדלט געוואָרן.

איצט לעבן מיר איבער אַן אנדער מאָמענט. פון קלוימערשט רעוואָלוציאָנערער ריטאָריק (מעליצע) איז מען אַריבער צו קאָנקרעטע סיטואַציעס, צו א פּינקטלעכן לעקסיקאָן, צו דער שטייגער־פּראָזע פון דער רעוואָלוציע. „איר פּרובירט בעסער אין אַ מיליציע־אָפּטיילונג געפינען רעוואָלוציע“, — ווענדעט זיך צו די רוסישע פּראָלעטאַרישע דיכטער איינער פון זיי בעזימענסקי. גילדין אלס אויפמערקזאמער לעזער האָט גלייך געכאַפּט דעם שניט און האָט איבערגעבויט זיין ליבהאָבערישן פּראָנט.

פון זיין „מעטאַלורגישער“ טערמינאָלאָגיע איז קיין זייכער ניט געבליבן. אפילע זיין „לעניניאַדע“ (איז געווען געדרוקט אין „עמעס“), וועלכע האָט

געזאָלט זיין דער פּראָלעטאַרישער טרויער-אויסדריק איבער כ׳ לענינס טויט, איז אָנגעשריבן אין אַ גאָר אַלטן סטיל פון האַמוינישער רעזאָנירנדער ריטאָריק. גראָד אין דעם פאַל וואָלט אַ פאַבריק-סטיל געווען אָרגאַניש און נאַטירלעך: לענינס טויט האָט דאָך מער פון אַלץ אויפגעטרייסלט דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. ער איז געווען אין דער ערשטער ריי א טראַגעדיע פאַרן פאַבריק-פּראָלעטאַריאַט. דאָ וואָלט געפּאַסט שטרענגע, פון שטאָל אויסגעגאָסענע בילדער, אַן „אייזנבעטאָנישע" שפּראַך, מע זאָל פילן דעם אייזערנעם טראָט פון פּראָלעטאַרישע לעגיאָנען אין טרויער.

גילדין האַלט אָבער איצט בײַ פּינקטלעכקייט, סיוזשעטישקייט און פּראָזע-סטיל. נאָר ער איז דאָך דעריקער א לעזער, איז בײַ אים אַרויסגעקומען א פּובליציסטישער געוויין מיט האַמוינישע ווײ-געשרייען, וועלכע דאַרפן אין דער טאָג-פּרעסע פאַרצייכנט ווערן, וועלכע זיינען אָבער פאַר עכטער ליטעראַטור ווייניק ווערט.

און דאָ האָט ער גראָד געהאַט די געלעגנהייט פאַר „האַמער-קלאַנגען": די פאַבריקן און די ראַדיאָ-סטאַנציעס פונם גאַנצן פאַרבאַנד האָבן אין מעשעך פון אייניקע מינוט געפּראַוועט דורך זייערע סירענעס א טרויער-דינסט איבער לענינען. שרייבט ער:

הוילן, הוילן
טויזנטער סירענעס...
און ענדיקט מיט אַן אַלטווייבערשן אויסדריק:
„זייער יאָמער רירן קאָן אַ שטיין"...

און רעדט ער וועגן די „שטאָלענע פינגער" פונם קרעמל-זייגער, דערמאָנט ער זיך גאָר אָן וועלפּישע ציין — אויך אַן אויסגעדראָשן בילד פון האַמוינישע ליבהאָבער-שרייבער. די „לעניניאַדע" איז בכלל פול מיט רעזאָנערישע, באַנאַלע און אָפּגעוועלקטע בילדער, וועלכע זיינען גאַנץ ווייט פון פּראָלעטאַרישן סטיל.

כ׳וויל נישט, כ׳קאָן נישט
מיינע שטאָלצע אָדלער
פיטערן אין טאָל פון לעבן, ווי הערדע פי".

קימאַט פון א מאָדערנעם טייטש-חומש.

אבער די „לעניניאַדע" איז דאָך אינטערעסאַנט מיט איר האַמוינישקייט, מיט דער רעזאָנערישער טמימעס פון די געפילן, וועלכע שפּאַרט אַרויס פון דעם גאַנצן אָנגעשטרענגטן מעלאָכעווען. זי סומירט די אויפריכטיקע געפילן פון אַסאַך לעזער, וועלכע האָבן אַ שאָט געטאָן מיט לידער אף לענינס טויט, — סומירט זיי און גיט זיי צו אַן אָרגאַניזירטע דרוקבאַרע פאָרם. ווייל אויב די ליטעראַטור האָט נאָך פון גילדינען קיין פולע ניט געהאַט, באַווייזט די „לעניניאַדע", אַז ער האָט פון דער ליטעראַטור געהאַט אַ פולע. ער איז דער לעזער, וועלכער שטעלט שוין מיט זיך פאָר א האַרטן ערעוו פון א שרייבער.

און דאָס זעען מיר אין „קאָמונאַרן". דאָ איז פאַראַן אַ סיוזשעט, אַ סיפור המעשׂה. ווייל אויך גילדין האָט פיל געזעען און פיל געהערט אין

קעסל פון ארבעטער-קאמף. האָט ער געגעבן א אינטערעסאנטע מאַיסע, ריכטי-קער—אנגעזאַמלט שטאָף פאר אַ מאַיסע. דערציילט איז זי לעזעריש, מיט א ניט געטאקטער שפּראך, מיט די ווערטער, וואָס גילדין דער לעזער פארמאָגט. ווי עס פילט זיך, געפעלט גילדינען גופא די מאיסע אַליין. האָט זיך טאקע דעריבער אים ניט איינגעגעבן זי צו סטיליזירן, האָט ער געגעבן אָנציִענדיקן שטאָף פארן קומענדיקן סטיליזאטאָר.

און ניט בלויז סיוזשעט-שטאָף, נאָר אויך ווערטער-שטאף. ווייל גילדין, ווי אַ לעזער אן אמכאָ, פארמאָגט ווערטער-מאַטעריאל. דאָס האָט ער אויך געוויזן אין „האַמער-קלאנגען". זאל ער זאמלען ווערטער. זאל ער זיך מאטערן אין פאָרם-זוכענישן אַפילע ווי א לעזער — עס וועט צונוץ קומען פאַר אנדערע און עפשער אמאָל פאר אים אליין. ווייל עפשער איז אים ניט אָף שטענדיק באשערט צו בלייבן אן ערעוו-שרייבער.

מאי 1924.

אַ כאַווערשער גרוס

(י. פעפער. וועגן זיך און אַזוינע ווי איך).

אין קיעוו איז שטיל און בּאַשיידן, אָן הוראַ=געשרייען און באבעשע בּראָכעס דערשינען אַ ביכל, וואָס מאַכט אייגנטלעך דעם אָנהויב פון אַ קאָנקרעט רעוואָלוציאָנערער דיכטונג,—עמעס רעוואָלוציאָנערער און עמעסער דיכטונג. דאָס ביכל הייסט „וועגן זיך און אַזוינע ווי איך״, און דער מעכאַבער הייסט איציק פעפער.

אומעטום
און אַלעמען
פּאָעטן פון ניו=יאָרק, בּערלין און וואַרשע,
פּאָעטן מיט פאַרטרויערטע נעמען,
מיט פאַרלאָשענע אויגן
אונטער שוואַרצע און בלאָנדע בּרעמען,—
הערט אויף זיין פאַרכאָלעמט,
און פאַרגעסט
הימלען און שטערן און כמאַרעס,—
— איך, איציק פעפער פון שפּאָלע,
וויל זיך ווענדן צו אייך פּראָסט און וואַרים.

מיט אַזאַ אויסטערלישער ווענדונג הויבט זיך אָן איציק פעפערס בּיכל, וואָס טראָגט דעם אויסטערלישן נאָמען „וועגן זיך און אַזוינע ווי איך״.

ווער איז ער, איציק פעפער, און ווער זיינען די „אַזוינע ווי ער״?

איציק פעפער רעדט וואונדערלעך „פּראָסט און וואַרים״ און דערציילט אַלץ וועגן זיך און אַזוינע ווי ער:

אין אַ טאָג, אין אַ פּראָסטן אָן וואונדער
אין אַ בעט, אַף אַ ציצענער ציך,

גלייך מיט אַנדערע קינדער,
האָט מיין מאַמע געבוירן מיך.
מיר דאַכט, איך געדענק נאָך איצטער
מיין קינדערשן ערשטן געשריי.
מ'האָט באַשטימט, איך זאָל הייסן איציק
און געפּויעט מיט זיסער טיי.

פיל דיכטער האָבן דערציילט די געשיכטע פון זייער דיכטונג, האָבן אָנגעוויזן, פון וואַנען זי האָט זיך באַ זיי גענומען. פּושקין, אַ געניאַלער דיכטער, נאָר פון פּריצים אַרויסגעקומענער, האָט ווי אַף אַן אקושער פון זיין דיכטונג אָנגעוויזן אַף אַ „זעקספליגלדיקן מאַלעך". יודע לייב גאָרדאָן, דער טאַלאַנטפולער דיכטער פונם אידיש-מאַסקילישן מיטלשטאַנד, האָט דערקלערט, אַז זיין דיכטונג נעמט זיך פון אַ „זאַטן בויך און אַן אָנגעהייצטן קאַמין". כ. נ. ביאַליק, דער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער פונם באָדנלאָזן מענאַכעם-מענדל, האָט, עמעס, דערציילט, אַז ער האָט געיאַרשנט זיין דיכטונג פון דער גריל אין דער אָרימער שטוב, נאָר די גריל האָט ער באַטראַכט אַלס סימבאָל ניט פון סאָציאַלער נויט, נאָר פון נאַציאָנאַלן גאָלעס, און ער איז דעריבער געוואָרן דער נאַציאָנאַליסטישער קאַדיש-זאָגער נאָך דער אָפּשטאַרבנדיקער קולטור פון דער „קנעסעס יסראָעל"—פון דער בייסמעדרעש-אידישקייט און ערעץ-יסראָעל-נאַציע.

איציק פעפער ווייסט ניט פון אַזוינע הויכע דראָכים, ער איז איינער פון אַ „געזינד זאַלבעאַכט", זיין מוזע איז געבאָרן געוואָרן אין „אַ טאָג אַ פראָסטן און אָן וואונדער" אַף אַ „ציצענער ציך", און אים דוכט זיך, אַז ער געדענקט נאָך זיין ערשטן קינדערשן געשריי, געשטילטן דורך „זיסער טיי"...

און פון דעמאָלט אָן לעבט שוין אין פעפערן דער קינדערשער געשריי פון סאָציאַלער נויט און פיין, זיין דאָרשט צו באַפרייען „זיך און אַזוינע ווי ער".

מעג איך דען, קאָן איך דען שווייגן
און ביז ווען קאָן מען שווייגן, ביז ווען?
— — — — — — — — —
מעג איך מיין צימער פאַרשפאַרן,
ווען עמיצער שטייט נאָך און וואַרט?
קאָן מען דען, קאָן מען דען בלייבן
אין שטענדיקן צימער אַליין
און הערן ווי אָוונטן טרייבן
פון האַרבסט אַ פאַרלאָזטן געוויין?

ביפראַט נאָך, אַז איציק פעפער איז אַ העפקער-קינד, קיין זאַך טיילט אים ניט אָפּ פון דער וועלט, פון „אַזוינע ווי ער"—

פון דער היים אין דרויסן איז שוועל,
פון דער היים צו הימל איז דאַך;
אלע טאָג איז דער דרויסן העל,
אַלע טאָג ליגט אַ זון אַפן שליאַך.
איבער דער שוועל מיטאָמאָל אַ שפרונג,—
און אוועק מיטן ווינט און טעג;
ווען דאָס בלוט איז פריש און יונג,—
איז פריש און יונג דער וועג!

איז טאַקע דעריבער:

מיין היים מיט קיין שלאָס ניט פארשלאָסן
ניט פארדרייט מיינע טירן מיט דראָט,

— — — — — — — — —

נורעט זיך אָוונט וויייט לעם מיין שוועל
און וואַרט, ביז כ׳וועל טירן צעפראלן,—
נאָר מיר איז באשערט אין אַ גרויען שינעל
באהיטן שטעט און וואקזאלן.

און איבערפילט פון פרייד, וואָס אים „איז באשערט אין א גרויען שינעל צו באהיטן שטעט און וואקזאלן״ פון דער רעוואָלוציע, רופט ער אויס מיט א יוגנטלעכער היספאַילעס:

ס׳איז גוט, וואָס איך האָב מיין שפּאַלער טרויער
צעזייט אין וועג, אין פעלד, אין שטרוי!

— — — — — — — — —

ס׳איז גוט, ווען יעדער אָטעם פרייט זיך
מיט פרישן גאנג אף שווערן וועג!

„פרישער גאנג אף שווערן וועג״! ס׳איז ניט קיין אויסגעמוטשעטע קלוימערשטע רעוואָלוציאָנערקייט פון קליינשטעטלדיקע מאַרעשכוירעניקעס. ס׳איז ניט קיין קאָקעטירן מיטן „אָ״ פון אָקטיאבער, ניט קיין „לאמטאדריטאם״ פון קוימענס און סירענעס, קיין געפילדערן פון וועלפישע ציין, קיין זשאָנגלירן מיט טורעמס און פּראָצעסיעס, ווי רעוואָלוציע וואָלט זיין א דעקאָראַטיווער פאראד,—ס׳איז „פ ר י ש ע ר ג א נ ג אף שווערן וועג״. ווייל—

ניט קיין קלעזמער קלעזמערן
און לידלען
אינם לייַדיקן גרויסן ארום—
ווינטן שפּילן אף גאָלדענע פידלען
— פון זון.

און:

איך האָב ליב, ווען ווינטלעך טעסען
מיינע שטענדיקע דארשטיקע טריט,
האָט מיין היים זיך אין וויאָרסטן פארלאָרן
און מיין גאנג איז מיט אומרו פארדרייט,

ווייל דער וועג איז מיט טויזנטער יאָרן
מיט טויזנטער יאָרן פארוויט.

און פולקום פארשיקערט פון „פרישן גאנג אף שווערן וועג״, פון ווינ־טעלעך, וואָס „טעסן זיינע טריט״ אפן וועג, וואָס איז „מיט טויזנטער יאָרן פארוויט״, אנטפלעקט ענדלעך פעפער זיין „אינקאגניטאָ״:

מיט הייסן בלוט און הייסן לייב צעבליט—
כ׳בין אומעטום
א הייסער קאָמסאָמאָלעץ
מיט יונגע
זינגענדיקע טריט.
אין פעלד, אין דאָרף, אין רויכן און אין שאכטן,
וואו יעדער שאָ איז גרייט פאר נייעם גליק,—
דער הייסטער מיטן שווערד אין יונגע שלאכטן,
דער הייסטער
מיטן האמער אין פאבריק.
אין טעג אזוינע יונגע,
אין טעג פון פראָסטן וואונדער,
אין יעדן שפאן אף אונזער גרויסער ערד—
נאָר מיר, נאָר אונז, נאָר באָרוועס־גרויע קינדער
דאָס נעכטיקע
צעשיסן איז באשערט.

* * *

איך האָף, אז די לעזער וועלן אף מיר קיין פאריבל ניט האָבן, וואָס איך האָב געבראכט אזויפיל ציטאטעס פון איציק פעפערס לידער. דאָס איז דער ערשטער דיכטער, וועלכער זייענדיק דורכויס א דיכטער, איז ער דורכויס אן אונזעריקער. איציק פעפער איז אויסגעוואַקסן אין רעוואָלוציע, אין בירגער־קריג, אין קאָמיוג, אין דער פארטיי, אין פראָלעטארישקייט. עמעט, אויך אי־ציק פעפער איז נאָך דערוויילן ניט קיין פראָלעטארישער דיכטער, אָבער דאָ האָבן מיר שוין פאר זיך אן „ערעוו־פראָלעטארישן״ דיכטער. איציק פעפער איז א זעלטענע דערשיינונג ניט בלויז אין דער אידישער ליטעראטור, נאָר אין דער ליטעראטור פון דער אקטיאבר־רעוואָלוציע איבערהויפט. ס׳איז זעלטן צו געפינען א רעוואָלוציאָנערן דיכטער, וועלכער זאָל זיין אזוי ריין פון מעליצע, פון פּאָזע, ווי איציק פעפער. אָקטיאַבר־רעוואָלוציע איז פאר אים „טעג פון פ ר אָ ס ט ן וואונדער״, וועלכע ווערן געשאפן דורך „באָרוועס־גרויע קינדער״. יעדער שאָ אין פעלד, אין דאָרף, אין רויך און אין שלאכטן איז בא אים גרייט פאר נייעם גליק, און פאר יעדן נייעם גליק פון יעדער שאָ און יעדן אָרט האט ער אזעלכע פראסטע ווערטער, וועלכע פארפולן אונז מיט פראסטער, ארגא־נישער פרייד. און ס׳איז טאקע זעלטן צו געפינען א ביכל, פון וועלכן ס׳זאל שלאגן אזא פראָסטע, ארגאנישע פרייד פון רעוואלוציע, ווי פון פעפערס ניי

ביכל. די וואונדערלעכע אייגנשאפט פון פעפערס רעוואלוציאנערער פרייד באַשטייט דערין, וואס זי ווערט ניט אפגעשוואכט אפילע דאן, ווען פעפער גיט אונז שוידערלעכע בילדער און עפיזאדן פון בירגער-קריג און פון דער גרויסער הונגער-קאטאסטראפע, און די סיבע פון דערדאזיקער אנויפהערלעכער פרייד אפילע אף כורוועס אנטפלעקט דערדאזיקער פעפער אף זיין פראסטער און ווארימער שפראך:

אין שטאט אין כארעווער בא טויטע ווענט
אזוי פיל נאקעטע וואנדערער און קינדער,
נאר היינט ברעכט קיינער ניט די הענט,
און קיינער ווארט ניט אף קיין וואונדער.
ווען יעדער טאג איז פראסט און שטרענג,
און זון איז אלע טאג אן אנדערע,—
איז וועמען קאן נאך זיין אף רוסלאנדס פעלדער ענג,
און ווער פון דאנען וועט נאך וועלן וואנדערן?
היינט נעמען אלע האמערס אין די הענט,
און איך נעם אויך מיין האמער ווידער,—
מיר גייען בויען הויכע שטאלצע ווענט
פאר מיינע בארוועסע און פראסטע ברידער.

אדער:

א, ווי איז די, וואס וועלן בייטן
דיין ווילדן ברויז אף שימלדיקער רו,
וואס שעלטן דיינע קוטשעראווע ווייטן
בא שוועל פון בלוטיקער שא!

פאר פעפערן איז די אקטיאבער-רעוואלוציע ניט קיין פרעמדע זאך, א י ן וועלכער א ד ע ר מ י ט וועלכער מע דארף זיך שפיגלען דורך געקרייזלטע מעליצעס; זי איז פאר אים ניט קיין ר ו י ש ט א ף פאר געריימטע לידער. זי איז זיין נאטירלעכע סטיכיע, זיין לעבנסוועג, וואס שלענגלט זיך אין קאנקרעטע געשעענישן און מאמאשעסדיקע עפיזאדן,—דערפאר רעדט ער וועגן איר אזוי „פראסט און ווארים", דערפאר כאווערט ער זיך אין איר און דורך איר מיט „אזוינע ווי ער"—„בארוועסע און פראסטע ברידער".

די אידישע ליטעראטור ווייסט שוין פון איין גרויסן שרייבער, וואס האט זיך אמאל אויך פארגעשטעלט פארן לעזער מיט „פראסטע און ווארימע" רייד.

„איך בין אַ פּאָשעטער גוטער ברודער, אָן כאָכמעס, אַ שאָלעם-אַלייכעם", — אַזוי האָט זיך שאָלעם-אַלייכעם געמעלדעט דעם אידישן לעזער אין זיין ערשטן אַרויספּאַר. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען קאַסרילעווקע האָט זיך אָנגעהויבן וויגן אַדאַנק דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם. ווען די פּאַרשימלטע רו פון די קאבצאנסקן איז געשטערט געוואָרן, און פון אידישן האָמוין האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסטיילן, פון איין זייט, לופט-מענטשן, מענאַכעם מענדלס, און פון דער צווייטער זייט,—באַוואוסטזיניקע אַרבעטער-געזעלן אין

זייער קאַמף קעגן די יעהופּעצער גווירים און נעגידים. שאָלעם-אַלייכעם האָט אַף אַ וואונדערלעכן אויפן געכאַפּט דעם סאָד פון דעם דעמאָלטיקן „אַפן הימל א יאַריד“ און פאַר אים געפונען זיין געניאַל איינפאַכע שפּראַך. איז טאַקע שאָלעם-אַלייכעם געוואָרן דער ערשטער שרייבער—כאַווער פון דער ליטעראַטור פון זיין עפּאָכע.

די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע האָט ליקווידירט קאַסרילעווקע אין איר פאַריקן אויסזעען. זי האָט אוועקגעשטעלט דעם אַרבעטער אין צענטר און אַרום אים גרופּירט אַלע אַרבעטנדיקע און ליידנדיקע. זי האָט די אידישע סוויווע פאַרייניקט מיט „סיביר און קאַלוגע“.

קומט אַ צוג אַן פון אוקראַינע
מיט קיטאיצעס און טשערקעסן,—
קומט אַ צוג מיט ברידער מיינע.

עס זיינען אַוועק זיבן יאָר פון גאָר נייעם לעבן, מיט אייגענע גרויסע ליידן און אומגעהערטע פריידן, און די ליטעראַטור האָט גערעדט אַף שטומלאָשן, מיט נורנע רעמאָזינג און אומעטיקע קוועטשן. דער אַרבעטער-לעזער האָט אין איר ניט געפונען ניט קיין וועגווייזעריש וואָרט, ניט קיין כאַווערשן גרוס. און איצט איז געקומען דער כאַווערשער גרוס אין איציק פעפערס דיכטונג. דאָס איז אויך אַ „פאָשעטער גוטער ברודער, אָן כאָכמעס“, אָדער אַף איציק פעפערס לאָשן — „מיר באָרוועס-גרויע קינדער“. אָבער עס איז אַ „פאָשעטער גוטער ברודער“ פון גאָר אַ נייער עפּאָכע, און אַ כאַווער איז ער ניט צו מענאַכעם-מענדלס און ניט צו האַמויניש-צעשטויבטע לופט-מענטשן, נאָר אַ כאַווער צו אַ „הייסן קאָמסאָמאָלעץ מיט יונגע זינגענדיקע טריט“. און מע קאָן זיין זיכער, אַז איציק פעפער וועט ווערן פאַר דער נייער לעזער-אוידיטאָריע אַזוי היימיש, ליב-כאַוועריש, ווי שאָלעם-אַלייכעם אין זיין צייט.

דאָס הייסט ניט נאַטירלעך, אַז איציק פעפער איז אין טאַלאנט געגליכן צו שאָלעם-אַלייכעמען. וועגן דעם איז נאָך פרי צו אורטיילן. ער האָט נאָך ניט געגעבן די טיפע פאַראלגעמיינערונגען פונם איצטיקן אַרום, ס'איז נאָך דערווייל זיין ערשטער אַרויספאָר, זיינע ערשטע יוגנט-לידער. אָבער די אייגנשאַפטן פון א „כאַווער“-דיכטער האָט ער שוין אַנטפּלעקט, די טיפע פאַשטעס און באַגלייטערישע דורכדריגלעכקייט פון וואָרט און בילד.

דערביי קומט איציק פעפער אין דער ליטעראַטור ניט אַרויס פון זיך אַליין. ער האָט פאָרגייער אין זיין געביט. די קוואַליפיצירטע האַמוינישע ליטעראַטור, וועלכע האָט שוין געמאַכט די ערשטע אָנשטרענגען זיך צו זעלבסטבאַשטימען, ווי אַ רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין נאָענט צום פּראָלעטאַריאַט—זי האָט געבוירן איציק פעפערן. אָשער שוואַרצמאַן, לייב קוויטקאָ און פערעץ מאַרקיש, באַזונדערס קוויטקא פון ערשטן פעריאָד און אויך פערעץ מאַרקיש,—זיי האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר פעפערן. קוויטקא איז מער פאַרנעפּלט, מאַרקיש איז פלאַקאטאַרטיק. קוויטקא האָט ערשט געהאַט נאָר פאָרגעפילן פון דער קומענדיקער רעוואָלוציאָנערער קאָנקרעטקייט, ער האָט גערעדט וועגן אַ „טויבן-אומרו“ און וועגן דעם „טאַם“, וואָס עקבערט זיין דיכ-

טערישן מויעך. מאַרקיש האָט נאָך געקאָנט ריידן וועגן „סטאַם", וועלכן עס איז לייכטער אויסצודריכטן אין „קאַרוסעל"-שטריכן. פּעפּער איז געקומען מיט דער רעוואָלוציע און ער שפּייזט זיך מיט איר בלוטפולן אינהאַלט. און פון זיך אַליין איז ער געקומען צום לאָזונג פונם רוסישן קאָמיוגישן דיכטער: „דו קען געפינען רעוואָלוציע אין אַ מיליציע-אָפּטיילונג". עמעס, מיר האָבן נאָך ניט באַפּעפּערן דעם אינדערוואָכן פון בויאונג, אָבער אַז ער איז אינגאַנצן ריין פון פּאַראַד-רעוואָלוציע, פון גודנע רעמאָזים און אַלט-באָכערשע קוועטשן איז שוין אָפּגערעדט.

ניט מיטאַמאָל האָט פּעפּער דערגרייכט זיין איצטיקע מאַדרייגע, און דאָס באַווייזט, אַז ער איז מעסוגל צו וואַקסן.

אין יאָר 1922 איז דערשינען זיין ערשט ביכעל „שפּענער", אין וועלכן מע זעט, אז ער געפינט זיך נאָך אונטער דער ווירקונג פון אונזער, מישטיינס געזאָגט, „סאַלאָן"-ליטעראַטור. ניט אומזיסט איז זיין ערשטלינג געבאָרן געוואָרן מיט דער בראָכע פון דאָוויד האָפּשטיין, וועלכער האָט אים גענומען אונטער דער שוץ פון זיין פּאָרעדע.

אויך אין „שפּענער" איז פּעפּער יוגנטלעך פּאַרגאַפט דערפון, וואָס

אַף כורוועס,
אַף אַש—
אַזאַ גרויסע פרייד!
אַויך דאָרט דערקלערט ער, אַז
מיר האָבן ערשט נעכטן
אָן אנפּלי פּאַרוואָסן
צעשאָסן
צעריסן.

אָבער דאָרט האַלט ער זיך נאָך באַ „סטאַם-רעוואָלוציע", וועלכע איז, ווי באַוואוסט, מעכאַיעוו צו פּאָזעס פון „פילאָזאָפישע" עקסטערנעס און האַלב-אינטעליגענטישע פּאוסטן פון קאַסרילעווקע.

כ'ווייס ניט דעם אָנהויב,
ניט דעם סאָף
פון אונזער קייט—
דערקלערט ער אין א פּאָזע פון א קליינשטעטלדיקן כאַקרען.

אָדער נאָכדעם, ווי ער האָט אקאָרשט דערקלערט, אַז ער האָט צעשאָסן „אָן אָנפּלי פּאַרוואָסן", פּאַרגלאָצט ער זיינע אויגן צו האָפּשטיינען און פרעגט:

און ווער וועט מישפּעטן
און ווער וועט שטראָפן
מיין פּאַרוואָרפענעם פּאַרוואָס?

און נאָך אַזוינע עקסטערנישע קלאָץ-קאַשעס. און דאָס איז געווען אַלץ דערפאַר, וואָס דעמאָלט האָט ער נאָך וועגן זיך דערציילט: „מיין וואוינונג שליס איך ניט און ס'איז ניט אָפן" — א דערקלערונג, וואָס האָט אַרויסגערופן די גרעסטע היספּאַילעס האָפּשטיינס, ווייל עס קלינגט דאָך קימאַט ווי „א ליד

פון מיין גלייכגילט״. אָבער איצטער דערקלערט ער וועגן זיך שוין באַשטימט:
„מיין היים מיט קיין שלאָס ניט פאַרשלאָסן!״

און זיין ליד איז געוואָרן באַשטימט, אינהאַלטלעך, סיוזשעטיש. ווייל פעפערס לידער האָבן אַלע א קאָנקרעטן סיוזשעט, און זייער געבוי איז אַזא זאַפטיקער און געענטער, אַז זיי בילדן אַן אָרגאַנישן איבערגאַנג אויך צו רעוואָלוציאָנערער פּראָזע. און איבערהויפּט: זאָל מען זיך אַריינטראַכטן אין דער אַנטוויקלונג פון דער פאָרם פון דער מאָדערנער אַ ק ט י וו ע ר ליד. אָנהויבנדיק פון מאַיאַקאָווסקי און ענדיקנדיק מיט בעזימענסקי (בא אונז אָנהויבנדיק מיט קוויטקא און ענדיקנדיק מיט קושנירעוון און פעפערן), וועט מען זעען, אַז עס גייט א פּראָצעס פון ד ראַ מ אַ ט י ז י ר ן די ליד, פון אָנזאַפּן זי מיט סיוזשעט און זי פאַרוואַנדלען אויך אין אַן אויסגאַנג פאַר דינאַמישער, רעוואָלוציאָנערער פּראָזע.

אין איציק פעפערס ניי ביכל לידער איז, פאַרשטייט זיך, פאַראַן כעסרוינעס, סאַי פאָרמעלע און אַפילע אידעאָלאָגישע. דעריקער האָבן מיר אָבער געוואָלט פאַרעגיסטרירן דעם טאָן פונם ביכל, ד. ה. פאַרעגיסטרירן דעם אָנהויב פון א נייעם טאָן, אַ קאָנקרעט-רעוואָלוציאָנערן, אין דער אידישער דיכטונג.

דעקאבר 1924

באַם איבערבראָך

(„אָקטיאַבר“ און „נ׳ייערד“)

1

פאָרם און אינהאלט.

נייער אינהאַלט אין קונסט פאָדערט אומבאַדינגט נייע פאָרם.

נייער אינהאַלט אין סאָציאַלן זין. אָדער אַ נייער קלאַס צי שיכט טרעט אַרויס אַף דער אַרענע און הויבט אָן אַנטפּלעקן אין אַלע געביטן—דערין אויך אין קונסט—זיין סאָציאַלן מעהוס, ברענגט מיט זיך נייע שטימונגען, באַגריפן, געפילן, וואָס געפינען זייער פאַרקערפּערונג אין נייע אויסדריק-מיטלען, אין נייע טענער, פאַרבן, וואָרט-געברויכן, זאַצן-בוי און אַז. וו. אָדער טאַקע דערזעלבער קלאַס צי שיכט לעבט איבער אַ וועזנטלעכן איבערבראָך, אַ וויכטיקע ווענדונג אין זיין געשיכטע,—און דאָס שאַפט באַ אים אַ נייעם פּסיכאָ=אידעאָלאָגישן צושטאַנד, וואָס קאָן שוין אין די ראַמען פון די פריערדיקע פאָרמען מיט פולער באַפרידיקונג ניט אויסגעהויכט ווערן. ווערן אומבאַדינגט געשאַפן נייע פאָרמען אָדער נייע ניואַנסן, שפּריצן אומענדערונגען פון די אַלטע פאָרמען.

און אינהאַלט מיינען מיר דאָ ניט דאַפקע אין זין פון סיוזשעט, אַז עס מוזן דאַפקע געגעבן ווערן קאָנפליקטן, געראַנגל, צווישנבאַציאונגען פון סאָציאַלע קאָלעקטיוון. עס קאָנען זיין מאָטיוון פון אינדיווידועלער בענקשאַפט, עראָטישע איבערלעבונגען אָדער נאַטור-שילדערונגען, מאָמענטן פון הײַנט אָדער געשיכטלעכע אסאָציאַציעס וועגן פאַרצייטן,—אַלץ דרינגט אַרויס פון אַ באַשטימטער סאָציאַלער פּסיכאָ-אידעאָלאָגיע און פאָדערט פאַר זיין אויסדריק אַן אַנטשפּרעכנדיקע פאָרם.

די פאַרשייטע קינדער-פרייד פון דער בורזשואַזיע, ווען זי איז נאָך אַ קלאַס אַ קונדעס, וואָס הויבט ערשט אָן זיין פּאָליטישן אויפגאַנג און האָט נאָך ניט דעם געפיל פון אכראַיעס, האָט באַמאַרשע, לעמאַשל, ניט געקאָנט אויסדריקן אין דער מאַנירלעכער פאָרם פון דער הויף-קאָמעדיע,—ער האָט געמוזט באַשאַפן אַ נייע פאָרם, אַן אייגענעם טעמפּ און ריטם, אַ נייעם סטיל. אַפילו דער אידעאָלאָגישער רייץ פון באָמאַרשע ליגט פאַרבאָרגן אין זיין נייער פאָרם.

וויקטאָר הוגאָ האָט שוין אַביסל לעאַכער האמאיסע—די קונסט קומט גאַנץ אָפט לעאַכער-האמאיסע—געהאַט אויסצוודריקן דעם יוגנטלעכן ברויז פון דער בורזשואַזיע אין מאָמענט פון איר פולער רעוואָלוציאָנערער אכראיעס, ווען זי האָט אָבער נאָך אין איר פאַרשיקערטקייט ניט געפילט די גרעניצן פון דער פרייהייט, וואָס זי קאָן נעמען פאַר זיך אליין און וואָס זי וויל און קאָן אנדערע געבן. האָט ער געמוזט שאַפן אַ נייע, אַן אייגענע פאָרם.

דאַן קומט דער פעריאָד פון אָפגאַנג. די בורזשואַזיע הויבט אָן צעריסן ווערן פון אינערלעכע ווידערשפרוכן, עס הויבט זי אָן באַהערשן דער שרעק פאַרן געשפענסט פון קאָמוניזם, וואָס וואַנדערט איבער אייראָפּע. זי איז אידייאיש אויסגעשעפּט, עס הויבן זיך אין איר אָן פראָצעסן פון אינערלעכער פוילעניש. קומט די פאָרם פון באַדלערן. „איר האָט געשאַפן אַ נייעם צאַפּל", —שרייבט וויקטאָר הוגא באַדלערן. דאָס איז דער צאַפּל פון פוילעניש, די שיינקייט פון גלי-ווערימלעך.

אָדער באַ אונז אין רוסלאַנד. די ליטערע אין איר וואונדערלעכער ראַכוועס פושקינשע פאָרם פונם פרייהייטלעכן אדל הויבט אָן טיילן איר אַליינהערשאַפט מיט דער האָרעפּאַשנער פאָרם פונם אַמכאָ-בירגער נעקראַסאָוו, די רואיק-געטאָקטע שיינקייט פון טורגעניעווס פריציש-ליבעראַלער פויערים-דערציילונג ווערט אדויסגעשטויסן דורך דער מאַרטירער-פאָרם פון דער פויערים-דערציילונג פונם פאָלקס-אינטעליגענט גליעב אוספענסקי און ד. גל.

פאָרם ווערט באַשטימט פון אינהאַלט. דערפאַר איז בלויזע פאָרם אַן אומזין, ווייל דאָס וואָלט הייסן אינהאַלטלאָזיקייט. און אויב מיר זעען פאַר זיך פאָרט בלויזע פאָרם, וועלכע איז דערביי טאַקע עכטע קונסט, באַדייט די דאָזיקע אינהאַלטלאָזיקייט גופע א באַשטימטן אינהאַלט—ניט בלויז אַ אינדיווידועלן, נאָר אויך א סאָציאַלן. דאָס באַדייט, אַז דער קינסטלער פילט אַ באַוואוסטזיניקן אָדער אומבאַוואוסטזיניקן, אינסטינקטיוון שרעק פאַר יעדן אינהאַלט, אַז ער שטעלט מיט זיך פאָר אן אויסגעליידיקטן „איך", אַז ער ציט זיין יעניקע פון סאָציאַל פאַרמישפּעטע גרופּן.

„דער קינסטלער דריקט אויס זיין אידייע מיט בילדער, בעשאַס דער פובליציסט דרינגט אויס זיין געדאַנק מיט דער הילף פון לאָגישע מאַטיון. און אויב אנשטאָט בילדער אפעריוט דער שרייבער מיט לאָגישע מאטיוון אָדער אויב זיינע בילדער ווערן פון אים אויסגעטראַכט, קעדיי צו דערוויזן אַ באַשטימטע טעמע, איז ער דאַן קיין קינסטלער ניט, נאָר אַ פובליציסט, מעג ער אַפילע שרייבן ניט אויספאָרשונגען און אַרטיקלען, נאָר ראָמאַנען, דערציילונגען אָדער טעאַטראַלע פיעסן. דאָס איז טאַקע אַלץ ריכטיק. אָבער דערפון איז קלאָל ניט געדרונגען, אז אין אַ קינסטלעריש ווערק האָט די אידייע קיין באַדייטונג ניט. איך וועל נאָך מער זאָגן: עס קאָן ניט געמאָלט זיין קיין קינסטלערישע ווערק, וואָס זאָלן ניט האָבן קיין אידייאישן אינהאַלט. אַפילע די ווערק, וואָס זייערע מעכאַברים האַלטן טייער נאָר די פאָרם און זאָרגן ניט וועגן אינהאַלט, דריקן דאָך אַזוי אָדער אַנדערש אויס אַ באַשטימטע

אידייע... די ווערק, וואָס די מעכאַברים זייערע האַלטן טייער בלויז די פאָרם, דריקן שטענדיק אויס א באַשטימטע, האָפענונגסלאָז-נעגאַטיווע באַציאונג פון זייערע מעכאַברים צו דער געזעלשאַפטלעכער סוויווע, וואָס רינגלט זיי אַרום. און אין דעם שטעקט שוין אַ אידייע, וועלכע איז זיי אַלעמען געמיינזאַם און ווערט אַף אַלערליי אויפאַנים אויסגעדריקט דורך יעדן פון זיי באַזונדער" *)

דערפון איז צו זען, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג האָט די פאָרם אין קונסט אַפילע אַלס קריטעריום פון אינהאַלט. שטעלט מיט זיך אַ ווערק פאַר עכטע פאָרם און דריקט דערביי אויס אויך אינהאַלט—איז דאָס אַן עמעס קונסט-ווערק. האָבן מיר פאַר זיך הוילע, אָבער עכטע פאָרם, דערשפירן מיר שוין אין איר אויך, ווי מיר האָבן געזען, אַ באַשטימטן אינהאַלט—דאָס אויס-טאָן זיך פון דער קאָנקרעטער סוויווע. אַזאַ ווערק איז קונסט, האַגאַם קונסט מיט אַ באַשטימטן אידעאָלאָגישן דעפעקט. אַמאָל איז דערדאָזיקער דעפעקט אין געוויסן זין אַ פּ אָ ז י ט י ו ו ע ר ב אַ ו ו י י ז אַף דער פּאָרגעשריטנקייט פונם קינסטלער לעגאַבע דער רעאַקציאָנערער געזעלשאַפט, פון וועלכער ער שטאַמט, אָבער אין דערזעלבער צייט באַווייזט ער אויך, אַז דער קינסטלער איז ניט קיין קעמפערישע נאַטור, אַז ער טראָגט פאָרט אין זיך די שפורן פון זיין קלאַסן-אָפשטאַמונג. לעמאָשל, פּושקין, וואָס, געענגט דורך דער קאַזאַרמע-געזעלשאַפט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, האָט ער זיך, ווי דאָס דערקלערט פּלעכאַנאָוו, געווענדעט צום דעמאָלטיקן אַדל-האַמוין מיטן שטאָלצן אויסרוף: „לאָזט גע-מאַך! וואָס האָט דער דיכטער פרידלעכער צו טאָן מיט אייך!" נאָר ניט האָבנדיק אַלס פ ר י ד ל ע כ ע ר דיכטער קיין דעקאַבריסטן-מוט, פלעגט ער זיך אָפט וועלן אויסבאַהאַלטן אין דער לויטערקייט פון זיינע וואונדערלעכע דיכטער-קלאַנגען... אָבער מערסטנטייל איז טאָקע דער אידעאָלאָגישער דעפעקט פון אַזאַ „ריינער" פאָרם אַ דעפעקט אין אַלע פּראָטים, ווייל זי שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין קונסט-שטיבל, וואוהין עס דערווייטערן זיך רעאַקציאָנערע קינסטלער צו פּראָוון ביעכידעס נאָר אין איינקלאַנג מיט זייער קלאַס סינע-דינסטן קעגן דעם פּראָגרעסיון געזעלשאַפטלעכן קאַמף.

אין ביידע פאַלן—„אינהאַלטלעכע" פאָרם און „פאָרמעלער" אינהאַלט, אַזוי צו זאָגן,—באַציט מען זיך פּאָזיטיוו אָדער נעגאַטיוו צ ו ם ו ו ע ר ט פ ו נ ם א י נ ה אַ ל ט, אָבער אז מיר האָבן דאָ פאַר זיך קונסט, ווערט ניט אָפּגעלייקנט. אַנדערש איז אָבער, ווען מיר האָבן צו טאָן מיט קונסטווערק פון בלויזן אינהאַלט.

דריקט אַ ווערק אויס בלויז אינהאַלט און פאַרמאָגט דערביי קיין פאָרם ניט אָדער פאַרמאָגט שוואַכע פאָרם, פאַלט עס אַריין אין געדער פון מער אָדער ווייניקער הויכער פּובליציסטיק. דאָס ווערק קאָן האָבן אַ צייטווייליקן עפעקט, אַ פאַריבערגייענדיקע ווירקונג, עס גייט אָבער ניט אַריין אין סכום פון די קונסט-ווערטן, וואָס בילדן די קולטור-יערושע פאַר די קינפטיקע דוירעס.

*) פּלעכאַנאָוו. „די קונסט און דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן". אַרטיקל׳ען-זאַמלונג „קונסט-פאַרלאַג „נאָוואַיאַ מאָסקוואַ". 1922. ז. 47—146.

ווייל טיפֿע פֿאָרם שעפּט אַן טיף אויך אינהאַלט, קליינלעכע פֿאָרם פֿאַרכאַפּט אויך אינהאַלט אַפּן שפּיץ-מעסער.

„דער עמעסער באַשעפֿער פֿון דער בורזשואַזער דראַמע אין פֿראַנקרייך איז ניוועל דע ליא-שאַססע",—שרייבט פּלעכאַנאָוו. נאָר ניוועל דע ליא-שאַססע האָט מיט זיך קיין נייע פֿאָרם ניט געבראַכט, ער האָט איבערהויפּט פֿאַרמאָגט אַ שוואַכע פֿאָרם,—איז ער טאַקע פֿאַרבליבן אינם אַרכיוו פֿון דער ליטעראַטור, אָבער ניט אין דער ליטעראַטור גופֿע, האַגאַם אין זיין צייט האָבן זיינע פּיעסן אַ שטיקל עפֿעקט געהאַט.

ס'איז געווען אַ רוסישער שרייבער גריגאָראָוויטש, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ ווערק „אַנטאָן גאָרעמיקא". אין זיין צייט האָט דאָסדאָזיקע ווערק געמאַכט אַ שטאַרקן רו־שעם און אין אידעאָלאָגישן זין איז דאָס פּראָגרעסיווער, לעמאָשל, פֿון טורגעניעווס „שריפֿטן פֿון אַ יעגער". אָבער „אַנטאָן גאָרעמיקא" איז נאָר פֿול מיט גוט־מיינענדיקע קאַוואָנעס, און די „שריפֿטן פֿון אַ יעגער" האָבן מיט זיך געבראַכט אויך נייע שיינע פֿאָרם—איז ווער געדענקט איצט גריגאָראָוויטשעס ווערק? און די „שריפֿטן פֿון אַ יעגער" איז אַדהאַיאָם איינס פֿון די באַוואוסטע ווערק פֿין דער רוסישער ליטעראַטור.

אָדער אַ בייַשפּיל פֿון אונזער אייגענער ליטעראַטור. וויסנבערג האָט נאָך אין 1906 יאָר פֿאַרעפֿנטלעכט זיין „שטעטל". אַ ווערק מיט אַ רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט, וואו עס שפּיגלט זיך אָפּ דער שטייגער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג פֿין ערעוו און בעשאַס דעם 1905 יאָר. אין זיין צייט האָט דאָס ווערק געמאַכט אַן אָנזעען; אָבער אין דער ליטעראַטור איז דאָס פֿאַרבליבן ניט ווי אַ קונסט-ווערק, נאָר ווי אַ היסטאָרישער „דאָקומענט". דאָס ווערק האָט קיין ליטעראַרישן שטראָם ניט אַרויסגערופֿן, ווייל די פּרימיטיווע און פֿאַרעלטערטע פֿאָרם האָט אָפּשוואַכנדיק געווירקט אויך אַפֿן פֿאַרנעם פֿונם אינהאַלט. און שאָלעם אַש „קוילער־געסל", לעמאָשל, וואו פֿון אָפֿענער רעוואָלוציע ווערט אַפֿילע ניט דערמאָנט, נאָר וואו ס'פֿילט זיך אַ נייער רעוואָלוציאָנערער צוגאַנג צו די מאַסן און וואו עס ווערט אויפֿגעדעקט די רעוואָלוציע-פּעאיקע פּסיכאָ-אידעאָלאָגיע פֿון די מאַסן, איז אַ קלאַסישע קינסטלערישע דערציילונג אין דער אידישער ליטעראַטור, ווייל שאָלעם אַש האָט מיט זיך געבראַכט זיין אייגענע פֿרישע פֿאָרם, דעם עמעסן און אָרגאַנישן פּרימיטיוו.

די אנטשטייאונג פֿון אַ נייער פֿאָרם אין דער קונסט איז איינער פֿון די אָביעקטיווע סימאָנים, אַז עס איז פֿאָרגעקומען אַ געוויסע ענדערונג אינם געזעלשאַפֿטלעכן באַוואוסטזיין פֿון אַ באַשטימטן קלאַס, גרופּע אָדער שיכט. אָבער הוילע פֿאָרם איז אַ בראָכיקע זאַך, אויב זי שטיצט זיך ניט אָף אַ פֿעסטער אידעאָלאָגיע. אַ בייַשפּיל האָבן מיר טאַקע ווידער אין אונזער אייגענער ליטעראַטור אין געשטאַלט פֿון פּערעץ מאַרקישן.

מאַרקיש האָט מיט זיך געבראַכט אַ נייע פֿאָרם, וועלכע האָט אויסגעדריקט דעם צעשויבערטן געמיט פֿין די אידישע פֿאָלקס-מאַסן אונטער דער ווירקונג פֿון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע און ערעוו אָקטיאַבער-רעוואָלו-

ציע. אָבער מאַרקיש איז אין טאָך גלייכגילטיק צו אידעאָלאָגיע, ער איז פּסיכיש ניט פעאיק צו אידעאָלאָגישע זוכענישן,—האָט ער גאַנץ גיך אָנגעהויבן „פּוסט און פּאַסעווען״, און דער אויפשטייג פון זיין פאָרם האָט זיך אויך גיך געענדיקט. איר שליכעס אַלס אָביעקטיווער באַוויז אַף אַן איבערבראָך אינם מאַסן-געמיט האָט זי אויסגעפּילט. מיט קיין זעלבשטענדיקן אידעאָלאָגישן דראַנג איז זי ניט דורכגעזאַפּט געוואָרן, האָט זי אָנגעהויבן דעגענערירן. נאָכדעם ווי מאַרקיש האָט אַ העלן בליץ געטאָן אין אונזער דיכטונג ניט בלויז מיט דער פאָרם, וואָס ער האָט געבראַכט, נאָר אויך מיטן רעוואָלוציאָנערן ברויז-אינהאַלט, האָט ער, פאַרשיקערט פון זיין ערפאָלג, פריער אָנגעהויבן מאַלעגיירע זיין רעוואָלוציאָנערן „סטאַם״ און דערנאָך אינגאַנצן זיך אָפּשאָקלען פון רעוואָלוציע. האַלט ער אין איין וואַריאירן זיין אַמאָליקע פאָרם, שרייבט אַלץ אלפּי מארקיש, און ניט נאָר וואָס זיין פאָרם האָט זיך אָפּגעשטעלט אין איר אַנטוויקלונג, נאָר ער נוצט אַפילע אויס איר אָפּגעוועלקטן גלאַנץ פאַר רעאַקציאָנערע מאָטיוון.

אָבער פאָרם איז ניט רירעוודיק, עס איז איר שווער גלייך איבערצושמעלצן מיט אירע מעטאָדן נייע געזעלשאַפטלעכע ווענדונגען,—פאַרשפּעטיקט זי טאַקע מערסטנטייל אין איר אידעאָלאָגישער אויספאָרמירונג. דערפאַר איז אינהאלט באַוועגלעך און נעמט גלייך אויף יעדן געזעלשאַפטלעכן ריר. איז אָבער זעלטן, ווען ריינער אינהאַלט זאָל ווערן אַ באַוועג-קראַפט אין דער אַנטוויקלונג פון קונסט. אָט האָבן מיר, לעמאָשל, אין רוסיש סעראפימאָוויטשעס „אייזערנער שטראָם״—עס לייענט זיך מיט אינטערעס, ווי א „קינסטלערישע קאָרעספּאָנדענץ פונם פלאַץ פון די געשעענישן״ (לויט טורגעניעווס אויסדריק), אָבער קיין קונסט-שפּורן לאָזט דאָס ווערק ניט איבער. דאָס איז אַ געהילפסמיטל צו דער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, וואָס מיר האָבן דאָס שטאַרק נויטיק, אָבער ניט אַזעלכע ווערק ווערן בילדן די קונסט-ירושע, וואָס אונזער רעוואָלוציע וועט איבערלאָזן די קומענדיקע דורות.

אַנדערש איז אָבער, ווען פאָרם-זוכענישן גייען האַנט באַ האַנט מיט זוכענישן פון נייער רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע, וואָס דורך פאָרגעפילן פון איר ווערן טאקע בא די קינסטלער ארויסגערופן די נייע פאָרם-אָנשטרענגונגען. אין אזא פאל איז דער פולער קינסטלערישער ערפאָלג געזיכערט.

און ווידער האָבן מיר אויך אין אונזער ליטעראטור א ביישפּיל דערפון—דאָס איז די עוואָלוציע פון א. קושניראָוון פון אָנהויב פון זיין שאפן ביז זיין לעצטן ווערק: „קינדער פון איין פאָלק״ („אקטיאבר״ 1925).

II

„שטראם״

די אָקטיאבר-רעוואָלוציע האָט מיטאַמאָל אָפּגעשטויסן אין פאַרגעסנהייט דעם דאָר שעפער פון דער אידישער ליטעראַטור, וועלכער האָט זיך אויסגעפּאָר-מירט אין די יאָרן, וואָס צווישן דער ערשטער רעוואָלוציע פון 1905-טן יאָר און דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. מיטאַמאָל האָבן פאַרלאָרן זייער כיין און זייער באַדייטונג א. ווייטער, ד. בערגעלסאָן, ניסטער, ד. איינהאָרן, יוינע ראָזנפעלד און אַנד. — אַלע, וואָס קאָנען אַזוי אָדער אַנדערש באַצייכנט ווערן אַלס פאָרשטייער פון דער עפּאָכע פונם זשורנאַל „יודישע וועלט״. און ניט נאָר אָ ב י ע ק ט י וו האָבן זיי פאַרלאָרן זייער כיין און באַדייטונג, נאָר אויך ס ו ב י ע ק ט י וו האָבן זיי פארלאָרן יעדע מעגלעכקייט פאר ווייטערדיקן שעפערישן וואוקס און האַשלאָמע.

די קינסטלערישע אָפּגעלעבטקייט פון דעמדאָזיקן דאָר באַם שיין פון דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע האָט זיך באַזונדערס בוילעט אַרויסגעוויזן אין געשטאַלט פון די גרעסטע צווישן זיי — אין געשטאלט פון דאָוויד בערגעלסאָן און ניסטער.

די קינסטלערישע אָריענטאַציע אַפן אידישן מיטלשטאַנד, „אויב ניט נאָך העכער״, וואָס איז אַזוי טיף און טאַלאַנטפול אַרויסגעטראָטן באַ דאָוויד בערגעלסאָנען, איז מיטאַמאָל געוואָרן אַנאַכראָניש, ניט צו דער צייט, פאַרעלטערט, ווען קאַלאָסאַלע פאָלקסמאַסן מיטן פראָלעטאַריאַט אין אַוואַנגאַרד האָבן זיך אַ ריר געטאָן און פארנומען דעם געשיכטלעכן אויבנאָן אויך אין דער אידישער סוויווע. די ראַפינירטע געציזלטקייט אַפן אויסגעשיילטן בירגערלעכן יאָכיד איז געוואָרן פוסט און אינהאלטסלאָז, ווען מאַסן-קאָלעקטיוון, פראָלעטאַריאַט און פויערטום, האָבן אָנגעהויבן אַנטפלעקן קאָנקרעט זייערע געניאַלע שאַפונגס-מעגלעכקייטן. דער פארכאָלעמט לאַנגזאמער אינדיווידואַליסטיש-אימפּרעסיאָניסטישער סטיל איז געוואָרן אַ מין דיסאָנאַנס פון יענער וועלט, בעשאַס מאַסן-ברויז איז געוואָרן דער סטיל פון דער עפּאָכע.

ניט אומזיסט האט בערגעלסאָן נאָך אין אָנהויב 1919-יאָר אין דער קיעווער „ביכער-וועלט״ זיך אַזוי ביטער געקלאָגט אַפן „כאַאָטישן וועלט-צושטאנד״, וואָס פארורזאכט די „שרעקלעכע איינזאמקייט פון דער אידישער דיכטונג״, וועלכע שעפּט אירע „עפּאָס-עלעמענטן״ פונם „רואיקן מיטלשטאַנד״...

און דער ניסטער, וועלכער האָט ס ו ב י ע ק ט י וו אַפן מיטלשטאַנד זיך ניט אָריענטירט, נאָר וועלכער האָט געהאלטן אין זוכן דעם קינסטלערישן באַשייד פון פאָלקס-אידעאָלאָגישע סוידעס אין דער „פארמיטלשטאנדעוועטער״ קאַבאָלע, איז מיטאַמאָל געבליבן ווי אָפּגענאַרט, ווען דער ווירבל-ווינט פון אָקטיאַבר האָט אַנטבלויזט און אויפגעדעקט דעם מעהוס פון דער גאנצער אויבערשטער און אונטערשטער „פאַמאַליע״ פון מאַלאָכים און שיידים, לייצים אַון שרעטעלעך, מכאַשייפעס און גייער...

האָט זיך דערדאָזיקער דאָר קינסטלער דערפילט, ווי, עמעס, בעקאָוועדי-

קע, נאָר איבעריקע מעכוטאָנים אַף אַ פרעמדער כאַסענע, זייער דיכטונג איז געוואָרן אינגאנצן פאַריאַסעמט, א מין „שירה יתומה״ (פאַריאָסעמטע דיכ-טונג).

אָבער צו יענער צייט, צו אָקטיאבר צו, איז שוין דערדאָזיקער דאָר שרייבער ניט געווען אַליין אַף אונזער ליטעראַרישער אַרענע. אומבאמערקט און אומבאוואוסט פאר די „אַלטע״ איז אויפגעקומען אַן אומבייט — אַ נייע פּאַלאַנגע דיכטער, וועלכע האָבן זיך פאָרמירט אונטער דער ווירקונג פון דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע און פון ערעוו פעוורואל-רעוואָלוציע. דאָס זיינען אָשער שווארצמאן, קוויטקאָ, דאָוויד האָפשטיין, מאַרקיש און אַנד.

דאָס איז גאָר אַ נייער סאָציאַלער שיכט אין דער ליטעראַטור, מיט אַ נייעם געמיט, מיט נייע טענער און פאַרבן, מיט אַ נייעם לאָשן: די קליינביר-גערלעכע אידישע פאָלקסמאַסן, אויפגעטרייסלטע און צעשויבערטע דורך דער מילכאָמע און די פאָרגעפילן פון די קומענדיקע גרויסע סאָציאלע שלאַכטן.

נאַציאָנאלע צערודערטקייט און פראָטעסט-שטימונגען, נאַציאָנאל-דעמאָ-קראטישע היספאַילעס, אומבאשטימטע האָפענונגען אַף קומענדיקער נאַציאָנאל-סאָציאַלער אויסלייזונג און אין דערזעלבער צייט אומרו און פאַכעד פאַר מאָרגנדיקן טאָג; פארגאפטקייט פון גרויסע שלאכטן און אָפט אַ בענקשאפט נאָך אָפגעזונדערטן רו אינם גרויסן וועלט-שטורעם; אַמאָל קליינבירגערלעך נאַציאָנאלער טרויער און אַמאָל העפקער-פרייד פון מאַסן, וואס האבן זיך פאר-לאָרן אין קאַראַהאָד פון אומבאגרייפלעכע געשעענישן.

אָט די גאנצע גאַמע געפילן, שטימונגען און איבערלעבונגען געפינען זייער וואונדערלעכן אויסדריק אין די ווערק פון די נייע דיכטער. און ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס אַלע זיינען זיי דיכטער — פראָזע איז צו שווערוואָגיק, צו ניטרירעוודיק אַף ברענגען גלייך צום אויסדריק נייע ענדערונגען, וואָס שפּראָצן אויס פאַרבאָרגן אין די טיפענישן פון סאָציאלע שיכטן.

„אַ גרויסן טויבן אומרו טראָג איך אין מיין האַרצן
„באָדט די שטאָט זיך ווען אין ביט אין שווארצן
„כאפט זיך אויף מיין אומרו,
„מיין טויבער טאַם אין האַרצן״,

— דערקלערט קוויטקאָ, און ווייטער דעקט ער אויף דעם סאָד פון זיין „טויבן אומרוי״:

„שפּאַנט אַ מענטש געפּעלצט
„אין פּעלץ פון שטריק און סטריכעס ,
„אין בליק אַ שטרענג געדולד,
„אין הארץ אַ הארט שליכעס,
„אַקשן-קראַפּט אין שפּרייזן זיינעם,—
„ער שלעפּט מיט זיך צו מיר
„א שווערע גרויסע טאַינע״.

דאס איז מער ס אָ צ י א ל ע ר אומרו, ווייל קוויטקאָ איז אַן עמעסער מאַסן־מענטש, אַ קליינבירגערלעכער אַמכאָ, געווענדעט מיטן פּאָנים פּאָרויס, צו דער פּראָלעטארישער סטיכיע, צום „געפּעלצטן מענטשן מיט שטריק און סטריכעס". האָפשטיין איז שוין אַ מער קלאַסנבאוואוסטער קליינבירגער, ער איז דער „פּעוורא̇ל"-אינטעליגענט פונם אויפגערודערטן אידישן האַמוין. טראָגט ער אין זיך אַן אומרו פון גאָר אַן אַנדער מין — נ אַ צ י אָ נ א ל ן אומרו:

„איך האָב אַף מיין אַקסל אַ מאַסע גענומען
„פון זוימען, באַפּייכטע מיט האַרבסט-טויען קאלטע,
„מיט זיידנס יערושע, מיט שטעקן מיט אַלטן,
„מיט אַלטן פארשטויבטן, פארשרומפּענעם לאָגל
געלאָזט זיך אַף וועגן, אַף וואַנדער, אַף וואָגל...
„צום הימל צום הויכן
„פון היימען פון פרעמדע געגאַן זיינען רויכן.

— — — — — — — — — —

„מיט עלנט געבעט און מיט פּאַכעד געהיימען
„געזייט האָב איך זוימען בא ווילד-פרעמדע היימען..."

אַ מענטש, וואָס טראָגט אַף זיין אַקסל דעם „זיידנס יערושע", ווען ער זעט, אַז פון „פרעמדע היימען" גייען צום הימל רויכן, מוז ער האָבן „פּאַכער געהיימען" פארן גוירל פון דעם, וואָס ער פארזייט אין „ווילד-פרעמדע היימען".

און אָשער שווארצמאַן איז בעטעווע אַ דואיקער, פאַרטרוימטער פאָלקס-מענטש, פול מיט הומאניטארע געפילן, וועלכע מיידט, עמעס, ניט אויס קיין שלאכטן, ער בענקט אָבער נאָך אָפּגעזונדערטן רו. ער גייט אין שלאכט, נאָר באלקאָרכע, די שטורעם-צייט פּאָדערט דאָס, אָבער די צילן פון דער שלאכט ווערן פאר אים פארוואָלקנט דורך איר אומפארמיידלעכער גרויזאמקייט.

„קרעכצט דער יאם אין פולן ווייטיק
„ס'רייסט דער שטורעם קוואָרים איין...
„העכער טיפער פון זיי ביידן
„איז דער קלאנג פון מענטשן-פיין..."

און זיין ליבסטער טרוים איז די אַזוי אומענדלעכע אין שטורעם-צייט אידילישע רו:

„און סאמבאטיען דער טייך ווערט געשטילט, ווערט געשטילט

— — — — — — — — — — — — —

„ס'איז א הירש שוין געקומען צו טרינקען פון טייך,
„ס'איז דאָס וואסער אַ לויטער קרישטאָלענער דעך"...

אַ הירש, וואָס טרינקט פונם בארואיקטן סאַמבאטיען — דאס איז געווען דער טרוים פון אַ דיכטער, וועלכן עס איז באשערט געווען אומצוקומען אַלס פרייוויליקער אַפן רויטן אָקטיאבער-פראָנט...

דערפאר איז מאַרקיש דער העפקער-מענטש פון דערדאָזיקער אויפגערו-דערטער כאַליאַסטרע, ער איז דער „באָסיאק", וואָס אַלץ איז פאר אים „קיי און שפּיי", אָן טראדיציעס און צוזאמענבונדן. אין פייער פון שלאכט קאָן

ער אמאָל מיטגעריסן ווערן, אָבער ער קאָן זיין אויך דער ערשטער פון די דעזערטירן.

„האָסט אַ שטיקל האַרץ? פארשווייג עס!
„ווילט זיך שווייגן? שריי צום טויט!..
„ערגעץ גרימפּלען באַלאַלאַיקעס
„אפן שטיין צעזעצטערהייט!
„טו זיך אויס, די העמד צעכראַסטע.
„שמאַטעס פונם לייב אַראָפּ!..
„איך בין אויך אַ שיינער גאַסט דאָ,
„פאַר אַ גראָשן קויף מיין קאָפּ!

אַזאַ איז געווען די יונגע ליטעראַטור, וואָס די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע האָט געטראָפן אין דער אידישער סוויווע, ווען זי איז אהין אריינגעדרונגען.

דער סאַמע באָדנהאַפטער צווישן זיי איז געווען דאָוויד האָפשטיין, וועלכער האָט געהאַט אַ קלאָר אויסגעשפּראָכענע פּסיכאָ-אידעאָלאָגיע פונם אידישן קליינבירגערטום אין קלעם צווישן מילכאָמע, קאָנטער-רעוואָלוציע און רעוואָלוציע. דערפאַר האָט ער טאַקע אויך געשאַפן אַ קלאָרע, געשליפענע פאָרם—די פאָרם פונם אידישן דיכטערישן קלאַסיציזם.

דערנאָך גייט אָשער שוואַרצמאַן — אַ אינערלעך גאַנצער פאָלקס-מענטש מיט אָרגאַנישע רעוואָלוציאָנערע נעטיעס. איז אויך זיין פאָרם אַ מער אָרגאַנישע — קינסטלעריש איבערגעדיכטעטער פאָלקסטיל.

קוויטקאָ איז אָנפאָרמיקע מאַסן-סטיכיע, וואָס הויבט ערשט אָן אין אַ שלאַל יאָדערדיקע פאָלקס-ווערטער און פאָלקס-בילדער אויסשלייפן זיך אַן אַרטיקולירט לאָשן. איז זיין פאָרם אַ שווערע, אַן איבערגעלאָדענע מיט רויע פאָלקס-פלאַסטן און פאלקס-פרימיטיוון.

מאַרקיש איז דער העפקערדיקער מאַסן-יונג, פאַר וועלכן די מילכאָמע און די רעוואָלוציע האָט געעפנט אַ וועלט, אָבער קיין באָדן ניט געשאַפן, — הוליעט ער פריי, מיט אַ צעכראַסטעטער שפּראַך, מיט צעווינטלטער פאָרם, וואָס ווי מער זי ווערט זאָרגלאָזער צו אידעאָלאָגיע, ווערט זי אַלץ מער אויבערפלעכלעכער פלאַקאַט.

אָבער איינמאָל באַהערשט די אידישע סוויווע, הויבט אָן די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע דאָרט אויסבילדן אַ נייע ליטעראַטור, נייע שרייבער און דיכטער, וואָס ציען יעדערער אַף זיין שטייגער זייער קינסטלערישע יעניקע נאָר פון איר. עס קומען אויף קושניראָוו, פעפער, רעזניק, פינינבערג, קיפּניס, גאָדינער, כאַריק, האַלקין, מייעראָוויטש, אַקסעלראָד, ראסין, כאַשטשעוואַצקי און אנדערע, וואָס אַלע האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אויספאָרמירן אונטער דער שיין פון דער ניצאָכנדיקער רעוואָלוציע.

אָבער די רעוואָלוציע האָט איר פולקומען זיג אָפּגעהאַלטן אין דער אידישער סוויווע ערשט דעמאָלט, ווען אין אַלגעמיינעם מאַסשטאַב האָט זי שוין געהאַלטן באַ דורכמאַכן איר גרויסן צוריקטריט=מאַנעוור פונם ערשטן פעריאָד פון „נעפּ". דער ראָמאַנטישער געדויש פון פעלד-שלאַכטן האָט אָפּגעקלונגען, און

ס'האט זיך אָנגעהויבן די וואָכעדיקע אַרבעט פון אָנגעשטרענגטער בויאונג. די קליינבירגערלעכע סטיכיע, וואס האט זיך אין דער עפּאָכע פון בירגער-קריג או מיליטערישן קאָמוניזם געפונען אין אייזערנעם קלעם, האט זיך אַרום צעשפּילט מיט איר גאנצן אימפּעט, און דער פּראָלעטאריאט האט איבער־געלעבט דעם גרויסן פּיין פון בויען אַף כורוועס. אין דער אידישער סוויווע, וואו דער פּראָלעטאריאט האט ערשט אָנגעהויבן צו בויען זיינע סאָוועטישע פּאָזיציעס, האָט זיך די קליינבירגערלעכע סטיכיע געפּילט אַמשטארקסטן. און די אידישע אָקטיאבר-ליטעראטור האט זיך גראד אָנגעהויבן פאָרמירן אין דער אַטמאָספער פונם אָנגעקומענעם „נעפּ”, אונטער די ווירקונגען פון דער צעשפּילטער קליינבירגערלעכער סטיכיע.

דערצו איז צוגעקומען נאך אַ מאָמענט. די אידישע סאָוועטישע געזעלשאפטלעכקייט איז שטענדיק, און ביפראט דעמאָלט, געווען פיל שמאָלער איידער די רוסישע. די לעצטע איז אַ סכום פון צוזאמענווירקונג פון קלאסן און שיכטן: פון פּראלעטאריאט, פּויערטום, צוזאמען מיט דער אינטעליגענץ, וואָס האט זיך באַהעפט צו דער רעוואָלוציע. אין אָנהויב אָקטיאַבר אין דער אידישער סוויווע האָט די אידישע סאָוועטישע געזעלשאפטלעכקייט געבילדעט נאָר און אויסשליסלעך דער פּראָלעטאריאט. און איבערגעקומען אזוי פיל וואָקלענישן, איז דער פּראָלעטאריאט געווען באזונדערס שטרענג און אומפּשאָרעדיק בענויגייע צו ליטעראריש-קינסטלערישע אידעאָלאָגיעס. דאס האט געהאט געשאפן פאר דער יונגער ליטעראטור, וואס איר שפּעטער האבן זיך רעקרוטירט בלויז פון קליינבירגערטום, א טעמפּעראטור פון צו הויכער דריקונג. איז זי לעכאטכילע ניט בייגעשטאנען דעם ניסאיען און האט זיך געלאזט לויט דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאנד — אין דער ריכטונג פון דער קליינבירגערלעכער סטיכיע.

די ערשטע ווערטער פון דער אָקטיאבר-ליטעראטור זיינען געווען קליינבירגערלעכע טרויער-לידער און אינדיווידואליסטישע בענקשאפט.

„פּוסט און וויסט.
„איז ערשטער אָנפאנג שוין געווען באשערט,
„האב איך אלע הימלען, מיינע ערשטע הימלען, אויסגעשטערנט
„און אויסגעטראכט מיין וואַקלדיקע ערד
„אין פּוסט און וויסט”.

(ליפּע רעזניק)

„און ווער וועט מישפּעטן,
„ווער וועט שטראָפן
„מיין פארווארפענעם פארוואָס?”

(פעפער)

דוכט זיך, דיכטער פון קעגנזעצלעכע שטימונגען—און ביידע האָבן זיי זיך פּראָקלאמירט מיט טרויער. פּוסט און וויסט אַף דער אויסגעטראַכטער וואַקלדיקער ערד — און אַ פאַרוואָרפאָנער פאַרוואָס.

דאָס איז געווען דער גרונט-טאָן. אַף וויפל אָקטיאַבר האָט דאָך באַדינגט

פּאָליטישע מאָטיוון — איז דאָס געווען רעוואָלוציאָנערער „סטאם". ריטאָרישע, מעליצעדיקע לידער וועגן די דעקאָראַטיווע שיינקייטן פון דער רעוואָלוציע. און דאפקע אין דעם געביט האָט האָפשטיין, דער גרעסטער פערזן־מאיסטער, אַרויסגעוויזן עפּשער די גרעסטע בעריעשאַפטן, ווייזנדיק, אַז אויך אָקטיאַבר קאָן ווערן אַ מאַטעריאַל פאַר געשליפענע, געטאָקטע, אָבער אייזקאַלטע שורעס. נאָר דאָס אַלץ איז דיכטערישע טעכניק, רוישטאָף פאַר זעלבשטענדיקער פאָרם — דער נערוו פון דער נייער דיכטונג איז געווען נעפּ־שמערץ, באהעפט מיט וועלט־שמערץ אַפן באַזיס פון קליינבירגערלעך־נאַציאָנאַליסטישע איבערלעבונגען און שטימונגען.

זיינען שוין מעמיילע צוריק אָפּגעשאַפט געוואָרן די גרעניצן צווישן פאַרשיידענע ליטעראַרישע גרופּירונגען, ס'איז אויפגעקומען איין אידישיסטישער לאָזונג: „ליטעראַטור". און ווי אַמאָל, בעשאַס דער רעאַקציע, וואָס איז אָנגעקומען נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905־טן יאָר, זיינען געקומען די „ליטעראַרישע מאַנאַטסשריפטן" צו „בויען דעם אידישן רענעסאַנס אַף די כורוועס" פון דער רעוואָלוציע, אזוי איז איצט אויך אויפגעקומען דער „שטראָם". האגאם איצט האָט די רעוואָלוציע אַליין מיט פארקאַשערטע מעכטיקע הענט זיך גענומען פאַר בויאונג...

די אידישע אָקטיאַבר־ליטעראַטור איז צוליב דעם ספּיציפישן מאָמענט, אין וועלכן זי האָט זיך אָנגעהויבן פאָרמירן, ארויסגעקומען אַ דעזאָריענטירטע אין אידעאָלאָגישן זין. אויך דאָס האָט אין אַ באדייטנדער מאָס אַרויסגערופן איר אינערלעכע געדריקטקייט. אָבער אָרגאַניש באַהעפט מיט אָקטיאַבר, האָט זי געפילט די ברענענדע נויט אין אַ וואָסער ס'איז רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע, — האָט זי אָנגעהויבן פיינלעך זוכן אידעאָלאָגיע דורך פאָרם. און טאַקע דערמיט אונטערשיידן זיך די פאָרם־זוכענישן פון דער נייער אידישער ליטעראַטור אין ראטנפאַרבאַנד פון אַזעלכע זוכענישן אין דער אידישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד, וואָס בא אונז האָבן דידאָזיקע זוכענישן פון ריינער פאָרם אַ רעוואָלוציאָנערן אונטערבאָדן. די נייע ליטעראַטור האָט ווי געפילט, אַז אין אָקטיאַבר־לאַנד קאָן זיך קיין ליטעראַטור לויט בלויזער פאָרם ניט גרופּירן, ביפראט נאָך, אַז די פאָרם אַליין איז אַ דערווייליקע און ניט קיין זעלבשטענדיקע, נאָר אַן עטאַפּ צו אידעאָלאָגיע.

איז טאקע דער „שטראָם" אויפגעקומען ווי אַ צייטווייליקער מיקלאָט פאר די אַלע בענקשאַפטן פון דער יונגער ליטעראטור, ווי אַ מין עוואקואיר־פּונקט, ביז וואנען יעדערער וועט געפינען זיין אידעאָלאָגישן טיקן. און טאקע דערין ליגט דער פּאָזיטיווער זין פונם „שטראָם" און זיין גרויסע ליטעראַטור־היסטאָרישע באדייטונג.

און דער „שטראָם" האָט טאקע אָפּגעשפּיגלט די טיפע גייסט־וואַקלענישן פון אונזער ליטעראטור פון אָנהויב נעפּ ביז דעם מאָמענט, ווען דער צוריקטריט פון דער רעוואָלוציע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, און עס האָבן זיך ארויסגעוויזן אירע גרויסע ניצכוינעס אַפן פרידלעכן בויאונגס־פראָנט אין גאנצן לאנד און אין דער אידישער סוויווע באזונדערס.

געעפנט האָט זיך דער „שטראָם" מיטן באַרימטן מאַניפעסט פון דער אידישער נעפּ-סוויוועט — מיט דאָוויד האָפשטיינס „ליד פון מיין גלייכגילט". דאָ האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן, אַז דעם „זיידנס יערושע" ציט טאַקע צום „שטאַם" און אַז די „סטאַם"-רעוואָלוציע פונם ריטאָרישן „אָקטאָבער" איז מער ניט, ווי אַ „רויך פון פרעמדע היימען".

דערנאָך איז געקומען ליפע רעזניק און האָט געזונגען וועגן „הילכיקע נעכט":

„היינט בין איך אַ פּיקסל
„אַף די כורוועס פון מיין אייגן לאַנד".

פון דידאַזיקע „הילכיקע נעכט" ביז איציק פעפערס „טעג פון פראָסטן וואונדער" איז — פאָלג מיך אַ גאַנג!

אָבער רעזניק איז דאָך אַן אָרגאַניש קינד פון דער אָקטיאַבער-עפּאָכע:
„און ווער זיינען מיר —
„מיר טראָגן צו פרייד און פון פרייד זיינען מיר,
„מיר מעסטן מיט מעשענע טאַצן די טריט —
„איינס, צוויי, דריי, פיר".
קושניראָוו האָט אויך אָנגעהויבן אין „שטראָם" דעם קאַצן-יאָמער:
„איך פאַרמאָג שוין אפילע אין טרוים ניט
„קיין לאַנד פון האָניק און מילך".
אָבער אויך באַ אים איז דער טרויער אַ מער פרוכטבארער, האגאם אַ געגוג כאַשעדיקער.

דאַן קומט גאָדינער, וועלכער האָט זיך געמאַטערט איבער טעמעס פו פאַציפיסטישן אַנטימיליטאַריזם, פאַרפאַרבטע מיט שווערע שטימונגען פון דער צייט פון אָנהויב נעפּ.

איבערהויפּט איז לעכאַטכילע אין „שטראָם" געווען אַ מין ערעווראַוו פון דוירעס, אַ מין פאַראייניקונג פון בערגעלסאָן מיט קושניראָוון, ניסטער מיט גאָ-דינערן, האָפשטיין מיט פעפערן א. א. וו. דאָס אליין איז שוין געווען אַ באַווייז, אַז „דעם זיידנס מיטוואָך" דויערט נאָך און דויערט".

אָבער די רעוואָלוציע איז ניט געשטאַנען אַף איין אָרט. זי האָט איר צוריקטריט-מאַנעוור פאַרענדיקט. דאָס לאַנד האָט אָנגעהויבן אויפשטיין פון זיינע כורוועס, די פאַבריקן און זאַוואָדן האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן מיט אַן אַלץ פו-לערן גאַנג, די לאַנדווירטשאַפט — קומען צו זיך. דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך קאָנסאָלידירט, ס'האָט אָנגעהויבן קאָכן און זידן די אַרבעטער-פויערשע געזעלשאַפטלעכקייט. פון אויסלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן הערן די קנאַלן פון שיר ניט אַן אָקטיאַבער-רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד... און אויך די אידישע סוויווע איז אינגאַנצן איבערגעבוירן געוואָרן אַף סאָוועטישע יעסוידעס — ס'איז באַשאַפן געוואָרן אַ נייע אידישע ווירקלעכקייט בעראַש מיטן פּראָלעטאַריאַט, וואָס פירט נאָך זיך די ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסן, ס'האָט זיך אָנגעהויבן אין גרויסן מאַסשטאַב שאַפן אַ אידיש פויערטום, ט'איז זיך צעוואַקסן די אַרבקאָרן-

באוועגונג, ס'איז אנטשטאנען פראלעטארישע שרייבער=ווארשטאטן — די גרופע „יונגוואלד", „יונגער אַרבעטער".

דאָס אַלץ האָט אומגעהויער געווירקט אַף דער ליטעראַטור, זי האָט אָנגעהויבן באַקומען נייע שעפערישע שטויסן און אימפּולסן. די „ליד פון מיין גלייכגילט‟" איז געוואָרן א פארדראָסלעכער אנאכראניזם—ניט גלייכגילט, נאָר ברענענדיקער אינטערעס: „אַהער אָדער אַהין" — איז געוואָרן דער לייטמאטיוו. ניט „הילכיקע נעכט", נאָר „טעג פון פראָסטן וואונדער" איז געוואָרן דער פאָן. זיינען די אַלטע אָפּגעפאַלן און אַוועק אין זייער רו, — און ס'האָט זיך אָנגעהויבן פאנאנדערוויקלען די זעלבשטענדיקע עוואָלוציע פון אונזערע אייגענע שרייבער. מיט דער הילף פון זייערע פאָרם-עקספּערימענטן און דורך זיי האָבן זיי זיך דערקליבן יעדער איינער צו זיין אידעאָלאָגיע.

און דערדאָזיקער פראָצעס פון אידעאָלאָגישער זעלבסטבאשטימונג גייט פאר אונז דורך אין די נומערן פון „שטראָם". קושנעראָוו קומט פון זיין פארי־אָמערטער „אזקארע" מיט איר „אין נעשאָמע אַ מייזעלע שקראַבעט" צום ענטוזיאזם פון

„איך האב ליב אַזוי די שטאָט
„וואָס האָט געשוימט מיט פרייד".
„אין אַ טאָג — פאר איך דערווייל אַ וואָכעדיקן —
„אין א מיטן פינפאונצוואנציקסטן אָקטיאבר".

גאָדינער דערקלייבט זיך פון זיין „געשווילעכץ" צו „איוואנגאראד". ס'טרעטן אַלץ בוילעטער אַרויס די פיזיאָנאָמיעס פון רעזניק, פינינבערג, האלקין. די ליד, וועלכע איז געווען קימאט דער אליינהערשערישער אַרט ליטעראטור, ווערט אליין אָנגעזאפט מיט קאנקרעטישקייט, מיט סיוזשעטישקייט און הויבט אָן ביסלעכווייז איבערגיין צו פראזע. עס קומט אויך אויף פראָזע אַלס אזעלכע. מע הויבט אָן זעען בוילעט סימאנים פון וועזנטלעכע דיפערענצירונגען. מיטלויפער, וואס דער פרעמדסטער צו אונז צווישן זיי איז דערווייל ד. מייעראָוויטש, און מיטגייער, וואָס די נאענטסטע צו אונז צווישן זיי זיינען קושניראָוו און כאריק.

די עוואקואיר-צייט האט זיך פאר דער נייער ליטעראטור געענדיקט, און דער „שטראם" אַלס עוואקואיר-פונקט, אַלס צייטווייליקער מיקלאט ביז דער געגארטער זעלבסטבאשטימונג, איז געוואָרן איבעריק — איז ער שטיל געשטאָרבן. די שרייבער האבן זיך פריי צעשפרייט אין זוכענישן פון נייע, מער צוגעפאסטע טריבונעס. אלס אַזעלכע טריבונעס זיינען אויפגעקומען „אָקטיאבר" און „נייערד". עמעס, דידאזיקע טריבונעס זיינען נאך גאנץ צייטווייליק און גאנץ צופעליק גרופירט. אָבער גאָר ניט צופעליק איז דאס, וואָס קושניראוו, וועלכער איז אין ערשטן נומער „שטראם" געקומען מיט זיין „אזקארע", האט אויפגעעפנט די זאמלונג „אָקטיאבר", וועלכע איז אַן אָפּלייקענונג פון „שטראם", מיט זיינע „קינדער פון איין פאָלק", און וואס די „נייערד", וועלכע קאָן זיך ניט באפרייען פונם „שטראָם"-היפּנאָז, האט זיך געעפנט מיט דאניעלס (מייעראָוויטשעס) „ראַכמיעל נאכט-שוימער".

III

די ליניע פון דער דיפערענצירונג

לויט וועלכער ליניע איז פאָרגעקומען די דיפערענצירונג אין אונזער קינסטלערישער ליטעראַטור, אף וויפיל דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די צוויי אַלמאַנאַכן „אָקטיאַבר“ און „נייערד“?

די שיידונגס-ליניע דאַרפן מיר זוכן לויט דער ברייטקייט פון דער סאָציאַלער באַזע פאַר אונזער קולטור-שאַפונג, אף וועלכע עס אָריענטירט זיך יעדע פון דיביידע גרופעס שרייבער.

אין פאָריקן קאַפיטל האָב איך שוין אָנגעוויזן, אז די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכקייט איז אין דער אידישער סוויווע אָן אַן ערעך שמאָלער, ווי דידאָזיקע געזעלשאַפטלעכקייט אין דער רוסישער סוויווע. די רוסיש-סאָוועטישע געזעלשאַפט איז געבויט אף דער באַזע פון אַ ברייטן צוזאַמענשלוס: דער ארבעטער-קלאַס, דאָס פויערטום, האַלב פּראָלעטאַרישע מאַסן פון שטאָט, ברייטע שיכטן אינטעליגענץ, פון פאַרשיידענע קלאַסן געקומענע, און אַפילע אייניקע אָפּשיכטונגען פון דער נייער בורזשואזיע, וואָס, לעגאַליזירט דורכן נעפּ, זיינען זיי געשטימט לאָיאַל צו דער ראַטנמאַכט און דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. די אידישע סאָוועטישע געזעלשאַפט איז לאַנג באַשטאַנען אויסשליסלעך פונם אַרבעטער-קלאַס און פון דער קולטורטרעגערישער פאָלקס-אינטעליגענץ, וועלכע באַדינט זיינע קולטור-באַדערפענישן. בלויז אין די לעצטע יאָרן, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן באַדינען די מאַטעריעלע אינטערעסן פון די אידישע ניט-פּראָלעטאַרישע מאַסן, ווען מיר האָבן גענומען דעם קורס אף די קוסטאַרן פון איין זייט, און אף ערד-איינאָרדענונג פון דער צווייטער זייט, האָט די באַזע פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט אין דער אידישער סוויווע אויך אָנגעהויבן שטאַרק פאַרברייטערט ווערן. איצט איז שוין אויך אונזער סאָוועטישע געזעלשאַפט געבויט אף אַ לעפיערעך ברייטן צוזאַמענשלוס: די ארבעטערשאַפט, דאָס פויערטום, האַלב-פּראָלעטאַרישע מאַסן פון שטאָט און שטעטל, קולטורטרעגערישע אינטעליגענץ, און עס באַווייזן זיך שוין די ערשטע שוואַלבן פון דער אַזוי גערופענער אינטעליגענץ „ביכלאַל“.

בעאַיס די אַזוי אָנגערופענע אידישע אַרבעט פון דער קאָמפּאַרטיי און פון דער מאַכט איז באַשטאַנען בלויז אין קולטור-בואונג, אין אַגיטפּראָפּאַגאַנדע אין ברייטן זין פון וואָרט, האָט די באַזע פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט ניט געקאָנט באַזונדערס פאַרברייטערט ווערן. נייע סאָציאַלע שיכטן און גרופן האָבן געקאָנט אנהויבן אריינגיסן זיך אין די ראַמען פון דער אידיש-סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט גאָר דאַן, ווען מיר זיינען צוגעטראָטן צום איבערבויען דעם מ אַ ט ע ר י ע ל ן סיידער פונם אידישן לעבן. אָט אף דעם באָדן פון ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ר בויאונג האָבן אויך אָנגעהויבן צוקומען קאַדרען פון דער אינטעליגענץ.

אין דער ריין אידישער סוויווע האָבן מיר פריער קיין „צוגעשטאַנענע“ אָדער, ווי מע רופט זיי אף רוסיש, „סמענאָוועכאָווצעס“ קימאַט ניט געהאַט.

דער באוואוסטזיין ווערט איבערגעאַנדערשט נאָר אונטער דער ווירקונג פון פאַקטן פון נייעם זיין, און אַפן באָדן פון בלויזער קולטור-בויאונג האָבן דערפאַר ניט געקאָנט אויפקומען קיין „סמענאָוועכאָווצעס”. אַדעראבע, אַף וויפל די קולטור-בויאונג גופא האָט אָנגעהויבן דורכגעדרונגען ווערן מיט קאָמוניסטישן באוואוסטזיין, איז די פריער איינהייטלעכע מישפּאָכע קולטור-טוער אויפגעריסן געוואָרן, און די „קולטור-ליגע”, לעמאָשל, האָט געפּלאַצט. און די ערשטע „סמענאָוועכאָווצעס” זיינען צו אונז „יעווסעקן” געקומען דאַפקע דורכן „אָרט”, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט עקאָנאָמישער בויאונג, — דאָס האָט ער אונז געגעבן די ערשטע אַגראָנאָמען און אַנדערע, וואָס האָבן אין דער אידישער סוויווע געפירט א סאָוועטישע אַרבעט פון עקאָנאָמישן אויפבוי. און איצט, אדאנק אונזער אויסגעהאַלטענער פּאָליטיק בענויגייע די קוסטאַרן און באַזונדערס אַפן באָדן פון דער ערד-איינאָרדענונג, האָבן זיך צו אונז דערנעענטערט די טוער פון „יעקאָ” און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, און ס'איז אנטשטאַנען דער „געזערד”, וואו עס קומט פאָר און פאַרשטאַרקט זיך דער צוזאַמענשלוס מיט דער אינטעליגענץ.

אָבער עס איז ערשט אן אָנהויב פון א דויערנדיקן פּראָצעס, וועלכער ווערט נאָך דערווייל ניט רעאַליזירט אין קולטור-שאַפונג אף דער אידישער שפּראַך. מיט דער צייט, אף וויפל מיר אלע וועלן שאַפן אלץ מער נייע דערשיינונגען פון א נייעם מאַטעריעלן אידישן פאָלקסלעבן, וועלן די נייע סאָציאַלע אָנטיילנעמער פונם צוזאַמענשלוס מיטשאפן אָדער זעלבשטענדיק אויך שאַפן ווערטן פון אונזער גייסטיקער קולטור. דערווייל אָבער האָט נאָך די אידישע מאַסן-קולטור בלויז איר פריערדיקן איינציקן טרעגער — דעם פּראָלעטאַריאַט און די קולטורטרעגערישע פאָלקס-אינטעליגענץ. דאָס פאַרשמעלערט שטאַרק, פאַרשטייט זיך, דעם פאַרנעם פון דער קולטור אין אידיש, באַזונדערס פון דער אידישער ליטעראַטור, אויב מיר וועלן נעמען אין באטראכט, אז דער אידיש-לייענדיקער פּראָלעטאַריאַט בילדעט א קליינעם שיכט אין דער אידישער געזעלשאַפט אינם ראַטנפאַרבאַנד...

איז די גרופּע „נייערד” אָריענטירט זיך אף א ברייטע באַזע, אף דעם „אידעאַלן” צוזאַמענשלוס, וועלכער האָט פאַר דער ליטעראַטור עקזיסטירט ביז דער רעוואָלוציע און, וועלכער דאַרף און וועט ווידערגעבוירן ווערן אין דער צוקונפט אונטער דער שטענדיקער אויפווירקונג פון דער רעוואָלוציע אף דער אידישער סוויווע. אָביעקטיוו זיינען זיי גערעכט, אָבער סוביעקטיוו שאַפט עס באַ זיי א געדריקטע שטימונג. זיי שרייבן סטיכיש, אָרגאַניש, אָפּט אומבאוואוסטזיניק, פאַר אַ נאַציע, און לייענען לייענט זיי אַ קלאַס, און דאַפקע דער קלאַס, וואָס ניט ער פלעגט ביז אהער שאַפן די קונסט-קריטעריען. זיי ווילן, זיי שטרעבן געלייענט צו ווערן פונם פּראָלעטאַריאַט, אָבער עס פאַרפאָלגט זיי דער טרוים פון א פיל ברייטערער נאַציע. לעבט אין זיי א געבראָכענער געמיט, א מין ניט אויסדריקבאַרער גאָלעס-געפיל, — גאָלעס פּראָלעטאַריאַט. דאָס פילט זיך באַזונדערס בוילעט אין די ליטערארישע אַרטיק-

לען פון נ. אויסלענדער און אין דער קינסטלערישער שאַפונג פון ז. מייעראָוויטש...

די גרופּע „אָקטיאַבר" (אידישע סעקציע פון „מאַפּפּ") נעמט אָן מיט ליבע די ריין פּראָלעטאַרישע באַזע, זיך ניט פּאַרגעבנדיק מיט פּראָבלעמען פון אַ ברייטער אָדער שמאָלער באַזע. אָביעקטיוו, אַף וויפל די הויפּט-אַנטיילנעמער פון דער גרופּע זיינען געקומען ניט פון פּראָלעטאַריאַט און ניט פון קאָמוניזם, איז דאָס א אילוזיע, וואָס אַף וויפל זי וועט מיט דער צייט מוזן צערונען ווערן, וועט דאָס ארויסרופן נייע דיפערענצירונגען, און טאַקע דערויף איז אין דער „פּרייער טריבונע" מעראַמעז אין זיין נאָטיץ כ' ווין. אָבער סוביעקטיוו שאַפט עס באַ זיי אָן אויפגעברויזטע פרייד פון פרישער באהעפטקייט מיטן פּראָלעטאַריאַט, מיט זיין רעוואָלוציע. און דידאָזיקע פרייד, וואָס פירט צו מונטערער קריגערישקייט, שפּריצט פון די גרונט-ווערק פונם זאַמלבוך „אָקטיאַבר".

אָט לויט דערדאָזיקער פאַרבאָרגענער, אָבער אָרגאַנישער שטימונג פון אָריענטאַציע איז פאָרגעקומען די דיפערענצירונג, און זי באַשטימט טאַקע דעם גרונט-טאָן פון יעדן פון ביידע זאַמלביכער.

IV

„אָקטיאבר"

זאָל אומעט פאַר עמיצן שפּינען
פון קרעפּ און פון זאַנגען א קראַנץ,—
פאַר מיר איז מיין לאַנד א באַגינען
און ברייט ווי א דאָרפישער טאַנץ.

אזוי דעקלאַרירט יונג און מונטער מוישע טייף אין „אָקטיאַבר". ווי פארשיידן קלינגט דאָס פון די יעלאָלעס, מיט וועלכע קושניראָוו האָט אמאל געמאַכט „אַזקאָרעס" אין ערשטן נומער „שטראָם"! אַמאָל האָבן דיכטער אַפילע אין כאָלעם שוין ניט געהאט „קיין לאַנד פון מילך און האָניק" — און דא איז שוין „מיין לאַנד א באגינען און ברייט ווי א דאָרפישער טאַנץ".

און דידאָזיקע שטראָמענדיקע פרייד שפּריצט פון יעדן וואָרט, פון יעדער שורע פון קושניראָווס „קינדער פון איין פאָלק", א ווערק, וואָס איז דער אייגנטלעכער מאַניפעסט פון דער זאַמלונג „אָקטיאַבר".

אין „קינדער פון איין פאָלק" האָבן מיר פאַר זיך א ווערק, אין וועלכן ס'איז צום ערשטן מאָל אין אונזער ליטעראטור רעאליזירט געוואָרן אין א גרויסן מאַסשטאַב דער אימפּעט פון אָקטיאַבר. „קינדער פון איין פאָלק" האָט אין זיך פיל אזוינס, וואָס דערמאָנט קימאַט אָן איינע פון די פריידיקע פאָרשטעלונגען פונם מעלוכישן אידישן טעאטער. אויסערלעכע כאַאטישקייט באַ אינערלעכער שטייפער אָרגאַניזירטקייט, געפּלי פון בילדער באַ ראציאָנאַליסטישער אויסגערעכנטקייט פון סטיל, געברויז פון שטימונגען באַ באוואוסטזיניקער ציל-געווענדעטקייט פון דער דיכטערישער קאַוואָנע. און די כאַאטישקייט איז נאָר א שיינבאַרע, אַ לעפּאָנימדיקע, פאַקטיש נעמט זי זיך דערפון,

וואָס אונזער אויפמערקזאַמקייט ווערט גלייכצייטיק צוגעצויגן צו די פֿאַרשיידענע ווענדונגען און פראָנטן פון דער רעוואָלוציע, ווי אין מעלוכישן טעאַטער שווינדלט אין דעם צושויערס אויגן צוליב די פילע פלאַכן, וואו עס קומט פאָר די מאַסן-שפּיל. און איבער אַלעמען און אַלעם שטראָמט פרייד, באַגייסטערונג סײַ צו די גרויסע מאָמענטן, סײַ צו די קלייניקייטן פון דער רעוואָלוציע.

ס׳איז א באַזונדער מין פרייד, אביעקטיווע פרייד פון רעוואָלוציע און סוביעקטיווע פרייד פונם מעכאַבער, וועלכער האָט זיך סאָפקאָלסאָף באַפרייט פון מאָרעשכוירע, וואָס האָט זיך גענומען פון אידעאָלאגישע בלאָנדזשענישן און פון „שטאַם״ זוכענישן.

אַמאָל האָט קושניראָוו זיך געקלאָגט:

איר ווייסט דען, וואָס הייסט זיך רייבן
באַ טירן פון וועלטישע קראָמען
און שטענדיק און שטענדיק פאַרבלייבן
מיט ליידיקן זאַק פון נעשאָמע? („וועגט״).

„קינדער פון איין פאָלק״ באַווייזן, אַז דער „זאַק״ פון קושניראָווס נעשאָמע איז שוין ניט ליידיק, ער איז אָנגעפילט מיט רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט — און דאָס איז דער סאָד פון זיין פרייד.

און דאָס, וואָס ווי דערעך אַגעוו ווערן בייגעשטעלט צוויי נעמען — מאטל-פייסי דעם כאַזנס פון שאָלעם אַלייכעמען און מאָטל מעכאַניק, וועלכער ווערט דערצויגן צוזאַמען מיטן פאַרוואַרלאָזטן דייטשעלע קאַרל אין קינדערהיים פון „אידגעזקאָם״ אַפן נאָמען פון ק אַ ר ל מ אַ ר ק ס, וואַרפט אַזאַ העלקינסטלערישן בליץ-שטראל אפן מעהאַלעך, וואָס דאָס אידישע קינד האָט דורכגעמאַכט פון שאָלעם אלייכעמס צייטן ביז די צייטן פון דער זיגרייכער אקטיאַבר-רעוואלוציע, אַז מיט פיל פובליציסטישע אויספאָרשונגען וועט מען דאָס אַף אַזוי פיל ניט באַווייזן און דערווייזן.

און דיזעלבע מונטערקייט, האַגאַם פון אַן אַנדער שניט און מאַסשטאַב, פילט זיך אויך אין גאָדינערס „פראַגמענטן״. עמעס, גאָדינערס פראַגמענטן זיינען נאָך ניט קיין ווערק, נאָר עפּעס א בלוטסטראָפן, און איך ווייס ניט, צי דאַרף מען אַזעלכע אָנפאַנג-סימאָנים פון א ווערק שוין אַרויסטראָגן אין דער עפנטלעכקייט. אָבער דידאָזיקע „בלוטסטראָפנס״ ווייזן שוין, וואָסערע טיפע ענדערונגען, פאָרמעלע און אידעאָלאָגישע, עס זיינען פאָרגעקומען אין גאָדינערס שאַפן. וואו זיינען אַהינגעקומען די אָפט ביז לאַנגווייליקייט שווערע פאַרקריפלונגען פון גאָדינערס פאָרם אַף א ניט באַהערשטער באַזע פון ניסטערס רעמאַזים-סטיל? וואו איז אהינגעקומען די פארעווע מאָרעשכוירע פון די פאַציפיסטישע זעאונגען? דאָ האָבן מיר די געבורט פון א נייעם זאַץ, באַהעפט מיט א קלאָרער אידעאָלאָגיע פון פראָלעטאַריער אין בירגער-קריג. זעען מיר טאקע אויך קאָנטורן פון נייע טיפן, פון אנדערע פיגורן, — עמעס, דערווייל נאָר א רעמעז דערויף, אָבער אַן איבערצייגנדיקער וואונק אפן פאָן פון פסיכא-אידעאָלאָגישער מונטערקייט.

„קינדער פון איין פאָלק" קושניראָווס און גאָדינערס „מענטש מיט דער ביקס" זיינען אייגנטלעך די הויפּט-ווערק פונם זאַמלבוך „אָקטיאַבר", ד. ה. די פּראָזע-ווערק, וואָס טראָגן אריין נייס אין אונזער אָקטיאַבר-ליטעראַטור. די איבעריקע פּראָזע איז פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט ווייניק אינטערעסאַנט.

יודל יאפעס „אין לעצטע טעג" איז רויווארג, איבער וועלכן עס שוועבט א קינסטלערישער געמיט, אבער שוועבט נאָר—אָרגאַניזירט האָט ער עס ניט. דעריבער לאָזט איבער דאָס ווערק עפּעס א מין פאַרדראָס-געפיל: באַשטימטע קינסטלערישע מעגלעכקייטן, אבער ווייניק אָרגאַניזירונג — אומבאהאָלפענער קאַמף מיט אַרכיטעקטאָנישער איוורע...

א. וועוויאָרקעס „כאַוער שינדל" איז א קלוג געמאכטע צייטונגס-דערציילונג, וועלכע איז אבער אויך דורכגעדרונגען מיט א מונטערן געמיט אין טאָן פון דער גאַנצער זאמלונג. אבער דידאָזיקע זאך איז פּונקט אזוי א בייליטערארישע דערשיינונג, ווי ש. העלמאנדס „דאָרף" איז אן ערעוו-ליטעראַרישער פּרואוו.

דער צווייטער שטריך פונם זאַמלבוך „אָקטיאַבר", וועלכער שטאַמט אויך דערפון, וואָס די „אָקטיאַבר"-לייט פילן זיך באם פּראָלעטאריאט ניט אין גאָלעס, באַשטייט אין דעם, וואָס זיי שרייבן ניט „וועגן", נאָר זיי אנטפּלעקן זיך, דערציילן ניט ווי זייטיקע, נאָר ווי אנטיילנעמער. איינערליי, צי זיינען זיי טאַקע אנטיילנעמער, צי ניט, צי זיינען זיי פּראָלעטאַריער, צי ניט, אָבער זיי פילן זיך ווי אַזוינע,—אלנפאלס האָבן זיי אזא שטאַרקע אומבאַזיגבאַרע אילוזיע.

באַ די עכטע פּראָלעטאַריער איז דאָס, פאַרשטייט זיך, ערשטע נאטור.

גענוג צו זינגען „העמערל",
גענוג „געזאַלצט א. יאַם",—
איך דאַרף איצט גיין אין קעמערל—
א צווייג פון נייעם שטאַם (מוישע טייף).

אַזא מין זינגען „וועגן" יענעמס „העמערל" פעלט אינגאַנצן אין „אָקטיאַבר".

אָט נעמט, לעמאָשל, צוויי לידער „אין דרוקעריי" פון מ. כאשטשעוואצקי אין „נייערד" און פון י. ראבין אין „אָקטיאַבר".

כאטשעוואַצקי באשרייבט:

פון אונטן אַלעף, רייש. און אָט איז וואָוו און יוד,—
ער דאַרף מיט בליק שוין יעדן אָס ניט צילן.
און אָס צו אָס זיך קלייבט, און אָס צו אָס זיך בינדט,
און אויסיעס לייגן זיך אין שורעס שטילע.

א פּראָטאָקאָלישע באַשרייבונג פון א זייטיקן—דערפאַר זיינען טאַקע די שורעס באַ אים „שטילע".

אָבער ראבין איז אליין א זעצער—קומט עס בא אים גאָר אנדערש ארויס:

שורעס בלייענע אין שנורן,
פרישער גלאַנץ פון פארב אף זיי.
כאַוועס בליקן—שטייפע שורעס
זיינען אויך באפארבט מיט פרייד.

דאָ האָבן מיר שוין ניט קיין „שטילע", נאָר „שטייפע שורעס"—כאַוועס בליקן... ווייל דאָ איז דאָס „העמערל" אַן אייגנס.

אָבער מיטן זעלבן טוישווים-געפיל זיינען דורכגעדרונגען אויך אבסאָלוט אַלע איבעריקע ווערק פון „אָקטיאַבר", איינערליי, פון וואָס זיי זאָלן ניט דיכטן. א זעלבסטגעפיל פון עמעסע מיטגייער.

און דערפאַר איז אזוי נאַטירלעך דער געבוי פון „אָקטיאבר", זיין „פרייע טריבונע", זיין פאַרבינדן זיך מיט די אַרבקאָרן א. א. וו.—ווייל די פּראָלעטאַרישע באַזע איז פאַר זיי דאָס נאַטירלעכע און איינציקע היימלאַנד, פון יערוּשע קלערן זיי דערווייל ניט:

פאר יוגנט פארשייטער און דרייסטער,
וואָס האָט אירע האפנס
אַף שיפן פון אומזין פאַרביטן,
וואָס דענקט ניט און ווייסט ניט
פון זיכערע, רואיקע ברעגן,—
וואָס טויג דערפאַרונג און וויסן
פון אַלטע געמאָסטענע וועגן?.. (קושניראָוו, „וועגט").
האָבן זיי טאַקע
„רואיק צעשלייפט און צעבונדן
די רינגען, די קייטן, די שטריק" (קושניראָוו, „וועגט").
און האָבן זיך געלאָזט שווימען...

V

„נייערד"

די גרופע, וועלכע בילדעט איצט די אידישע סעקציע פון „מאַפּפּ" („מאָסקווער אַסאָציאציע פון פּראָלעטאַרישע שרייבער"), אף וויפיל זי איז פאָרגעשטעלט אינם ערשטן זאַמלבוך „אָקטיאבר", איז נאָך ווייט ניט קיין ענדגילטיק אויסקריסטאליזירטע אויסבילדונג. דער פאַקט, וואָס אין „אָקטיאַבר" באַטייליקן זיך אַרבעטער-דיכטער, איז אין דער הינזיכט נאָך קלאל ניט כאַראַקטעריסטיש און באַווייזט גאָרניט. אויך אין „נייערד" זיינען פאָרגעשטעלט פּראָלעטאַרישע דיכטער, ווי כאים לעווין. אָבער סאי אין איין אלמאנאך, סאי אין דעם צווייטן בילדן דעם קינסטלערישן פּאָן ניט די פּראָלעטארישע שרייבער, נאָר די שטאַם-שרייבער פון דער געוועזענער „שטראָם"-ליטעראַטור, וואָס אין זייער סוויווע קומט אייגנטלעך פאר די דיפערענציאַציע.

אַף וויפל מיר פאַרמאָגן שוין פּראָלעטאַרישע שרייבער, זיינען זיי דערווייל ניט קיין סובּיעקטן, וואָס ווירקן אַף אונזער ליטעראַטור, נאָר אָבּיעקטן, וואָס ווערן באַווירקט פון איר. און אויב זיי ווירקן שוין יאָ אַף

אונזער ליטעראַטור, איז ניט קינסטלעריש, נאָר אידעאָלאגיש, און ניט מיט זייער דיכטערישער קראַפט, נאָר מיט זייער פּראָלעטאַרישן באַרוף... אָנהויבן ווירקן אַף אונזער ליטעראַטור וועלן אונזערע פּראָלעטאַרישע שרייבער ערשט דאַן, ווען פון זייער סוויווע וועלן זיך אַרויסרוקן קרעפטיקע קינסטלער, וואָס דיכטערישער טאַלאַנט וועט בא זיי זיין אָרגאניש באַהעפט מיט אידעאָלאגישער אָרגאניזיר-קראַפט. דעמאָלט וועלן זיי אויך אויפהערן זיין פּאָליטיש-קינסטלערישע האַסקאמעס פאר ניט אייגענע ליטערארישע גרופּירונגען, נאָר זעלבשטענדיקע צענטרען פון ליטערארישער שאַפונג.

איז אַף וויפל מיר ריידן דא וועגן דיפערענציאַציע, מיינען מיר ניט די פּראָלעטאַרישע שרייבער, וואָס האָבן זיך זייערע אייגענע אַנטוויקלונגס-וועגן פון דער „יונגוואלד"-קוזניע און די זייטלעך פון דער גרופּע „יונגער ארבעטער" אין „וועקער" א. א. צו זעלבסטבאַשטימטער רעוואָלוציאָנערער ליטעראטור פון אונזער עפּאָכע, — נאָר מיר מיינען די ניט פּראָלעטאַרישע שרייבער. איז אין דער הינזיכט האָט דערווייל „אָקטיאבר" געגעבן איין פול ווערק: קושניראָווס „קינדער פון איין פאָלק", איין רעמעז אַף א ווערק: גאדינערס „מענטש מיט דער ביקס" און איין ביילעטעראריש ווערק—וועוויארקעס „כאוואר שינדל". אָבער ווי נאָך ניט ענדגילטיק סאַי קינסטלעריש, סאַי אידעאלאָגיש די קריסטאליזירונג זאָל ניט זיין, זיינען דאך דידאָזיקע דריי ווערק פאררייניקט דורך איין טיפער שטימונג פון רעוואָלוציאָנערער לעבנסלוסטיקייט און אייגעבירגערטקייט אין דער רעוואָלוציע. גאר אן אנדער בילד זעען מיר אין „נייערד".

דא האָבן מיר נאָך ביכלאל ניט קיין באַשטימטע אויסבילדונג, אפילע ווען מיר זאָלן אַראָפּרעכענען די קאָמוניסטישע אָדער פּראָלעטארישע דיכטער (איציק פעפער און כאים לעווין), וועלכע זיינען, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, ניט כאַראקטעריסטיש פאר די זאמלביכער. אין „נייערד" שפּילט א גאַנצער קאָמפּלעקס שטימונגען, בא יעדן פון זיינע גרונט-אנטיילנעמער זעען מיר א באַזונדערן געמיט-צושטאַנד.

פארן אורטיילן וועגן דעם געמיט-צושטאַנד אין אונזער ליטעראטור (אַראפּגערעכנט די פּראָלעטאַרישע ליטעראטור) אין איצטיקן איבערבראך-מאָמענט איז „נייערד" פיל מער באַלערנד, ווי „אָקטיאבר". ערשטנס, איז דידאָזיקע ליטעראטור אין „נייערד" אין קאמעס פיל מער פאָרגעשטעלט, ווי אין „אָקטיאבר" — עס פיגורירן דאָרטן גאַנצע זיבן שרייבער (מייעראָוויטש, כאריק, ראסין, האלקין, כאשטשעוואצקי, אקסעלראָד, קוויטקא). צווייטנס, איז אויך אין הינזיכט פון קוואליפיצירטער ליטעראַטור האָט „נייערד" געגעבן פיל מער, ווי „אָקטיאבר". עמעס „אָקטיאבר" האָט אונז געגעבן דאָס גלענצנדע ווערק פון קושניראָוון „קינדער פון איין פאָלק", וועלכעס וועט געוויס בילדן א מערקצייכן אין אונזער ליטעראַטור און איז א וויכטיקער אָנהויב פון נייער פּראָזע. אָבער „נייערד" האָט געגעבן, ערשטנס, כאריקס „מינסקער בלאטעס", וואָס וועט, ווי מיר וועלן ווייטער זען, אויך אריינגיין אין אונזער ליטעראטור, ווי א וויכטיק ווערק פון רעוואָלוציאָנערע דיכטונג. דאַן קומט האַלקינס באַגאַבטע און אינטערעסאַנטע פּאָעמע „זיבן" און מייעראָוויטשעס „ראכמיעל נאכט-שוימער",

וואָס ווי מיר זאָלן זיך צו דעם ניט באַציען, איז דאָס א גאַנץ כאראקטעריסטיש ווערק.

אויסער דעם זעען מיר אין „נייערד״ א מער אָרגאנישע פארזעצונג און פאַרפולקומונג פון דער טעכנישער קולטור-מעסוירע פון אונזער ליטעראטור. אין „אָקטיאַבר״ איז דידאָזיקע מעסוירע פאָרגעשטעלט נאָר דורך קושניראָוון, וועלכער האָט אַף אן אייגנארטיקן אויפן איבערגעקאָכט די פאריקע ליטעראַרישע יערושע און איז, זיך שטיצנדיק אַף איר, ארויפגעטראָטן אַף א נייעם וועג. גאָדינער איז ביכלאַל א שרייבער, וואָס געפינט זיך אויסער יעדער ליטעראַרישער מעסוירע (טראַדיציע). ער איז, ווי מיר איז שוין אויסגעקומען זיך אויסדריקן, א „זעלבסטגעמאַכטער מענטש״, דערפאר קומט בא אים פאָר אזוי שווער דער פראָצעס פון טעכנישן אַרויפארבעטן זיך אַף דער מאַדרייגע פון אן עכטן קינסטלער, וואָס אין טאָך איז ער דאָס. און אין „נייערד״ זעען מיר פארשיידענע וואריאַציעס דערפון, ווי עס ווערט פאָרגעזעצט די קולטורעלע מעסוירע פון דער אידישער ליטעראַטור, ווי מענטשן באהערשן די יערושע אדער פאלן אונטער איר שווערער לאַסט. מיר האָבן פאַר זיך כאַריקן, וועלכער ציט זיין יעניקע פון איין קוואַל פון ליטעראַרישער מעסוירע, האַלקינען, וואָס האָט גאָר אן אנדער יכעס-בריוו, און קוויטקאָ, וואָס ראַנגלט זיך אומבאהאָלפן אין אייגענע יערושע-נעצן.

דעריבער איז „נייערד״ שטאַרק כאַראַקטעריסטיש פאַר איצטיקן געמיט-צושטאַנד פון אונזער ניט פראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

דער סאַמע לינקער פלאַנג פון אונזער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור האָט זיך פון איר דערווייל אָרגאַניזאַציאָנעל אָפּגעריסן און איז פאָרגעשטעלט אין „אָקטיאַבר״. דער אָפּרייס איז פאָרגעקומען, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, לויט דער „ליניע פון צוזאַמענשלוס: פאַר די שרייבער פון „אָקטיאַבר״ שטייט איבערהויפּט ניט קיין פראַגע וועגן צוזאַמענשלוס. זיי פילן זיך אין זייער שאַפונג גוט און היימיש אין דער סוויווע פון דער ארבעטערשאַפט. דערפון נעמען זיך שוין אויך די פסיכאָלאַגישע גרונט-שטריכן פון זייערע ווערק: פרייד פון דער רעוואָלוציע, אפילע פון איר אינדערוואָכן, און דער געפיל פון „איך און אזוינע ווי איך״, אָבער ניט פון זייטיקע. פון יענער זייט „אקטיאבר״ הויבט זיך שוין אָן די ליניע פון „נייערד״ וואו עס הערשט שוין די זאָרג און ליידן פון דער צוזאַמענשלוס-פּראָבלעם. און דא האבן מיר פאַר זיך א גאנצן קנויל געמיט-צושטאַנדן. הערשן שוין דא אָדער פאַרשיידענע ניואַנסן פון מאָרעשכוירע און געדריקטקייט אָדער פון סאַנטימענטאַלער היספּאַילעס פון זייטיקע. און אזוי ווי מיר האַלטן נאָך אין סאַמע פראָצעס פון דיפערענצירונג אין אונזער ליטעראַטור, זעען מיר אין „נייערד״ א ברייטע אַמפּליטודע פון וואַקלונגען: בעאייס איינע, ווי כאַריק, לעמאָשל, דערגייען קימאַט ביזן סאַמע גרעניץ פון „אָקטיאַבר״, רופן נאָך די אנדערע, ווי מייעראָוויטש, לעמאָשל, ארויס ערינערונגען פון די ערשטע כאַדאָשים פון „שטראָם״.

* * *

דאָס צענטראַלע ווערק פון „גייערד" איז אָן שום סאָפעק איזי כאַריקס „מינסקער בלאָטעס". דאָס איז א גרויסע דערגרייכונג פון אונזער אָקטיאַבער-ליטעראַטור.

אָף די „מינסקער בלאָטעס" זעען מיר בעכוש, ווי א גרויסע רעוואָלוציע קוואַליפיצירט און פאַרטיפט אָרגאַנישע עלעמענטן אין א נאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

מיר האָבן אין דער אידישער ליטעראַטור געהאַט א רייזין-עלעמענט. אווראם רייזין איז געווען א ווירקלעכער דיכטער און האָט אמאָל געשאַפן עמעסע ליוער פון ארבעטער-נויט. דאָס איז געווען אין יענער עפּאָכע, ווען דער אידישער פויעל, דער ארבעטער-געזעל האָט ערשט אָנגעהויבן דערוואַכן צום קאַמף, אָבער ער האָט זיך נאָך ניט נעשפּירט ווי א קלאַסנבאַוואוסטער פּראָלעטאַריער,—אַלנפאַלס איז נאָך דידאָזיקע אנערקענונג ניט דערגאַנגען צום באַוואוסטזיין פונם קליינבירגערלעכן דיכטער, — קונסט, האָבן מיר שוין אָנגעוויזן, פאַרשפּעטיקט אָפּט. הקטורייזין באַנומען אין דער באַוועגונג נאָר דעם פאָלקסטימלעכן ברויז פון „אניאים וועעוויונים", ער האָט געדיכטעט מאָטיוון פון קאַפּצאָנים-פּראָטעסט, אָבער ניט פון קלאַסן-פּראָטעסט. דערצו האָט ער טאַקע אויך געפינען די האַרציקע פאָלקס-פאָרם, וועלכע בעט זיך אָף א פאָלקס-ניגן. דערמיט האָט דעמאָלט די דיכטונג אויסגעדריקט דעם אָרגאַנישן, אָבער נאָך פרימיטיוון צוזאַמענשלוס, וואָס עקזיסטירט פון שטענדיק אָן צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס הויבט זיך אויף צו זיין באַפרייאונגס-קאַמף, און די געיאָגטע און געפּלאָגטע פאָלקס-מאַסן, מיט וועלכע ער איז געקניפּט און געבונדן. נאָר די ארבעטער-באַוועגונג האָט זיך ווייטער אַנטוויקלט און זיך קוואַליפיצירט, דער כאַראַקטער פון א פרימיטיוו-פאָלקסטימלעכן „עוויוניב"-פּראָטעסט איז פון איר אינגאַנצן אָפּגעפאַלן, און בולעטער איז ארויסגעטראָטן איר קלאַסן-כאַראַקטער. רייזין האָט אָבער מיטן טעמפּ פון דער באַוועגונג ניט געקאָנט מיטגיין—האָט ער אָנגעהויבן פריער זיך שטויסן אָף איין אָרט און דערנאָך זיך רוקן מיט זיין פאָלקסטימלעך-קאַפּצאָנישן געמיט אין דער ריכטונג פון סקאַרבאָוון נאַציאָנאַליזם. קיין העכערן אומבייט האָט דער פאָלקסטימלעכער צוזאַמענשלוס-עלעמענט אין אונזער ליטעראַטור ניט געפונען.

איז געקומען די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע. פון איין זייט, האָט זי פאַר אַלעמען, פאַר יעדן פאָלקס-מענטש אַפילע, אַנטפּלעקט דעם פּראָלעטאַריאַט ניט נאָר אַלס פאָלק, נאָר אויך און באַזונדערס אַלס וועלט-באַפרייענדיקן קלאַס. פון דער אַנדערער זייט, האָט דער צוזאַמענשלוס, ניט פאַרלירנדיק א האָר אַפילע אין פאָלקסטימלעכקייט, דערגרייכט די העכסטע שטופע פון פּאָליטישער און קולטורעלער קוואַליפיקאַציע. איז אויך קוואַליפיצירט געוואָרן דער רייזין-עלעמענט אין אונזער ליטעראַטור, און איזי כאַריק האָט געגעבן די „מינסקער בלאָטעס".

די פאָרם איז הויך קוואַליפיצירטע פאָלקס-פאָרם, וועלכע איז איינע פון די מעגלעכע איבערגאַנגען צו פּראָלעטאַרישער פאָלקס-דיכטונג. און אויך זי

בעט זיך אַף פאלקס-געזאַנג, אבער שוין אַף אַ מאדערניזירטן און סטיליזירטן פאלקס-ניגן. וואונדערלעכע איינפאַכקייט אַפּן באַדן ניט פון טראָגן זיך אין „הויכע דראכים״, נאר פון טיפן אריינדרינגען אין דער נאָענטער קאנקרעטקייט, וואס דאס פעלט נאך דערווייל, לעמאשל, בא קושניראוון.

די אידעאלאגיע האט נאך, פאַרשטייט זיך, פאַרהיט פיל פונם פרימיטיוו-רייזינישן,—און דאס איז גאר קיין בייז ניט. ווייל עלעמענטן פון קאפּצאָנים-מערידע, ווי אויך דאס נאַיוו-פאָלקסטימלעכע, איז נאך פארבליבן אינם גרויסן קאמפּלעקס פון דער רעוואלוציע.

זאמדיקע, שטילע, פארוואָרפענע געסלעך,
היים—אונזער בלוטיקער מינסק.
אדער די פאלקסטימלעכע נאיווקייט פון:
האט זיך צעטראגן דאַן אן אייליקער דעקרעט

זאל זיך גרייטן,
זאָל זיך גרייטן
זאָל זיך גרייטן
זאָל זיך לערנען אַף אַריין אין סאָוונאַרקאָם.

אַפילע דער נאָמען פונם ווערק איז אין דעם זין אַ כאַראַקטעריסטיש רייזינישער: „מינסקער בלאָטעס״. אַז ס'איז ניט קיין צופאַל, אַז דאָס רייזינישע, דער טיפער קאפּצאָנים-ווייַ איז אַן עלעמענט פון צוזאַמענשלוס, באַווייזט דאָס, וואָס אויך פעפער האָט אָנגערופן זיין לעצטע פאָעמע: „בליענדיקע מיסטן״. בלאָטעס און מיסטן—דאָס איז אַן אָרגאַנישער מאָטיוו פון דעם פאָלקסטימלעכסאָציאַלן, וואָס רייזין האָט אויסגעדריקט דער ערשטער אין אונזער דיכטונג.

אָבער מיר האָבן שוין דא דעם העכערן טיקן פון צוזאַמענשלוס-געפיל—זיין רעוואָלוציאָנערע פאַרפולקומונג און דערהויבונג. דער אַרבעטער איז שוין ניט בלויז א פארומערטער קאַפּצן, נאָר א זעלבסטזיכערער קעמפער.

„מע האָט דא ניט פאַרפלאנצט קיין בוימער און קיין פאַרקן,—
שפּילט מען זיך דא הוילינקע אין שטוב...
און ס'גיסט זיך אן אַ פויסט א יונגער און אַ שטאַרקער,
און ווען עס איז ווערט ער א זעץ טאָן אין אַ שויב...
און דערדאָזיקער פויסט האָט שוין אַ פעסטע אידעאלאָגיע:
יעדער איינער—איז שוין ניט קיין איינער,
יעדער קאָפּ—איז איצט אַ קאָפּ פון טויזנט קעפּ.
און מיט היספּאַילעס דערקלערט ער:
„ס'איז יעדער טאָג—אַ באָלשעוויק,
און יעדער באָלשעוויק—אַ באַוער״...

אַדאַנק דער איינפאַכקייט, און קאָנקרעטקייט און ביז אָנצוטאַפּן פאָלקספאָרם זיינען די „מינסקער בלאטעס״ פול מיט אויסדריקן, וואָס וועלן באַשטימט אריין אין אונזער אומגאַנג-שפּראַך, ווי אלגעמיין-געברויכבאַרע שלאַגווערטער.

און אַף דעמדאָזיקן פּאָן ווערט געגעבן אַ פעסט און קלאַסיש טיפּ-בילד פון די „מינסקער בלאָטעס" אָדער „האָמלער „ראי" אָדער אַנדערע אָרימ-קייט-קוואַרטאַלן פון די אידישע שטעט, וואו עס איז אויסגעוואַקסן די אַרבע-טער-באַוועגונג.

דערמיט דרינגען אָפּט כאַריקס „מינסקער בלאָטעס" טיף אַריין אין דער גרופּע פונם „אָקטיאַבר"-זאַמלבוך, אָבער דער רייזינישער הינטערגרונט לייגט אַרויף אַף דער זאַך אַ מין שטעמפּל פון סאַנטימענטאַלער היספּאַילעט פון א זייטיקן, האַגאַם פּאַרגאַפטן פּאָלקס-מענטש.

דערדאזיקער איינדריק ווערט אינגאַנצן באַשטעטיקט טאַקע דורך כאַריקס לידער „שטעטל", וועלכע גייען אין „נייערד" פּאַר די „מינסקער בלאָטעס". שטרעבנדיק צו פּאַרטרייבן דעם קליינבירגערלעכן רייזין-שאטן, וואָס פּאַר-פּאָלגט אים, וויל כאריק אפּהאַקן דעם צווייג, אַף וועלכן ער אַליין זיצט.

אַ לעצטער רויך האָט צוגעדעקט מיין שטעטל,
און לעצטן רויך האָט אנגעשיקט דער ווינט.
אי, ביז וואן, און אי, ביז וואנען בעטן זיך:
— שטעטעלע פּאַרשווינד!

— — —

אַ בּראָך צו אַלע גרייזע טאַטעס,
וואס האבן ניט פּאַרלאשן דיינע טעג,
און דיך געלאָזט אף שוויגן און אַף וואַרטן,
שווערערהייט זאל דורכפּארן אַ ראַד
און דיך צעטרייסלען ביזן קראַנקן האַרצן
טראַט נאָך טראַט...
איך ווייס: די טעג זיינען געציילטע,
און יעדער טאג דיינער איז אויסגעווייטיקט רויט.
אי, ווען כ'גלויב און קאן דיר אויסהאַקן אַ ציילעם,
אַ לעצטן שוימער אַף דיין טויט!..

מיר האבן געבראַכט אזעלכע גרויסע אויסצוגן, ווייל זיי זיינען זייער כאראקטעריסטיש פּאַרן איצטיקן כאַריק. אזא שארפן און גרויזאמען אורטייל האט נאך דעם אידישן שטעטל קיינער קיינמאל ניט ארויסגעטראגן. דאס איז און אונזער נייער דיכטונג קליינבירגערלעכע „קינדער-לינקשאפט", וועלכע נעמט אויף אייגנארטיק, אביסל ווי א זייטיקע, די „אנגעווייטיקטע רויטקייט" פון דער רעוואלוציע.

אזא שארפער דיכטערישער צוגאנג צום שטעטל איז כאראקטעריסטיש נאר פאר כאריקן. אין דערזעלבער „נייערד" זיינען אפגעדרוקט שטיקלעך פון פּעפערס א פּאעמע „יאטן" לייענען מיר דארטן:

ליגן נאך שטעטלעך מיט שטויבן פּאַרוויגט
און מיט אומעט באזעצט און מיט נעפּל באַהאנגען, —
אין רויכן, אין ווי פון די כורוועס אַרבעטער יונגע,
יאָטן מיט האמער, מיט שטיין און מיט אייזן —

דאָרט וועלן נאָך יונגען אין ווײ פון די כורוועס
א וואונדער, א גרויסן, א וואכעדיק וואונדער באוויזן.

פעפער זעט נאָך פאר א ליכטיקע טקופע פארן שטעטל, ווייל ער פילט ניט קיין פסיכישע נויטווענדיקייט צו באקעמפן אין זיך קיין רייזן-שאטן...

אבער דאס „שטעטל" און גאר באזונדערס „מינסקער בלאטעס" זיינען פעסט געבויטע ווערק. די „מינסקער בלאטעס" זיינען א גרויס נייס אין אונזער ליטעראטור. אין זיי, ווי אין פעפערס ווערק, ווערט פארלייגט דער פונדאמענט פון אונזער רעוואלוציאנערן עפאס. פון אלץ איז צו זען, אז כאריקס איצטיקער פסיכא-אידעאלאגישער צושטאנד איז א צייטווייליקער, ווייל כאריק איז לויט זיין דיכטונג קלאל ניט קיין זייטיקער צו דער רעוואלוציע. די פסיכא-אידעאלאגישע אומבאשטימטקייט פון זיינע לעצטע ווערק איז מער ניט ווי איינער פון די מאמענטן אין אונזער דיכטונג אין איר אנשטרענגונג בייצוקומען די „צוזאמענשלוס-פראבלעם". אין טאך זיינען די „מינסקער בלאטעס" באגלייך מיט קושניראווס „קינדער פון איין פאלק" גרונטשטיינער פון אונזער עמעס סאוועטישער ליטעראטור, וועלכע שטייען שוין הארט באם ראנד פון פראלעטארישע ליטעראטור.

* * *

דעם סאַמע רעכטן פלאַנג אין „נייערד" פאַרנעמט דאניעל מייעראָוויטש מיט זיין „ראַכמיעל נאַכטשוימער".

א מאָדנע דערשיינונג אין אונזער נייסטער ליטעראַטור איז דאניעל מייעראָוויטש! אַ שרייבער אַן אָנפאַנגער, און דאַפקע אַ פראָזאַאיקער, און דאַפקע אַזעלכער, וואָס פאַרמעסט זיך ניט אָף קליינע עפּיזאָדן, נאָר טאַקע אָף גרויסע עפּאָפּייעס. וואָלט מען דאָס געקאָנט און געדאַרפט מיט פרייד באַגריסן,—ווערן אָבער דידאָזיקע פאַרמעסטונגען פאַרווירקלעכט אָף אַזאַ ספעציפישן אויפן, אַז אַדהאַיאָם איז שווער צו באַשטימען, וואָס האָבן מיר דאָ פאַר זיך: פּרואוון פון אַ דורכגעפאַלענעם שרייבער אָדער דורכגעפאַלענע פּרואוון פון אַ מענטשן, וואָס דערווייל פירט ער זיך נאָר מאַיסע שרייבער? ווייל ביז איצט האָט זיך מייעראָוויטש באַוויזן אין אונזער ליטעראַטור אַלץ אונטער פרעמדע מאַסקעס, און די איינציקע אייגענע געשטאַלט, וואָס ער האָט אונז דערווייל באַוויזן, איז פון אַ פלינקן איבערנעמער, וואָס האַלט שטאַרק פון דער שרייבערישער אויסערלעכקייט, פון די האַוואיעס פונם שרייבער-צעך.

ס'מאכט דעם איינדריק, ווי מייעראָוויטש זאָל זיך אַזוי שרייבעריש פאַריסן און דערביי שרייבעריש נאַכלעסיק אַרומדרייען אין אונזער סוויווע און זוכן פאַר זיין שרייבערישן באַרוף „עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל לאַפּטשען".

— אַרבעטער-באַוועגונג? רעוואָלוציע? הם... ס'קאָן דערפון אַרויסקומען עפּעס אַזוינס אינ-טע-רע-סאַנטעס.

ווייל אין זיין שרייבן פילן מיר נאָך ניט דעם שעפערישן אומרו פון זעאונגען, וואָס באהערשן און ווערן באַהערשט, נאָר אַ שטאַרקע פאַרדאַיגעטקייט וועגן אויסערלעכע שרייבער-מאנירן.

אין „ציקאָוועט" ער. א מאָדנע פרעמדקייט צו דער רעוואָלוציע בא אַזאַ יונגן שרייבער, וואָס האָט אַליין געהאַט אַ שאַיכעס צו דער אַרבעטער־באַוועגונג. דידאָזיקע פרעמדקייט, וואָס נעמט זיך אויסשליסלעך פון זיין איבערטריבענעם קאָקעטירן מיטן שרייבער־באַרוף, שטערט אים אַראָפּצולאָזן זיך מיט זיין דיכטונג *אין* דער רעוואָלוציע. נאָר ער דרייט זיך *אַרום* איר. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אַף באַטראַכטן קינסטלעריש די רעוואָלוציע קלייבט ער אויס אַזעלכע מאָדנע *אבסערוויר*־פונקטן, פון וואַנען ער דערזעט, נאַטירלעך, אויך מאָדנע פאַרשוינען, וואָס דאַרפן זי קינסטלעריש אונטערשטרייכן.

אין זיין ווערק „אין אַ צייט אַזאַ" איז דער אבסערוויר־פונקט אַף צו באַטראַכטן די אַרבעטער־באַוועגונג און די רעוואָלוציע געווען אַ העקדעש פאַר פלייטים, און די צענטראַלע פיגור, וואָס האָט זי געזאָלט קינסטלעריש אונטערשטרייכן, איז געווען א לאָבוס און גאַנעף, וועלכער האָט אליין געלעבט אַן טאַכלעס, און דער שרייבער איז ניט געווען אימשטאַנד אים דערפירן צו א קינסטלערישן טאַכלעס. און איצט, אין „ראַכמיעל נאַכט־שוימער", איז דער אָבסערוויר־פונקט אַן איבערגעקערט קעסטל בא אַ מאַגאַזין, און די צענטראַלע פיגור — אַ שווייגנדיקער און טעמפּער נאַכט־שוימער...

און אויך „ציקאָוועט" ער אין הילכעס פאָרם. אייניקע ניט פאַרווירקלעכטע פרואוון אין דער שאָלעם־אַלייכעמשער פאָרם האָבן אים דערוויזן, אַז צו רעוואָלוציע איז דידאָזיקע פאָרם ניט צוגעפאַסט. האָט ער מיטאַמאָל געגעבן אַ געוואַגטן שפרונג אין... פילניאַקס פאָרם. אָבער דידאָזיקע פאָרם האָט ער אויסגעקליבן ניט דערפאַר, וואָס זי איז אים אייגנשאַפטלעך, — פאַרקערט: זי קומט אים אָן שווער, ווי „שפּאַלטן דעם יאַם". ער האָט זי אויסגעקליבן אויך צוליב איר אויסטערלישקייט, קעדיי „ס'זאָל לאַפּטשען". איז אין „אַ צייט אַזא" האָט זי דעם שרייבער שטאַרק געדריקט, קימאַט דעם גאַנצן סיוזשעט פאַרשלונגען. האָט ער שוין אין „ראַכמיעל נאַכט־שוימער" פאַרקלענערט די פילניאַקישע דאָזע, — טרעט טאַקע מער בוילעט אַרויס דער סיוזשעט.

און דער סיוזשעט גופע?

מילכאָמע און רעוואָלוציע, ווי זיי ברעכן זיך איבער אין קאָפּ בא אַ נאַכט־שוימער, וואָס באַאָבאַכט די וועלט־געשעענישן פון זיין אייגענעם אבסערוויר־פונקט — פונעם איבערגעקערטן קעסטל באַ א מאַגאַזין, וועלכן ער היט. ס'איז געוויס אויך אַ סיוזשעט, ווען דער שרייבער נעמט אים ניט פון ציקאָוועס וועגן, נאָר דערפאַר, וואָס ער ווערט אינטואיטיוו פון אים באַאומרואיקט און באַהערשט. אָבער בא מייעראָוויטשן איז דאָס הוילע ציקאָוועס. דערפאַר טאַקע גייט ער צו צו אים אַף אַזא ציקאָווע אויפן.

ער הויבט אָן פון... עראַטאַמאַניע, פון „געשלעכטעווען". ראַכמיעל נאַכט־שוימער פאַרברענגט די נעכט אַף זיין איבערגעקערטן קעסטל באַם מאַגאַזין. פרעגט זיך: ווען און ווי לעבט ער מיט זיין ווייב? א גאַנץ וויכטיקע פראַגע, וואָס מייעראָוויטש געפינט פאַר נויטיק צו געבן אַף איר אַ „קינסט־

לערישן״ ענטפער... שילדערט ער אונז לאַנג און ברייט, ווי ראַכמיעל און זיין ווייב פאַרווירקלעכן זייערע קדושן-רעכט באַטאָג...

און ביכלאל קומט באַ מייעראָוויטשן ראכמיעל נאַכט-שוימער ארויס אַ גאנץ ראַפינירטע פערזאָן: ער איז ראק באהערשט פון עראטישע זעאונגען... באַטאָג אינדערהיים איז ער גאַנץ „רעאליסטיש״ מיט זיין ווייב, באנאכט באַם קעסטל איז ער גאנץ פאַנטאסטיש מיט אַ נעפלהאַפטן נאַכט-מיידל, — נאַכט-מיידלעך געפינען ניט, ווי באַוואוסט, קיין בעסערע קונדן, ווי די נאַכט-שוימרים... איז אים נאָך ווייניק, דעם ראַפינירטן באלטאַיוועניק, שטייט ער נאָך אָפּ שאָען בא אַ פרויען-מאנעקען אין דער מאַגאזין-וויטרינע און שטודירט אף איר די פאַר-וואנדלונגען פון מילכאָמע און רעוואָלוציע.

און די הויכע מאטעריע פארנעמט העכער א דריטל פונם ווערק. פאַר-עלטערטע קלאַנגען פון דער געשלעכט-ליטעראטור, וואס האָט אַמאָל אויפגע-בליט אין דער צייט פון דער רעאַקציע, וועלכע איז געקומען נאָך דער מאַ-פּאָלע פון דער רעוואלוציע פון 1905 יאָר. לעבט מייעראָוויטש איצטער אויך איבער א צייט פון רעאקציע?

אַלנפאלס, אין אונזער סוויווע קלינגען דידאָזיקע מאָטיוון אַזוי פאלש און פארעלטערט, און מאכן דעם איינדריק פון דער מאָדע „שאַנטעקלער״ אדער „שאראווארן״, ווען זיי פאַלן אריין נאָכן סעזאָן צו א קאַסרילעווקער.

און ווען מייעראָוויטש זאָל אונז געוועזן ווייזן, ווי די רעוואָלוציע עפנט דעם מויעך דעם נאכט-שוימער, דערדאָזיקער שטומער און דערשלאגענער נעשאָמע! אָט האָט בערגעלסאָן, לעמאָשל, אַמאָל אונז געגעבן אין דעם „טויבן״ דעם פּראָצעס פון אָנוואַקסן פון פּראָטעסט אין א טויבער און פּראָסטער נע-שאָמע. בא בערגעלסאָנען איז דער וועקער ניט רעוואָלוציע, נאָר געוויינלעכע אלטעגלעכע אונטערדריקונג און באַליידיקונג — און וואָס פאַר א קינסטלע-רישן אויפברויז מיר זעען דאָרטן! און דאָ איז דער וועקער די רעוואָלוציע אליין — און ראַכמיעל בלייבט דאָך קימאט אזוי שטום און טויב, ווי ער איז געווען, און ניט צוליב זיין שולד, נאָר צוליב דער שולד פונם שרייבער, וועלכער האָט נעווענדעט זיין אויפמערקזאמקייט צו אן אויסטערלישקייט פון גאָר אן אַנדער מין...

נאָר ראכמיעל איז דער אָביעקט פון רעוואָלוציע. מייעראָוויטש גיט אונז אָבער אויך איר כוביעקט — יאַסיק זיריאנער. און ווידער אַ דעקלאַסיר-טער, אַ שלימאזל, וואָס ווערט מעכאניש פאַרוואנדלט אין דער צענטראלער פערזאָן פון דער רעוואָלוציע. מיר זעען אויך דאָ ניט, ווי עפנט זיך באַ אים די נעשאָמע אף אויפצונעמען די אויסטערלישע איבערקערעניש. מיט די קינסטלעך אַריינגעשטעלטע פלאקאטן און שילדן ווערט די זאך דאָ ווייניק געהאָלפן.

און דער אלגעמיינער פאָן איז מאָרעשכוירע, געדריקטקייט, פרעמדקייט און פוסטע אָנגעשטרענגטקייט!

מיר האָבן זיך אף דער זאַך לענגער אָפּגעשטעלט, ערשטנס, ווייל ס'איז אַ פרואוו פון נייער פראָזע, און אַזעלכע פרואוון באַ אונזער אלגעמיינער

אָרימקייט אין פּראָזע פּאַרדינגען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט. און, צווייטנס, ווייל „ראכמיעל נאַכט-שוימער" איז דאָך א ווייטערדיקער שריט מייעראָוויטשעס לעגאַבע זיין „אין אַ צייט אַזאַ" סאַי אין זין פון דער נאַטירלעכקייט אין דער פאָרם, סאַי אין זין פון גרעסערער בוילעטקייט און קאָנצענטרירטקייט פון סיוזשעט. וואקסט דאָך ד. מייעראָוויטש — שטייט פאר אים די דרינגענדיקע פּראָבלעם צו וואַרפן די בעקיוונדיקע אויסטערלישקייט, דאָס „ציקאווען", אָנצוהויבן צו פארווירקלעכן זיך אלס שרייבער און ניט מאנירעווען, ווי א שרייבער. און—דער איקער: מער פרייד און שאַפונג און ניט אָנגעשטרענגטקייט פון איבערנעמען און איבעראַשן...

* *
*

צווישן לינקס — כאריק — און רעכטס — מייעראָוויטש — גייט דער „צענטער" — האלקין. דאָס איז אַ אינטערעסאַנטע דערשיינונג. א מין אידישזירטער העברייער. אין זיין ריטם פילט זיך דער רעטשיטאטיוו פון העבראיש. אן אייגנארטיקער טאלאַנט, וועלכער ציט זיין יעניקע מער פון דער העבראישער ליטעראַטור און האָט א קנאַפּע אינערלעכע פארבינדונג מיט דער מעסוירע פון אידיש. שטימונגען פון א אידן פון א גאַנץ יאָר, וואָס נעמט אָן פאַר גוט די רעוואָלוציע און די ראַטנמאַכט. אַ מין עלעגיש הייטל פון גוטמוטיקן „גאם זו לעטויווע" („ס'איז אַזוי אויך גוט") ליגט אף זיין שאַפונג.

האלקין זעט ניט, האַלקין גלויבט אפן אַלט-אידישן שטייגער:

„אויסגעהויכט אלץ איז ביז רויך און ביז שטויב,
און ווידער — פון שטיין און שטאָל א גלויבן".

ער טרויערט, וואָס דאָס שטעטל ווערט אויסגעליידיקט, אָבער ער האָפט, ער גלויבט, אַז ס'וועט זיין רעכט.

„קומט א צוג, גייט אָפּ א צוג און ס'בלייבט אין הארץ א וואונד".
אָבער דאָך קומט מען אמאָל אף א זומער צוריק און מע
„פארזייט אף גאַסן כאָרעווע אַ לירל פון קאָמיוג".

איז דאָך א סימען טרייסט... און דאָס אלץ איז ניט אַזוי קלאסנקאמף, ווי א געראַנגל פון נאציאָנאלע קרעפטן אין אידישן פאָלק:

„איז צייטנווייז טראכט זיך: א איד מיט א אידן,
נאָר עפּעס געשעען איז — און עפּעס פאַרשידן..."

א טיף סאָוועטיזירטער נאציאָנאַלער דיכטער, ד. ה. א דיכטער מיט נאציאָנאלע שטימונגען. נאָך אן אָביעקטיווער באווייז, אַז דער צוזאמענשלוס ברייטערט זיך...

* *
*

און צווישן די אלע געפינט זיך קיין אָרט ניט קוויטקאָ. ער ציט נאָך דעם פאָרהיסטאָרישן טאָן פונם „טויבן אומרו" פון א „טאם". די „בלאָ..ע", וועלכע ער האָט אמאָל זיך גענומען טראָגן „ערגעצוואו" אין זיין אומרו, איז איצט פארוואַנדלט געווארן אין אַ „בלאָנד-יאריק קינד".

„דיר, בלאנדיאריק קינד,
וועט בלייבן נאָר די שארף, די שארף פון שווערד,
און פון מיין האַס — דער אומרו״.

דאָ ווייזט זיך ארויס די אָפּגעריסנקייט פון אונזער קאָנקרעטער רעוואָלוציע, וועלכע האָט שוין געקראָגן א „הערנדיקן אומרו״...

דערנאָך קומט די נייטראלע פאָרם פון דער שטילער און נייטראלער ליריק באַ אקסעלראָדן, די געטאקטקייט פון כאשטשעוואצקיס שורעס — און ראסינס דערציילונג „אין רויש פון געשלעגן״. די דערציילונג איז פון דעם טיפּ „יונגוואלד״-נאָוועלן, וואָס זיינען פאַרן „יונגוואלד״ שוין אויך פארעלטערט: דער „יונגוואלד״ איז שוין אויך אריבער אדער צו הויך קוואליפיצירטער ליטעראטור, ווי פעפער און פינינבערג, אָדער צו די זאַפטיקע פּראוון פון זיין אייגענער קוזניע...

און גאר א באַזונדער, אַן אווטאָנאָם אָרט פאַרנעמען אין „נייערד״ איציק פעפער און כאים לעווין: פרייד, מונטערקייט פון עכטע קינדער פון דער רעוואָלוציע.

„פון עמיצנס א מידע האנט
האָט עפּעס ווייאיק שווער א קוש געטאָן מיין יונגן אקסל,
און מיטאמאל צעציגלט האָט מיר אין מיין הארץ אַ וואנט,
און טויערן צעפּראלן פאר הייסע פריידן-שלאקסן...״

(כאים לעווין).

אָדער:

„און שפּירן: אין האַרצן—דאָרט זינגענדיק פּולט
און ס׳צייטיקן בראָנזענע לידער...״

און דידאָזיקע פרייד איז שטאַרק באַ כאַים לעווינען, האַגאַם ער זאָגט דערביי:

„ווער ווייס, עפשער וואָרט שוין דאָרט ערגעץ אַ פעלד
אַף מיינע אַכצן קאָמיוגישע יאָרן...״
ווייל רעוואָלוציע איז פרייד אין אַלע אירע אַנכפּלעקונגען...

VI

אויספירן.

ביז אַהער האָבן מיר באַטראַכט בלויז דעם מאָסקווער אָפּשניט פון אונזער ליטעראַרישן פראָנט. אָבער מאָסקווע שעפּט ווייט ניט אויס אונזער ליטעראַרישן פראָנט. מיר האָבן אַ גרויסן ליטעראַרישן צענטר אין קיעוו, און עס שאַ[illegible] זיך אַ צענטר אין מינסק. דערביי האָט יעדער פון דידאָזיקע צענטרען זיי.ע באַזונדערע אייגנשאַפטן. אין אוקראַינע מערקן זיך אויך צוויי אָ־י.נ-[illegible]יעס,—און דאָס באַווייזט, אַז אונזער ליטעראַטור לעבט איצט איבער אַן

איבערבראָך־מאָמענט. דעריקער: אין אונזער ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבן אַ טיפער און באַוואוסטזיניקער פּראָצעס פון דיפערענצירונג.

אין דער הינזיכט האָט זיך אונזער ליטעראַטור אַרויסגעוויזן פאַר אַ פילבאַרן באַראמעטער, וועלכער רעגיסטרירט די טיפע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין אונזער ווירקלעכקייט.

פריער איז די באַזע פאַר אונזער קולטור־שאַפונג געווען אַ שמאָלע: בלויז איניקע קאַדרען פונם פּראָלעטאַריאַט מיט דער קולטור־טרעגערישער פאָלקס־אינטעליגענץ, וואָס קלעפּט אַרום אים. האָט די ליטעראַטור אָפט באַלקאָרכע זיך געמוזט האַלטן צוזאַמען אין אַלע הינזיכטן. אָבער די באַזע האָט זיך אָנגעהויבן אַלץ פאַרברייטערן. אַלץ גרעסערע שיכטן פון דער אַרבעטערשאַפט האָבן זיך קאָנסאָלידירט און זיך באַהעפט אין און אַרום דער פּאַרטיי און דער מאַכט. דערנאָך האָבן מיר אָנגעהויבן באַהערשן די קוסטאַרן, באַלמעלאָכעס און ביכלאַל די הארעפּאשנע מאַסן פון שטאָט, שטעטל און דאָרף. צום סאָף איז געקומען די גרויסע קאָלאָניזיר־אַרבעט, וועלכע האָט אנגעהויבן אויפרודערן און צוציען צו אונז קאַדרען פון דער אינטעליגענץ „ביכלאל".

ס'האָבן זיך באַוויזן רעאַלע פּערספּעקטיוון פון אַ ברייטן צוזאַמענשלוס פאַר אונזער קולטור־שאַפונג אַפן אַלגעמיינעם באָדן פון דער סאָוועטישער רעוואָלוציע, דאָס צוזאַמענזיין אויג אַף אויג בלויז מיטן פּראלעטאריאט הערט שוין אויף צו זיין אַ מוז אויך אין דער אידישער סוויווע,—ס'מערקט זיך די מעגלעכקייט זיך צו אָריענטירן אַף אַ ברייטערן צוזאַמענשלוס. האָט שוין לאַנג אָנגעהויבן פּלאַצן דער „שטראָם", און איצט האָבן זיך די שעפער פון אונזער ליטעראַטור צעטיילט, צעזייט און צעשפּליטערט אין זוכעניש נאָך אַן אויסגעוויילטער באַזע,—אָבער אַלע אין די ראַמען פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט.

דער פּראָצעס פון איבערגרופּירונג איז אַ וויטיקדיקער, ווייל אַלע זיינען געוואוינט צו אנערקענען און אנערקענען נאָך אדהאיאם די אויבערהאנט פונם פּראָלעטאַריאַט אין אונזער קולטור־שאַפונג אַפילע דאַן, ווען אומבאַוואוסטזיניק האָבן זיי אין זייער שאַפונג זיך ניט אָריענטירט אַף אים. איצט, ווען באַם אויפקומען פון נייע שיכטן, וואָס באַטייליקן זיך אין שאַפן דעם ברייטן צוזאַמענשלוס, באַקומט די שאַפונג פון דעם אָדער יענעם שרייבער אַ רעזאַנאנס אין אַן אנדער, ניט פּראָלעטארישער סוויווע, שרעקן זיי זיך אַליין, און ווען מע שטרייכט אונטער אָט דעם רעזאָנאנס, טייטשן זיי דאָס אויס, ווי אַ מין אויסשליסן פונם סאָוועטישן קאהאל. פון דער אַנדערער זייט, שאַפט זיך באַ די, וואָס אָריענטירן זיך באַוואוסטזיניק נאָר אַפן פּראָלעטאַריאַט, אַ מין קריגערישקייט פון „קינדערשער לינקשאַפט".

דאָס באַשאַפט אַן אומרואיקע אַטמאָספער אין אונזער ליטעראַטור, וואָס איניקע האָבן עס שוין אַפילע געקרוינט מיטן נאָמען „בירגער־קריג אין אונזער ליטעראַטור". אָבער אין דערעמעסן איז דאָס ניט ריכטיק,—ניט קיין „בירגער־קריג" קומט פאר אין אונזער ליטעראַטור, נאָר עס קומט פאָר די געבורט

פון טַן עמעסער, ברייטער, רייכער און פּאַרצ׳וייגטער סאָוועטישער ליטעראַטור באַ אונז,—פון אַזאַ סאָוועטישער ליטעראַטור, וועלכע נעמט אַריין אַלע שיכטן פונם אָנגעמערקטן צוזאַמענשלוס: אָנהויבנדיק פונם פּראָלעטאַריאַט און ענדיקנדיק מיט די גרופּן און שיכטן, וואָס געפינען זיך אַפן סאַמע ראַנד פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט.

און אויב אין דער רוסישער סוויווע גייט די אָריענטאַציע ניט אויסשליסלעך אַף פּראָלעטארישע ליטעראַטור, נאָר אַף אַרבעטער-פּויערשע, פּאַרברייטערט ביז סאָוועטישער ליטעראַטור, מוז דאָס באַ אונז, אין די אידישע באַדינגונגען, אוואַדע אַזוי זיין.

ווייל ניט קיין בירגער-קריג האָבן מיר און דאַרפן האָבן אין אונזער ליטעראַטור, נאָר דיפערענצירונג אין די ראַמען פונם ברייטן סאָוועטישן צוזאַמענשלוס.

יוני 1925.

אינהאַלט

זייטל

פאָרוואָרט 3
יערושע און העגעמאָניע (אנשטאָט אן אריינפיר) 5

I. פון יערושע.

יאקאָוו דינעזאָן 29
י. ל. פערעץ 34
י. ל. פערעץ (טעזיסן) 44
א. ווייטער 50
דער אַלמאנאך „אייגנס" 61

II. צו העגעמאָניע.

דער „עמעס" און די ליטעראטן 74
אין וואָס באשטייט די טאינע 80
ערעוו אָדעו' איסרעכאג? 84
גילגל פון א נעס 99
אנאכראניזם 103
אינדוסטריעלע מעליצע 105
אָן לאָשן 108
ערשטע פרואיון 113

יוגנט-ליטעראטור.

די סכעמע איז פאראן 120
4 נומערן „יונגוואלד" 124
צוויי יאָר „יונגוואלד" 129
קונסט ביכלאַל און אַרבעטער-שאַפונג ביפראַט 132
אַרבקאָרן-שאַפונג 143
די שפּראַך פון אונזערע צייטונגען 149

נייע פראָזע?..

דער קריזיס 159
ערעוו-סאָיועטישע ליטעראטור 164
נאָכגעמאכטע ליטעראטור 169
ליבהאָבער-ליטעראטור 174
אַ כאַווערשער גערוס 181

באַם איבערבראָך.

פאָרם און אינהאלט 189
„שטראָם" 194
די ליניע פון דער דיפערענצירונג 202
„אקטיאבר" 204
„בייערד" 207
אויספירן 217

הילע — נאטאן אלטמאן.